STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03456

DI FROY FUN UNDZER BEYNKSHAFT

Max Brod

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאקס בראד

די פרוי פון אונדזער ביינקשאפט

ראמאן

אידיש ז. קאַלמאַנאָוויטש

„ביכער פאר אלעמען“ ריגע

1928

דרוקעריי ד. אַפּט. ריגע, פּאַרק־גאַס 1־א. טעל. 22709

1959

באַגעגעניש.

אפן פּלאַקאַט פון רעווי מיט זיינע שרייענדיקע בילדער איז געשטאַנען אויפגעשריבן: „אַ נאַכט משוגענע ליבע“, ס'האָט זיך אָבער ניט געלאָזט גלויבן. און ווי א חילול הקודש האָט עס געקלונגען ממש, ווען מען האָט באַמערקט דעם שטאָק=אַלטן דינער אין ליווריי, וואָס האָט מיט אַ מידן פּנים זיך אַרומגעשלעפּט אהין און צוריק ביים אריינגאַנג אין דער „פאָלי בערזשער“ און וואָס האָט צוזאַמען מיט צוויי אָפּגעבאַרעטע און ברוגזע וועכטערס באַדאַרפט אָפּהיטן די צופאָרנדיקע אויטאָס.

„אַ נאַכט פון ליבע“ — אָדער גיכער אַ גרויסע שווער=אַרבעטנדיקע מיל פון דער פרעמדן=אינדוסטריע? דער ענטפער איז געווען אזוי טרויעריק, אַזוי קלאָר.

פאַרוואָס איך בין געגאַנגען אהין, ווייס איך אַליין ניט. איך בין געווען גליקלעך ביז גאָר. איז געווען אַלץ איינס, ווו איך וועל דעם אָוונט פאַרברענגען. אין קעשענע פון מיין רעקל האָט געשאָרשקעט דער בריוו, וואָס האָט מיך גליקלעך געמאַכט. א בריוו, וואָס איך האָב אף אים געוואַרט אסך טעג. היינט האָט אים די פּאָסט געבראַכט. אַ בריוו פון דער געליבטער מיידל, וואָס איך האָב געקענט אין אַ וואָך אָדער צוויי אומקערן זיך צוריק צו איר, נאָכדעם ווי איך וועל האָבן געענדיקט מיינע פּאַריזער עסקים...

אין פאָיע, וואָס זיין פילפאַכיק געשפיגלט ליכט האָט די אויגן געצונדן, האָבן געאַרבעט מיט רעש די איבעריקע טיילן פון דער פרעמדן=אינדוסטריע=מאַשינע. דער קאַסירער. דערנאָך עפּעס א מאָדנע קאָלעגיע פון דריי חשובע זקנים אין פראַק, וואָס זיינען געזעסן הינטער א טיש און וואָס זיי האָט מען געדאַרפט באַווייזן

דעם געקויפטן בילעט און אומבייטן אים אױף אן אנדערן. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן זאַכלעך, שטריינג, בייז. דער אמתער קבלת פנים צו „אַ נאַכט פון ליבע". — האָט מען געצאָלט ביי דער גאַרדעראָבע, האָט אַ בלאַס גראָבלעך מיידל, וואָס האָט דאָ באַדינט, עפּעס נאָכגעשריען, וואָס האָט געקלונגען אין ערך ווי: „ען פּטי בנעפיס", דאָס הייסט בעצם אַ בקשה אױף טרינקגעלט. אין דער אמתן איז דאָס ניט געווען קיין בקשה, נאָר עס האָט אין ערך באַטייט: „דו לעקיש איינער, דו ווייסט אפילו ניט, אַז דו באַדאַרפסט מיר געבן טרינקגעלט. אפילו דאָס מוז מען דיר אונטערזאָגן אידיאָט".

פאַרשעמט קערט מען זיך אום און סילוקט אויך דאָס טרינקגעלט.

פאַרשעמט טאַקע, אָבער ניט ברוגז. ערגערן זיך איז ניטאָ וואָס. אין אַזעלכע ערטער פון גראָבע פאַרגעניגנס פאַר גראָבע אויסלענדער דאַרף מען זוכן נאָר אומגליקליכע, ארימע אויסגע־דיווערטע אנגעשטעלטע, וואָס זיינען אויסן נאָר דעם אויסלענדערס טייסטערל. איבעריקנס, אָן אַ שלעכטער כוונה. פּשוט מיטן אינסטינקט פון קאָמאַרעס, וואָס מוזן זויגן בלוט. —

אָט דער פאַרשווין, וואָס האָט מיך דאָ אָפּגעשטעלט, איז משמעות אויך געווען איינער פון דידאָזיקע נפשות. דאָס איז געווען אן עלטערער מענטש, אָפּגעריסן אָפּגעשלים.

„איך האָב מיר, הייסט דאָס — האָב מיר הייסט דאָס גע־מאַכט אַ פרייען אָוונט", האָט דער מענטש הינטער מיר אונטער־געברומט. „האָב איך אייך געוואָלט בעטן"... און דערביי האָט ער מיר איבערגעיאָגט און געשטעלט זיך פאַר מיר.

איך האָב געוואָלט פאַרביי אָן צו ריידן אַ וואָרט. צו מיר האָט ער גערעדט דייטש, און די פאַרשווינען, וואָס ווענדן זיך צו אן אומבאַקאַנטן מענטשן אין פּאַריז אױף דייטש, זיינען פון די ערגסטע. געפערלעכע אגענטן פון די שמוציקסטע שיינקען. דער ניט גע־ניטער פרעמדער קאָן גרינג באַשווינדלט ווערן. ניט ענטפערן איז דער בעסטער מעטאָד אויסצומיידן דידאָזיקע שווינדלערס.

„ען פטי בנעפיס" האָט געבעטן דער דינער, וואָס איך האָב בײַ אים געקויפט אַ פּראָגראַם.

ווידער אַמאָל פאַרגעסן! האָב איך זיך אַליין אופגעוואָרפן, געגעבן דאָס געלט — ווידער איז געשטאַנען דער פרעמדער אין וועג — דאָסמאָל פון אַ זײַט.

„אומפאַרשעמט — ווי אַלצדינג דאָ" — האָט ער געבור־טשעט און אַרויסגעזאָגט מײַן געדאַנק — אמת מיט אַן אונטער־שייד אין ניואַנס. מיר איז געווען טרויעריק פון אָט דער אומ־פאַרשעמטער בעטלערײַ, וואָס הינטער איר האָט מען געשפּירט אמתע נויט. דער פרעמדער האָט זיך געריבן די הענט פאַר שמחה.

אָבער ניט איבער דעם אַליין בין איך געווען נשתומם. — אַלע דידאָזיקע שײַנק־אַגענטן זײַנען דאָך פּילאָזאָפן. געפאַלענע מענטשן מיט אַ געוויסער בילדונג פון פריער. דאָס איבעריקע ברײַנגט זייער ביטערע פּרנסה. — זײַן באַמערקונג הייסט דאָס, האָט מיך ניט פאַרוווּנדערט. אָבער אַז איך האָב אים אַרײַנגעשטעקט אַ מטבע אין האַנט, האָט ער ניט געוואָלט נעמען. האָב איך גע־נומען זיך נעענטער צוקוקן צום פאַרשוין.

„איך בעטל ניט", האָט ער געזאָגט רויִק און פּשוט.

ער איז געווען שלאַנק, ניט געוויינטלעך הויך און מאָגער. דאָס מערקווירדיקסטע איז געווען זײַן אָפּגעצערטער געלבלעכער פּנים, וואָס האָט זיך גאָר ווינציק אָפּגעשיידט אין פאַרב פון דער העל־ברוינער באָרד און באַקן־באָרד. די באָרד האָט אויסגעוויזן צוגעפּוצט, אָבער פונדעסטוועגן האָט זי געמאַכט אַן אײַנדרוק פון געפאַלן, איך וואָלט זאָגן: פון קראַנקהאַפטיק. אַזוי ווי איט־לעך האָר באַזונדער וואָלט געווען מיד, אַזוי ווי יעדער אײנציקס וואָלט געווען געשלאָגן מיט אַ באַזונדער קראַנקייט. צוגעפּוצט און פאָרט דלות — דאָס איז געווען דער אײַנדרוק בכלל. דער־פאַר האָט ער מיר פריער אויסגעדוכט „אָפּגעריסן", בײַם צוקוקן זיך נעענטער האָט מען קיין אָפּגעריסנס בײַ אים ניט געפונען. נאָר אָרעמקייט. די אָרעמקייט איז געווען ממש אײַנגעזאַפּט אין דעם אָפּגעטראָגענעם, גלאַנציק־אויסגעריבענעם קאָסטיום. פונדעסט־

וועגן האָבן די הויזן געהאַט שאַרפע קנייטשן פון פרעס. דווקא אָט די שאַרפע קנייטשן אין שלעכטן געוואַנט זיינען דער בפירושער סימן פון דעקלאַסירטקייט.

„ערווין מאַירעדער" האָט געזאָגט דער פרעמדער און האָט זיך געבויגט, ווייל איך האָב אים גענוי באַטראַכט. נאָכן פאַרבויגן האָט זיך ביי אים דער אויבערשטער טייל קערפער נאָך עטלעכע מאָל א שאָקל געטאָן — דאָס האָט מיר באַלד דערמאָנט די מאַנירן פון אמאָליקע עסטרייכישע אָפיצירן. דערצו האָט נאָך געשטימט דאָס דינע ראָר־שטעקל, וואָס ער האָט געטראָגן — א שטעקל אָן א הענטל, וואָס דערמיט האָט ער זיך פון צייט צו צייט געשלאָגן פון דער זייט אף די הויזן, ווי מיט א רייטבייטשל.

„וואָס ווילט איר פון מיר?" האָב איך געזאָגט. „איר האָט דאָך עפּעס גערעדט צו מיר, געבעטן..."

„יאָ, איך האָב געוואָלט — איך האָב געוואָלט — אָט דאָס" — ער האָט מיר באַוויזן א גרינעם אַריינגאַנג־בילעט. „איך בעט אייך, בייט מיר איבער דעמדאָזיקן בילעט אף א בעסערן..." און אַז ער האָט באַמערקט מיין פאַרוווּנדערונג: „וואָרום איך מוז מער זען... בעסער זען... זען אַלצדינג. גאָר פון פאָרנט, אַלע מענטשן אין פּנים". דערביי זיינען זיינע אויגן ווי ברייטער געוואָרן, און אַז ער האָט זיך אין היץ צו מיר נעענטער צוגערוקט, האָט מיר א שטאָך געטאָן אין נאָז א גרינער, אָבער א זייער גיפטיק־שמעקנדיקער ריח פון אַלקאָהאָל. — איבעריקנס, שיכּור האָט ער ניט אויסגעוויזן. פאַראַן מענטשן, וואָס זייער קערפּער איז אזוי דורכגעזאַפּט מיט שאַרפע געטראַנקען, אַז זיי שפּירן אפילו ניט, וויפיל זיי זאָלן אויך טרינקען. בכלל האָט דערדאָזיקער מענטש קיין שלעכטן איינדרוק ניט געמאַכט. ער האָט זיך באַוועגט אפילו זייער גראַציעז, אמת ביים ריידן האָט ער זיך פאַרהאַקט, אָבער דאָס האָט געהאַט א באַזונדער חן: עס האָט אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט זיך געשעמט. זיין בקשה אָבער איז געווען א מאָדנע. אָנשטאָט א וועטשערע, וואָס וואָלט אים געוויס ווויל באַקומען, לויט זיין אויסגעהונגערטן פּנים — האָט ער געוואָלט

האָבֿן א לוקסוס-בילעט אין „פֿאָלי בערזשערי“. נאָר אין יענעם אָוונט האָבֿ איך ניט געקאָנט זאָגן „ניין“, איבֿער דעם בריוו, וואָס איז סוף כּל סוף אָנגעקומען. אַלע מינוט האָבֿ איך געטאַפּט אין קעשענע, און דאָס צעקנייטשטע פּאַפּיר איז געווען ווי אַ גלעט פֿאַר מיין האַנט.

איך בין געגאַנגען צוריק צו דער קאַסע.

דער מענטש איז געגאַנגען האַרט נאָך מיר: „א היפּש גוטן פּלאַץ, זייט אזוי גוט“. אין זיינע בלאָע אויגן, וואָס האָבֿן געשטראַלט פֿון אַן איבֿערערדישן גלאַנץ (אָדער פֿון אַלקאָהאָל) האָט עפּעס אויפֿגעפֿלאַקערט, וואָס האָט מיר איינגעגעבֿן דאָס געפֿיל פֿון א נאָענטקייט, פֿון אַ גייסטיקער קרובֿישאַפֿט. „מיר ביידע ליידנשאַפֿטלעכע — אין מיטן אָט דעם טויטן פֿאַבריק-רעשי“, האָבֿ איך געטראַכט. אט דער בריוו אין קעשענע האָט דאָס אָנגעמאַכט; אַן אמתע פֿרייד הוילט אַלע קליינלעכקייטן און שמוציקע רעניש אין לעבֿן. איך האָבֿ געקויפֿט דעם מענטשן אַ פּלאַץ נעבֿן מיר. איבֿעריקנס, איז אפילו ניט געווען כּדאַי צו ריידן וועגן דעם.

פֿ אָ ל י ב ע ר ז ש ע ר.

שפּעטער איז ער געזעסן זייער ערנסט נעבֿן מיר, האָט זיך אָבֿער אויפֿגעפֿירט גאָר אַנדערש, ווי איך האָבֿ געקלערט.

אף דער בינע, אָט דער ווייסער רייזיקער לאָך, פֿאַרגאָסן מיט זודיקן ליכט, מיט גאָר איר טופֿערײַ און גוואַלדעווען, האָט ער גאָר ווינציק געקוקט. אַזוי ווי נאָר צוליבֿ קאָנטראָל. זיינע אויגן האָבֿן פֿון אָנהייבֿ אָן שפּאַצירט איבֿערן פּאַרטער. אויך דער גרויסער זאַל אין פּאַרטער איז געווען האַלבֿ-באַלויכטן. א בין-השמשות-ליכטיקייט האָט אַראָפּגערעגנט פֿון די ברייטע רעפֿלעקטאָר-פּאַסן, וואָס זיינען איבֿער אים געלעגן בלאָלעך-ציטערנדיק, ווי פּאַרפֿומירטע וואַטערשטראַלן פֿון ניט-געזעענע דאַמף-שפּריצן. דער שטיל זידנדיקער גערויש פֿון די פֿיל רעפֿלעקטאָרס, וואָס האָט דורכגעדרונגען, ווי אַ ווילדער קריגס-געזאַנג פֿון תּאווה דאָס גאַנצע הויז, פֿון דעם טומל אף דער בינע ביז צו דער רואיקייט פֿון פּובֿליקום — צי האָט דער פֿרעמדער זיך צוגעהערט

צו אָט דער מעלאָדיע, וואָס איז אַרויס פון דער טיפעניש? ער האָט זיך איינגעהאָרכט, ער האָט געגאַפט. וואָס האָט ער געקאָנט זוכן? צוליב וואָס האָט ער געוואָלט ווערן מיטגענומען, ווײַבאַלד ער האָט גאָר אַף דער בינע נִיט געקוקט?

איבער צניעות געווים ניט. דאָס האָט מען געקאָנט מערקן אַף זײַן פנים. גיכער האָט דאָס פנים געוויזן פרייד פון עמיצן, וואָס שפּירט זיך זייער גוט, צוגעמישט מיט אַ מין ליצנות פון אַ קינד און עקשן. דערבײַ קיין שום טאַדל ניט, אַדרבא אפשר גאָר אַ מין לויב און צושטימונג.

איך בין בּיסלעכווײַז געוואָרן נערוויז: וואָס שווײַגט ער? וואָס קוקט ער ניט אַף דער בינע? איך האָב אויך אָנגעהויבּן זיך אַרומצוקוקן אין זאַל צווישן די צוקוקערס. דאָס האָט בײַ אים אַרויסגערופן די ערשטע באַמערקונג: „ניט אמת, ס'איז דאָך אַ סך אינטערעסאַנטער”...

אַ בּילד, וואָס איז באַוויזן געוואָרן, האָט אים איבּערגעהאַקט די רייד.

אַף דער סצענע איז אויפגעשפרונגען דער „אַלטער אַבּאָ־נענט” פון זײַן לאָזשע און האָט פּראָטעסטירט, וואָס די רעווי איז „ניט געניג נאַקעט”. דער טיטל „איבערנאַקעט” איז גענאַרט א. או. וו. דער זקן, באַפּוצט מיט אַ בענדל פון ערן־לעגיאָן, טראָגט זיך אָפּ. סצענע־בּיט: „די הינער אפן שפּיז”.

„די הינער אפן שפּיז”. דאָ זעט מען אַף דער סצענע אַן אָפענע פּליטע, פאַרגרעסערט אומנאַטירלעך; מיט ריזיקע ליכט און מיט שפּיל־פיגורן אפן געזימס, גרויס בּיז אַ האַלבּן וווּקס פון אַ מענטשן. דאָס אַלץ, בּכדי די הינער, וואָס ווערן געבּראָטן אפן שפּיז איבּער אָט דער פּליטע, זאָלן קאָנען זײַן ריכטיק די גרויס, ווי מענטשן. אפן שפּיז אין דער ברייט איבּערן בענגאַלישן פײַער פון דער פּליטע צוויי אָנפּאָרמיקע באַשעפעניש — די געפּליקטע הינער — אָדער זײַנען דאָס טאַקע מענטשן, פרויען, אָט אַזוי צונויפגעקאָרטשעט? שפּליטער נאַקעט, גענוי ווי געפּליקטע הינער. דאָס איז בײַ די אומגליקלעכע מיידלעך־הינער דערגרייכט געוואָרן דורך דעם, וואָס דעם קאָפּ זייערן האָט מען

טיף אַריינגעדריקט אין דער בּרוסט, דעם פּנים זעט מען בּכלל ניט, איבּער די אַרופגעצויגענע קני שטעקט אַרויס אַ קנויל האָר און די גאַנצע מאַסע פלייש איז צונויפגעבּונדן מיט שטריק, אמתע „סחורה״. פּאַמעלעך דרייען זיך די שפּיזן, מיט זיי די הינדלעך.

„ווי פריילעך, ווען מען ווערט ניט דערבּיי טרויעריק״ זאָגט מיין שכן.

דאָס איז אמת. מען קאָן פאַרשטיין יעדען שפּאַס אין דער וועלט, אָבּער נאָך אַזאַ בּילד וואָלט זיך ווען לאָזן דעזינפיצירן די אויגן.

„דער עולם אַפּלאָדירט״ — בּאַמערק איך און שפּיר זיך שוין פאַרבּונדן מיטן פרעמדן, אין קאַמף קעגן המון.

אָבּער ער איז ניט אופגעבּראַכט. פאַרקערט, פון זיין מאָ־גערן פּנים שיינט אַרויס עפּעס אַ פריינטלעכע חכמה, ווי בּאַ אַ פאָרשער, וואָס האָט אקאָרשט געפונען אַ בּאַשטעטיקונג פאַר זיין שיטה.

איצט איז מיר איינגעפאַלן, אַז ער האָט געבּעטן אַ בּעסערן פּלאַץ, „גאָר פון פאָרנט״, בּכדי צו קוקן „אַלע מענטשן אין פּנים״. עס איז אויסגעקומען, ווי ער וואָלט בּאַ די אַלע מענער און פרויען אַראָפגעלייענט פון פּנים די ענערגיע פון דער אַרויסגע־שוויצטער תאווה. גאָר ניט אַף צו טאַדלען. אדרבּא ס׳האָט אויסגעדוכט, אַז די געהעכערטע טעמפּעראַטור, די תאווהדיקייט פון פּובּליקום, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין הייזעריקן קייכן און אין פאַרשעמטע שמייכל־גרימאַסן, האָט אים פאַרשאַפט פאַר־געניגן. איצטער האָט ער אויך אַפּלאָדירט, און איך האָבּ אים שוין גאָר ניט פאַרשטאַנען.

„גרויסאַרטיק״ האָט ער געשריען בּאַ אַלע נאַרישע אומ־געלומפּערטע סצענעס און בּילדלעך און אַפּלאָדירט מיט אַלע כּחות.

„וואָס איז? וואָס ווילט איר דען?״

אַף דער בּינע האָט ער אויך איצט כּמעט ווי ניט געקוקט, נאָר כּסדר אַף דעם צוקוקער־עולם.

„אָט די גאַנצע אָנשטריינגונג, וואָס מיט איר גראָבט מען צו געפינען גאָלד — אין אַזאַ אָרט, וווּ ס'איז לחלוטין קיין גאָלד ניטאָ — און מחמת דעם ווערט מען געריצט נאָך צו פאַרמערן די אנשטריינגונג. פּאַסט נאָר אויף, עס ווערט אַלץ מער משוגעז!" און אזוי איז עס געגאַנגען ווייטער, איין סצענע ענלעך צו דער אַנדערער; עס איז שוין געוואָרן לאַנגווייליק. וואָס בין איך דאָ נאָך געזעסן? דער מענש נעבן מיר האָט מיך שוין אינטערעסירט מער, ווי די גאַנצע שפּיל — דאס איז געווען די מעשה. איך האָב אַף אים געוואַרט. איך האָב געוואָלט מיט אים ריידן. עפּעס וואס איז אין מיר אנגערירט געוואָרן דורך זיינע רייד, איינער פון מיינע פיל ספיקות. באַלד פון אָנהייב אָן האָב איך מערקווירדיקערהייט געהאַט דאָס געפיל, אז אָט דער מאדנער מענטש דאַרף מיר א סך זאַכן קלאָר מאַכן, צווישן אנדערע אויך איבער דעם בריוו, וואָס איך האָב געטראָגן אין קעשענע. „מען גראבט נאָך גאָלד, וווּ עס איז לחלוטין נישטאָ" — דאָס איז מיר שוין פון קאָפּ ניט אַרויס; איך האָב אויך ניט געקאָנט פּטור ווערן פונם צעוויטיקטן שמייכל אינם פרעמדנס דאַרן פּנים.

סוף כל סוף אין אַ פּויזע האָב איך אים אַרויסגעקראָגן אין גרויסן פּאָדער־זאַל. מיר זיינען געזעסן פארן בופעט ביי גלעזער ליקער. דערנאָך זיינען מיר געזעסן אין א גוטן רעסטאָראַן — איך האָב אים געהאַט איינגעלאַדן צו וועטשערע. אין יענער נאכט האָט מיר מאַירעדער דערציילט זיין גאַנץ לעבן. מיר האָבן עטלעכע מאָל געביטן דעם לאָקאַל, זיינען געזעסן אין קאפּיים אַף די בולוואַרן, האָבן באַזוכט פארשיידענע טיילן שטאָט, צולעצט, שוין אין מאָרגן־נעפּל, זיינען מיר געווען אין אַ קליינעם שיינקל בּאַ די מאַרק־האַלעס. איך וואָלט ניט געקאנט זאגן, וואָס עס האָט מיך פאַרפירט צו בלייבן מיט אים די גאַנצע נאַכט. מיך האָט פארכאַפּט זיין כאַראַקטער, אפשר איז עס דאָס געווען — ער האט געדאַרפט זיין אַ פאַרביסענער און מסתמא אויך א שטאָלצער מענטש, דאָ האָט ער פּלוצים אנגעהויבן ריידן. האָט פון אים א שפּאר געטאָן מיט א כח ניט איינצוהאַלטן עפּעס אזוינס טונקלס, אז עס האט איינעם אפּגעגאסן ווי מיט קאַלט וואַסער.

גאָט ווייס וויפיל יאָר ער האָט געשוויגן — און מיט איין מאָל אָט דידאָזיקע באַריידעוודיקייט, ממש איבערנאַטירלעך, ווייטיקדיק. פאַרוואס האָט ער דערציילט זיין גאַנץ לעבן, מער ווי זיין לעבן — מיט אַלע טיפענישן און באַהעלטענישן פון אַ מענטשנס נשמה — פאַרוואָס גראָד מיר? אפשר ווייל ער האָט אין מיר געפילט די ליידנשאַפט, וואָס האָט געענטפערט דער זייניקער; — איך גיי דורך דער וועלט אַזוי פאַרלאָרן, קיין זאַך פאַרשטיי איך ניט ביזן גרונט, אומעטום זוך איך הילף. אין דער ליכטיקייט פון זיינע בלאָע אויגן — האָט מיר אויסגעוויזן — איז פאַראַן עפעס אַ ווייטע, זייער ווייטע הילף. אַהין בין איך אַנטרונען און האָב אים צוגעהערט מיט כוונה, ממש ווי אַ שילער. אפשר האָט דאָס אים פריי געמאַכט די צונג — אָט דאָס צוהערן, אָט דאָס ערלעכע ווילן לערנען. — ניין, קיין שווינדלער איז ער געווים ניט געווען, ווי איך האָב פריער גערעכנט. נאָר איינער פון די מערקווירדיקסטע צווישן די מערקווירדיקע מענטשן, וואָס ווערן אין פאַריז אַרויסגעשמיסן פון לעבן. אַז מיר זיינען געגאַנגען איבערן פּלאַץ קלישי, איז ער געבליבן שטיין נעבן אַ קעסל, ווו עס האָבן זיך געבראָטן וואַלד=נים. „נעמט" האָט ער צו מיר געזאָגט. און דאָ האָב איך ניט געטאָרט צאָלן. „דאָס איז מיין געשעפט און דאָס איז מיין שטעל, אָטאָ דאָ", האָט ער געמאָלדן, „און ערנסט, אָט דער בחור אָ, איז מיין פאַרטרעטער פאַר דער נאַכט, ווען עס האָט זיך מיר ווידער פאַרוואָלט באַזוכן אַ נאַכטלאָקאַל. נאַ, ווייטער, ווייטער שמעקט? אַ ווילע זאַך, אָט די געריישטע נוס=קערנער, ניט אמת? איך זוך אַ קליינעם קאַפּיטאַל, בכדי איינצופירן אָט דעם מין גאַסן=האַנדל ביי אונדז, אין ווין און בערלין — ביי אונדז בראָט מען נאָך אַלץ נאַרישערוויז אַלץ קאַשמאַנעס — מיינט איר ניט, אַז מיט געבראָטענע נים קאָן מען אין גאַסן=האַנדל מאַכן אַ גוט געשעפט? אַלע גוטע אידייען זיינען פשוט, מיט דער האַנט צו טאַפּן. דער עיקר איז צו נעמען זיך פאַר זיי מיט ענערגיע און זיי אויסצופירן. מען קאָן אויף אַזאַ אופן פאַרדינען מיליאָנען. און בכדי אָפּצוצאָלן געוויסע חובות, איך בין זיך אָפן מודה — וואָלט איך גערן געווען צו מאַכן אַ מאָל

אַ מטבע״.

אָבער דאָס איז שוין געוואָרן געוואָרן אין אַ שטימונג פון אויסניכטערונג.

אין אָנהייב האָט ער גערעדט גאָר אַנדערש. מיט באַגייס־טערונג, מיט אַ מבול פון ווערטער, וואָס וואָלט פאַרפלייצט אפילו ניט אַזאַ געהאָרכיקן ווי איך. און דערביי — דאָס איז אַלע מאָל געווען דאָס אייגענע אין אים — אַזוי פיין און צאַרט; אָנגענעם אפילו ווען ער האָט זיך געברוגזט.

אין אָנהייב איז ער טאַקע געווען היפּש ברוגז. „לויפן אַהער די מענטשן", האָט ער געטענעט. „שטענדיק די ווייבער! נאַריש־קייט. אויך איך לויף אין שיינקל אַריין; דאָס האָט איר דאָך געוואָלט אָפּפרעגן. יאָ, אָבער ביי מיר האָט דאָס אַן אַנדער טעם. יצר הרע איז דאָ אַ האָר ניטאָ. אָבער איר גופא, איר געהערט צו יענע, וואָס לויפן נאָך ווייבער מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג. ווי דערקען איך דאָס? אַ באַשטימטער שטריך אין פּנים זאָגט מיר דאָס. איינגעפאַלענע באַקן און אַ פאַרשטאַרטער בליק, אַזוי ווי אָן ברעמען. איר דאַרפט מיר ניט זאָגן, אַז איר האָט ברעמען — אפילו גאַנץ נאָרמאַלע לאַנגע ברעמען, ווערדליק איך זע. אָבער פונדעסטוועגן איז אייער בליק ווי אָן ברעמען, דאָס הייסט פייכט, געפייניקט, אומבאַוועגלעך און אָן פריוויט. איר מיינט: עס קאָנען זיין אויך אַנדערע תאוות, וואָס מאַכן איינפאַלן די באַקן און אָפּפאַלן די ברעמען — מען איז מגזם די מעשה מיט די ווייבער. מען הערט איצט אָפט ריידן: פאַראַן נאָר איין סאָרט מענטשן, וואָס פאַר זיי זיינען די ווייבער אַזוי וויכטיק, די אַנדערע זאָלן האָבן גאָר אַנדערע אינטערעסן — כבוד, געשעפט, פּאָליטיק. אָדער מען קומט צו מיר מיט טענות: „עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע צייט. פריער איז געווען דאָס און יענס, איצט אָבער"... ווייסט איר, קיין זאַך מאַכט מיר אַזוי ניט לאַכן, ווי די מענטשן, וואָס מיינען, אַז זיי זיינען געשטאַנען דערביי, ווי דער וועלטגייסט בכבודו ובעצמו האָט אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג צו אַ נייעם אקט פון דער וועלט־געשיכטע. אַזעלכע מענטשן לויפן אַרום אין די גאַסן אויסשמעקנדיק אַלץ: צי האָט זיך שוין ניט אָנגעהויבן אַ נייע

ערע? שטותעריי! אוודאי ביטן זיך אַ סך זאַכן, אָבער לחלוטין ניט אַזוי פּשוט און עפֿנטלעך. און דער עיקר בלייבט דאָך: אַלץ, ווי געווען, און אַלץ אַזוי פֿאַרדרייט און פֿאַרפּלאָנטערט, אַז מען קאָן גאָר ניט דורך: דאָס האַרץ, און די ליבע און די פֿרוי, וואָס מען ציט זיך צו איר. מען האָט אפשר געקאָנט מיינען, אַז אָט דער גאַנצער געפּילדער מיט דער עפּאָכע, וואָס מען מאַכט היינט, איז ניט מער ווי דער פּרווו אַריבערצושרייען די אייביקע בענקשאַפֿט. וואָס פֿאַרלאַנגען מיר דען אַנדערש, מיר אַלע אינ=איינעם, ווי פֿון גרונט אויס אַנדערש צו ווערן — מענטשן, וואָס האָבן כאָטש איין מאָל אין לעבן געהאַט אַ פֿולקומען גליק אָן שום פֿלעק — און דאָס הייסט טאַקע: זיין אַ נייער מענטש. אָדער ווי די ביבל זאָגט: „גיב מיר, גאָט, אַ נײַ האַרץ און אַ נייעם גייסט“. ניין. עס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט עפּאָכע. עס גייט דאָ נאָר וועגן איין טאָג פֿולקומען גליק אינגאַנצן פֿאַר זיך, אַ צייט ווי יענע טעג פֿון פֿרי=זומער, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן נאַס ליפֿט פֿון בערלינער האָטעל, באַם ליפֿט, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן הינטער די אייזערנע גראַטעס פּאַוואָליע און דאָך אָן אָפּהאַלט, פּונקט ווי מיין פּיין, וואָס איז אַזוי ווי איינגעזונקען אין דרערד צוגלייך מיט אים, אונטער דעם פֿריידיקן אויפֿלייכט פֿון צוויי אויגן: יונג, צוטוליענדיק זיך, פֿול מיט קינדישן צוטרוי“...

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן מאַירעדערס דערציילונג.

שפּעטער האָט ער מיר נאָך אָפֿט דערציילט. איך האָב אים באַזוכט אין זיין וווינונג אויפֿן פֿערטן שטאָק פֿון אַן אַלטן הויז אויפֿן אינזל סט. לואי — ביז ער איז פּלוצים פֿאַרשוווּנדן פֿון זיין וווינונג, און מען האָט אים מער ניט געקאָנט געפֿינען. איך בין געקומען ווי געוויינטלעך, צום באַזוך. ער איז ניט געווען אין דער=היים, און קיינער האָט ניט געוווּסט, ווען איז ער דאָס לעצטע מאָל געווען אַרויסגעגאַנגען. נאָך אַ שטאַפּל נידעריקער אין דער דאָזיקער אכזריותדיקער שטאָט, וואָס מאַכט מענטשן חרוב? אפשר אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען? איך האָב אָנגעווענדט די גרעסטע מי צו דערגיין דאָס און אים צו קומען צו הילף. איך האָב אָבער גאָרנישט ניט געקאָנט דערגיין. עס איז טאַקע זייער שווער צו

האַלטן אַפן אויבערפלאַך אַ מענטשן, וואָס האַלט, אַז דורך די עטלעכע טעג פון גרויטן גליק, וואָס ער האָט געגאָסן, איז ער שוין יוצא פאַר אַ גאַנץ לעבן און איז שוין אין פּאָרוים באַפרי־דיקט פאַר אַלע קומענדיקע צרות. אַזאַ אידיי מוז ממש צוציען אומגליק.

פונדעסטוועגן האָט ער זיך אַף זיין אינזל גאַנץ גוט גע־שפּירט, און איך האָב ניט געגלויבט, אַז דער סוף זאָל זיין נאָענט. זיין לאַגע האָט ער באַצייכנט (לויט אַ ווערטל פון דער אינפלאַציע־צייט) ווי „לאחר יאוש, אָבער ניט ערנסט". הגם ער האָט זייער אַ פולע געטרונקען, פונדעסטוועגן האָט ער דעם קאָפּ ניט געלאָזט פאַלן און האָט גערעכנט עפּעס וואָס צו דערשלאָגן זיך דורך זיין פּלאַן מיט די געבראָטענע ניס. נאָך דעם אָבער ווי ער איז אַזוי פּלוצים פאַרשוווּנדן, האָב איך באַלד געוווּסט, נאָך איידער עס זיינען געקומען די ידיעות פון פּאָליציי און פון פּריוואַט־דעטעקטיוון, — אַז ערווין מאַירעדער האָט אין דעם לעבן קיין פּאַסיקע וווינונג זיך מער ניט געקאָנט געפינען.

אונטערן דונער פון האַרמאַטן.

טעג פון גליק! פון זיין גליק האָט ער אַזוי גערן גערעדט. אַלע מאָל, ווען ער האָט דערציילט, פלעגט ער אָנהייבן פון די גליקלעכע טעג, פון די סטאַשאַ־טעג, ווי ער פלעגט זיי אָנרופן.

„טעג פון גליק" — מען קאָן גאַנץ קלאָר זאָגן, מיט וואָס זיי צייכענען זיך אויס. ניטאָ קיין שווינדל, ניטאָ קיין פראַזע — די־דאָזיקע טעג האָבן זייער באַזונדער קאָליר, וואָס מען קאָן מיט קיין זאַך ניט צוזאַמפמישן.

צוויי פאַראַלן. „עס איז אַלץ געגאַנגען אַזוי לייכט". און „טאַווטאָלאָגיע". דערפון וועט נאָך זיין די רייד.

ניט גלייך, אָבער באַלד נאָך די ערשטע סטאַשאַ־טעג איז מיר קלאָר געוואָרן: אַלץ איז געגאַנגען אַזוי גלאַט, אַזוי לייכט. צוערשט (און דאָס איז דער עיקר), האָב איך גאָרניט געמערקט, אַז אַלץ גייט גלאַט. עס איז געגאַנגען אַזוי לחלוטין גלאַט, אַז איך האָב דערין ניט איינגעפונען קיין שום באַזונדערע זאַך, קיין

שום פּאַרענדערונג אַנטקעגן פריער, בכלל קיין זאַך ניט, וואָס עס זאָל זיין כדאי צו קלערן וועגן דעם. דאָס איז דער אמתער צושטאַנד פון גליק. אַז דאָס, וואָס איך לעב איצט איבער, איז עפּעס שיינס אָן אַ שיעור — דאָס האָב איך נאַטירלעך געוווּסט. עפּעס אַזוי פיל חלום און דאָך אַזוי פיל צו טאָן — פון פיל טאָן איז מען אַפילו צום חלומען ניט געקומען. צום דייטלעכסטן האָב איך געשפּירט דאָס חלומדיקע, ווען איך בין אַמאָל אַ פערטל שעה ניט געווען ביי איר. מיט איר האָב איך אַפילו ניט געשפּירט, אַז איך חלום — איך האָב געוווּסט נאָר פון איר. אָבער ווען איך בין געווען אַליין, דעמאָלט פלעגט מיך אינגאַנצן פאַרכאַפּן דאָס נייע, דאָס אומגלויבלעכע אין מיין צושטאַנד. אַ שטייגער, נאָך דער סצענע באַם ליפט, אָדער נאָכדעם ווי איך האָב געהאַט אָפּגעשיקט דעם דאָקטאָר מיטן באַן און איך בין געפאָרן צוריק צו איר. איך האָב געוווּסט שוין דעמאָלט אָדער האָב געפילט, אַז זי האָט מיך ליב. איך האָב געוווּסט, אַז זי וואַרט אַף מיר. זי האָט געגעבן אַן אָנצוהערעניש און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ערנסט. אומעטיק בין איך געזעסן אין אויטאָ, וואָס האָט זיך פּאַמעלעך געשלעפּט — דאָרט אין פּאָפּוגיי=באַר (אַזוי האָב איך געטראַכט) זיצט זי מיט אַן אמת און וואַרט. — אַ ווירקלעכקייט: שטעלט מען זי אַף אַ וואָגשאָל, האָט זי אַ באַשטימטע וואָג. אַזעלכע און אַזעלכע קליידער טראָגט זי. איך האָב שוין געהאַלטן אין קאָפּ אַסך פון דעם, וואָס זי האָט גערעדט. אָבער דעם עיקר האָב איך נאָך ניט געוווּסט, וועגן די הויפּט=געשעענישן פון איר לעבן האָט זי נאָך גאָרנישט געהאַט געזאָגט. אַ באַווייז, אַז זי איז אַ ווירקלעכקייט, און ניט אַ שטייגער אויסגעקלערט פון מיר. אָט אַזוי האָב איך מיר באַוויזן אַז זי עקסיסטירט... און דאָס איז טאַקע אַ שטייגער צו חלומען — בעת מע טענעט זיך איין: „ניין, איך חלום ניט“. ווי בין איך געווען פול התפּעלות! ווי האָב איך דאָס נייע אויפגענומען ווי אַ זאַך, וואָס קאָן גאָר אַנדערש ניט זיין. און דאָך האָט מען ניט געקאָנט געפינען קיין גרעסערן היפּוך, ווי צווישן די סטאַשאַ=טעג און מיין לעבן פון פריער.

פריער האָב איך געלעבט אין אַ שרעקלעכן און צוגלייך מיאוסן טומל. מיין מזל האָט קיין שום גרויסקייט אין זיך ניט געהאַט, עס איז געווען נאָר מיאוס, און דערביי מאַווּמדיק ביז צום אבסורד. שוין ריין אויסווייניק איז דאָס געווען אַזוי: איך האָב געהאַט צו טאָן מיט אַ סך מענטשן, נאָכדעם ווי איך פלעג מיר אַראָפּוואַשן פון די פינגער טאָג טעגלעך די אויך ניט גרינגע אַרבעט אין בּורא, און די אַלע מענטשן זיינען געווען לויטער זשוליקעס, מוסרים, שפּיאָנעס, אָנזעצערס, גאַסן־מיידלעך. זינט איך האָב איינגעזען, אַז אַלע ערלעכע אַרבעט פאַר „ראָקענהויז טוך" (דאָס איז די פאַבריק פון מיין פאַמיליע) איז אומזיסט, אויב איך וועל אין אָט דער נידערטרעכטיקע צייט פון אינפלאַציע ניט אָרגאַניזירן עפּעס נייס, אַ דעטעקטיוו־דינסט קעגן ניט־כּשרער קאָנקורענץ — זינט דעמאָלט בין איך געווען אין די הענט פון אַ באַנדע פאַלשע פאַרברעכערישע אַביעקטן. זיי זיינען געקומען און געגאַנגען און האָבן אָפּגענאַרט סיי מיך און סיי די אַנדערע. פון דיסציפּלין איז קיין רייד ניט געווען. איך בין ניט פּטור געוואָרן פון געלזוכט. נאָך אין בעט פלעגט מיר על פּי רוב אַריינפליען אַ דעפּעש, וואָס נאָכן איבערלייענען זי וואָלט איך בעסער געפּלאַצט אין די קישנס. מען פלעגט ניט פאָלגן, מען פלעגט איבערבייטן מיינע באַפעלן. עס פלעגט טרעפן, אַז ביים אויסהערן באַריכטן, פלעג איך פּשוט אויסברעכן. בכדי דאָס אויסצומיידן, האָב איך כּמעט אויפגעהערט עסן. דורך דעם האָב איך אָפּגעשוואַכט מיין מאָגן, מיינע נערוון. שפּעטער פלעג איך ליידן פון אַ רוישן אין די אויערן, פון קאָפּווייטיק, פון שטעכעניש אין חוט־השדרה. איך בין געוואָרן אָפּגעמאָגערט, אַזוי אַז די באַקן־ביינער האָבן בּאַ מיר אַרויסגעשטאַרצט, ווי בּאַ אַ קאַלמיק. און ערך אַזוי ווי איצט. נאָר דעמאָלט בין איך געגאַנגען גלאַט געגאַלט. — מיין אַרבעטס־פעיִקייט איז אָבער נאָך אַלעמען ניט שוואַכער געוואָרן, פאַרקערט: עס האָט אויסגעדוכט, אַז וואָס מער דער קערפּער ווערט אָפּגעשוואַכט, ווער איך אַלץ ווייט־זעעווידיקער. אַ פאַקט, אַז מיינע פלענער זיינען געוואָרן אַלץ ברייטער, אַלץ דרייסטער און פאַרכאַפּנדיקער, וואָס קראַנקער איך האָב

זיך געשפּירט. ווי האָב איך זיך געפּייניקט! און אַט די פּיין האָב איך געהאַלטן פאַרן נאָרמאַלן־צושטאַנד, פאַר מיר און פאַר אַלע מענטשן, פאַרן ריכטיקסטן, איינציק־ליטישן שטייגער צו לעבן.

אונדזערע קעגנער האָבן אויפגעפּאַסט איטלעכן טריט אונזערן. אַזוי זיינען מיר אָפּט געקומען צו שפּעט. אַ קליין שרייפל האָט זיך פאַרהאַקט — און די גאַנצע מי פון עטלעכע חדשים איז אַוועק מיטן רויך. האָט מען ווידער געמוזט איבערדרייען דעם מוח אין איבערמענטשלעכער אַרבעט, נעכט ניט שלאָפן, בכדי אָנצוויאָגן דאָס פאַרזאַמטע, אָנקניפּן נייע פעדים — „ראָקנהויז טוך" האָט דאָך געמוזט לעבן, דער מבול האָט ניט געטאָרט פאַרפלייצן די פאַמיליע. און צום סוף האָט מען געמוזט איינזען, אַז דער רעזולטאַט איז גאָרניט געווענדט אין אונזער האָרעוואַניע, נאָר אין אַ צופאַל, וואָס מיר האָבן ניט קיין שליטה איבער אים.

דערביי האָב איך געשפּירט, אַז דער קאַמף, וואָס איך האָב געפירט פאַרן קיום פון אונזער געשעפט, רעקט מיך ווינציקער אויף, ווי דאָס, וואָס איך האָב גערופן „צער פון ליבע". אַט דער צער פון ליבע האָט אויך זיך אָנגעהויבן אין איין באַשטימטן טאָג, אָן איבערגאַנג, פּלוצים. דאָס איז געווען בעת דער מלחמה, אין ווינטער 1916 אַף 1917, איך ווייס גאַנץ גענוי דעם דאַטום: דאָס איז געשען אין דער נאַכט פון ערב ניי־יאָר און אין דעם ניי־יאָר־טאָג. אַפּן פראָנט ביי איזאָנצאָ, ראַיאָן טאָלמיין. פּלוצים איז געקומען די שרעק און די דערקענטעניש.

אין קריג בין איך אַוועק אָן צו וויסן, אָן מיר צו מאַכן וואָסערע עס איז געדאַנקען: אַזוי מוז עס זיין. אַ פּאַטריאָטישער עסטרייכער און פּאַטריאָטישער קריסט, אָפיציר פון באַרוף, יונגער לייטענאַנט, וואָס שטאַמט פון אַ משפחה אָפיצירן — איז איבעריק צו זאָגן, אַז איך בין ווייט געווען פון יעטווידן מין פּאַציפיזם.

אין קריג בין איך אַוועק אָן צו קלערן, אַפילו פריילעך און אָן דאגות, האָב קיין זאַך ניט געזען און ניט געהערט, בין געריטן איבער פעלדער מיט טויטע און האָב קיין זאַך ניט געפילט. עס האָט געמוזט זיין, ווי עס איז. — ביז ערב ניי־יאָר 1916. דער שטאַב פון דער דיוויזיע, וואָס איך בין צו איר גע־

ווען צוגעטיילט, איז געלעגן אין אַדמעלעץ. צו דער פֿירונג פֿון סילוועסטער־אָוונט אין דעם אָפֿיציר־קלוב האָט דער דיוויזיע־גענע־ראַל אַרויסגערופֿן פֿון ווין זיין פֿרוי און זיין טאָכטער — דאָס איז געווען, איבעריקנס, קעגן געזעץ. גענעראַל פּיעטזשינגען האָט דער מאַן געהייסן. פֿון אָנהייב אָן איז ער געווען מיר דערווידער, באַזונדערס האָבן דערוועקט אין מיר אַ שווידער זיינע שמוציק־געלע אויפֿגעשויבערטע וואָנסעס, וואָס האָבן כּמעט אָנגערירט די באָרד־קאָטלעטן. נאָר איך האָב דאָס מיר ניט געהאַט קלאָר גע־מאַכט. — און איצט יענע סילוועסטער־נאַכט. שוין מיט וואָכן פֿריער האָט מען געבראַכט צו פֿירן פֿון הינטער־לאַנד דעליקאַ־טעסן מאַסנוויז, הגם די ציווילע באַפֿעלקערונג האָט שוין געליטן נויט. דאָס האָט מיך ניט געאַרט; וואָרום, ווי געזאָגט, איז דאָס ניט געווען מיין טבע צו טראַכטן וועגן קריג. אויך דעריבער האָב איך מיר ניט געבראָכן דעם קאָפּ, וואָס אין יענעם אָוונט האָט מען צוגעפֿירט אַף אַלע פּאָזיציעס אַסך אַמוניציע (כּמעט אין אַזאַ מאָס, ווי די גוטע זאַכן אין דער שטאַב־קוואַרטיר) — הגם עס האָט שוין אין יענער צייט גענומען שטאַרק אויספֿעלן שיס־מאַטעריאַל, און מען האָט געדאַרפֿט זיין זייער שפּאָרעוודיק. פּאַקטיש האָט מען אין יענעם ראַיאָן פֿון פֿראָנט אָפּט וואָכן לאַנג ניט געשאָסן; מען האָט זיך דאָרט בכלל ניט געשלאָגן. און אַזוי פֿיל שכל אין דער אָנזיניקייט האָט מען נאָך איינגעהיט אַף ביידע זייטן, אַז אָן אַ באַזונדערן גרונט פֿלעגט מען ניט שיסן גלאַט אין דער וועלט אַריין. עס איז געווען אַזוי ווי אַ שטילער אָפּמאַך. די באַטערייעס פֿון ביידע צדדים זיינען דאָך געווען בכּח צו צעשיסן אַף אַש אַלע דערפֿער הינטער די פֿראָנטן. אָבער וואָס וואָלט דאָס געהאָלפֿן? האָט מען דאָס טאַקע ניט געטאָן. עס זיינען געווען טעג, ווען עס האָט אויסגעזען ווי אין שלום. איצט אָבער איז דאָס אַנדערש געוואָרן. יום־טוב־טיש, קנאַפּ פֿאַר צוועלף האָט דער גענעראַל אָנגעהויבן זיין פּאַטריאָ־טישע רעדע. דער שפּיץ אירער איז געווען אין די ווערטער: „אונטער דעם דונער פֿון האַרמאַטן טרעטן מיר אַריין אין נייעם יאָר, וואָס וועט אונדז ברענגען דעם נצחון". ער האָט דאָס אַרויס־

גערעדט, און בשעת מעשה האָבן טאַקע שוין געציטערט די פענצטער פון דעם רעש פון דער קאַנאָנאַדע, וואָרום אַף פונקט האַלבער נאַכט איז געווען באַשטימט אַ באָמבאַרדירונג אַפן גאַנצן ראַיאָן פון דער דיוויזיע, אַף אַ מהלך פון אַן ערך פופציק קילאָמעטער, נאָר בכדי אויסצומאָלן רעאַליסטיש די ווערטער „אונטער דעם דונער א. או. וו.", בכדי צו געבן דעם אָראַטאָרקונסטשטיק פון גענעראַל דעם רעכטן פּאָן און עפעקט. די איטאַליענער ווידער האָבן נאַטירלעך געמיינט, אַז דאָס איז מיט אַן אמת אַ צוגרייט צו אַן אָנגריף. האָבן זיי תיכף גענומען ווילד שיסן צוריק. און אַזוי איז דאָס אַוועק ווייטער; טעג לאַנג האָט עס געדויערט, ביז דער פראָנט האָט זיך באַרואיקט. אָט די מעשה אין דער סילוועסטער־נאַכט האָט מיך דאָס אַרויסגעריסן פון מיין אידיאָטישער גלייכגילטיקייט: איך האָב שוין געשפּירט, אַז דאָס איז מער, וויפיל דער קריג פאָדערט. — דאָס אמתע איינזעעניש אָבער האָב איך געקראָגן ערשט אַף מאָרגן, דעם טאָג פון ניי־יאָר. איך האָב געדאַרפט רייטן אין איינעם פון די נאָענטסטע דערפער. איך בין געריטן אונטער שטראַלנדיקער ווינטער־זון. ביים אַריינגאַנג אין דאָרף איז געלעגן, אין גראָבן נעבן וועג אַ טויטער סאָלדאַט, אַ פשוטער סאָלדאַט פון די פוסגייער. באַשיימפערלעך: ער האָט אַזוי גיך ניט געקאָנט געפינען קיין דעקונג, ניט באַוויזן צו קומען ביז צו די שוץ־גראָבנס. גאָט מיינער, איך האָב דאָך געזען הונדערטער און טויזנטער געהרגעטע — פאַרוואָס איז מיר ביים אָנבליק פון דעם איינעם דאָס גאַנצע בלוט אַריין אין שאַרבן? „דאָס איז געווים ניט געווען נויטווענדיק צוליב דער מלחמה" האָט עפּעס ווי אַפן קול גערופן. איך האָב זיך אומגעקוקט אָבער קיין מענטש האָט ניט גערעדט. ווידער האָב איך אָנגעקוקט דעם טויטן — און דאָ איז געשען דאָס מאָדנע. דער טויטער האָט פּלוצים אויסגעזען מיר פונקט ווי גענעראַל פּיעטזשינגען; ער איז נאָר געלעגן אַף דער ערד — אָבער דאָס גרינלעך בלאַסע פּנים... ענלעך האָט געבלענדט דאָס פּנים פונם דיוויזיע־גענעראַל באַם שיין פון לאָמפּ — עס זיינען געווען אפילו די שפּיציקע העלע וואָנסעס, די טינקע=

לערע קאָטלעטן — און די האַנט, אויסגעשטרעקט באַם פּאַלן, האָט דערמאָנט די האַנט, אופגעהויבן צום טאָסט. אין דעם אויגנבליק איז דאָס מיר געוואָרן קלאָר: עס איז פאַראַן אַן אונטערערדישע פאַרבינדונג — אָט די צווי זיינען בעצם איינער און צום שטראָף פאַר זיין פאַרברעך ליגט ער דאָ. אָבער ווער? — עס לאָזט זיך אין ווערטער גאָר ניט אויסדריקן. מיר האָט געגרוילט פאַר דעם טויטן און צום ערשטן מאָל אין לעבן האָב איך דערפילט וואָס דאָס איז: אחריות.

זינט דעמאָלט אָן האָט אָט דער מאָמענט פון דערקענען פּאַמעלעך פאַרכאַפּט מיך, מיין גאַנץ בלוט, דעם גאַנצן מענטשן מיט הויט און ביינער. ווי אַזוי דאָס איז געשען, קאָן איך ניט זאָגן. נאָר איינס ווייס איך: אין אַ חודש אַרום איז די איבערקערעניש געווען שוין לאַנג געמאַכט. איך ווייס עס דערפאַר, ווייל איך בין שוין געווען דורכוים פאַרענדערט, ווען איך בין געקומען אָנהייב פעברואַר אין דער שוואַרצער אייזנבאַן-שטאָט, ווו איך בין שוין אַזוי אָפט און אַזוי שיין געווען צוזאַמען מיט דאָראָטי שוין פאַר דער מלחמה. דאָראָטי האָט געוווינט אין לאַיבאַך, דער פּראָווינץ-הויפּטשטאָט, וואָס איז געלעגן ניט וויט פון דעם אייזנבאַן-קנופּ. אין לאַיבאַך איז איר מאַן געווען אַ זייער אָנגעזעענער אַדוואָקאַט, רייך, איינער פון די פירער פון דייטשטום אין קראַין. איבעריקנס, באַקאַנט געוואָרן מיט דאָראָטי בין איך ניט דאָ, נאָר אין אַ קוראָרט ביי דער עסטרייכישער אַדריאַ, אין פּאָרטאָראָזע, נאָך בעתן שלום, אין צייטן אָן זאָרג.

ד אָ ר אָ ט י.

איך דערמאָן דאָראָטי. איצט איז דאָס מסתמא נאָר אַ פוסטער נאָמען, אפילו אביסל אַפעקטירט. דערמאָנט אָן איר אַנגלאָמאַניע. אויך אָן דער קאַלטקייט פון איר האַרץ. שווער צו באַשטימען, צי זיינען ביידע מדות פאַרבונדן. איך בין גאָר ניט נוטה צו ציען אַזעלכע מסקנות, וואָס רירן אָן דעם כאַראַקטער פון אַ פאָלק. בעסער פאַקטן! אין דאָראָטיס משפחה איז געווען אַ ייִדע פון מוטערס צד, וואָס זיין פאָרנאָמען איז געווען אָברי,

אַרענדאַטאָר פֿון אַ מאַיאָנטעק, בעל־הבית פֿון יאָג־פֿערד. הגם אַלע איבעריקע זיינען געווען בראַווע אַלפֿן־דייטשן, — אָבער דאָס געדעכעניש אָן דעם איינעם האָט דאָראָטין פֿאַרכאַפּט, און זי האָט זיך אין אַסך זאַכן אויפֿגעפֿירט לויט דעם מוסטער, ווי עס ווערט דערציילט פֿון מיסטער אָברי.

זי איז געווען אָן אַ שיעור שמאָלין און פֿירנעם. זי האָט ניט געערדט קיין סך און שטענדיק אַביסל פֿאַרשלאָפֿן. ניין, „פֿאַרשלאָפֿן" איז צו שטאַרק, נאָר אַביסל צעשטרייט האָט עס געקלונגען, אַזוי ווי זי וואָלט געווען אויסדערוויילט צו זיין דאָ מיט איר גאַנצן איך.

דער פֿאַרחלומטער בליק פֿון אירע אויגן איז געווען שטענ־דיק ווי האַלב־געפּלעפֿט. אָ, איצט גיט זיך אויף מיר אַ גאָס אַ שטראָם פֿון זכרונות. דידאָזיקע ליבע איז דאָך געגאַנגען יאָרן, יאָרן לאַנג. דאָראָטיס אויגן — זיי האָבן געהאַט אַ מאַגנעטישע קראַפֿט, זיי האָבן געהאַט עפּעס ווי אַ טעם פֿון מאָן און מוזיק, טונקל, באַטויבנדיק — דער שוואַרצאַפּל איז געווען זייער גרויס, דער ברוינער רינג פֿונם אייס שמאָל. דערפֿון האָט דער בליק געקראָגן עפּעס אָן אַ מאָס טיפֿס, סודותפֿולס, עס האָט געצויגן אַראָפּ ווי אין אָן אָפּגרונט. וואָס אַרום אים זיינען געשטאַנען די ברעמען, ווי טשערעט. עס האָט געפּאַסט, אפֿשר אַדאַנק דעם קאָנטראַסט, צו איר שלאַנקייט, איר פֿרווילעכער העלבלאָנדיקייט, איר זויבערקייט. איך ווייס, אַז אַלע פֿרויען, וואָס פֿילעווען זיך, זיינען זויבער, עס איז אָבער פֿאַראַן אַזאַ מין זויבערקייט, וואָס איז ווי איינגעבאָרן, אַזוי ווי מען וואָלט זיך ניט דאַרפֿן וואַשן, און דאָך איז מען פֿינקלדיק־ווייס ווי פֿאַרצעליי. דאָס ליגט ערגעץ אין דער איינאָרדענונג פֿון די גלידער, אין גאַנצן געבוי פֿון קערפּער. דאָראָטי איז געווען נאָר מיט אַ קאָפּ קלענער פֿון מיר, און דאָך איז זי געווען אַזוי צאַרט, ווי זי וואָלט געווען אַסך קלענער; איר רוקן איז געווען אַזאַ שמאָלער פּאָס, אַז מען האָט זיך גע־וווּנדערט, ווי אַזוי האָבן בכלל געקאָנט געפֿינען אָרט אין אַזאַ קערפּער אַלע לעבנס־וויכטיקע אָרגאַנען. אירע בריסט זיינען געווען ווי פֿון אַ צען־יאָריק מיידעלע, כמעט האָט נאָר וואַרימקייט אָנ־

געוויזן דעם אָרט פון בוזים, ניט קיין פליש, און גראָד דאָס
האָט אַף מיר געמאַכט אַזאַ מאָדנע=רײַנעם און רייצנדיקן איינ=
דרוק, שיין ווי אַ קינד איז דאָראָטי געווען און אין באַוווּסט פון
אָט דער אויסטערלישער שיינקייט איז זי מסתמא געווען עטוואָס
קאַלט און האָפּערדיק. מיר פלעגן אָפט ריידן פון איר „קאַלטער
ליבע". „איך בין אָן אַ האַרץ" פלעגט זי זאָגן מער ווי איין
מאָל, גראָד אין אַזעלע מאָמענטן, ווען איך האָב דאָס ווינציקער
פון אַלץ געוואַרט. און דאָך פלעגן מיר זיך אַרופוואַרפן איינס
אפן אַנדערן, ווי אייזן=שפּליטערס אַף אַ מאַגנעט, ווי מען זאָגט,
מיט עלעמענטאַר=קראַפט.

יאָ, צוערשט און אַפן ערשטן בליק איז דאָס געווען גענוי
דאָס, וואָס צווישן אָפיצירן רופט מען דאָס אַ „באַקוועמע פאַר=
בינדונג". איך בין געווען יונג, האָב הנאה געהאַט פון לעבן, אָן
איבערצוקלערן דערביי.

א באַקוועמע פאַרבינדונג. אָן שום אחריות, געבויט אַף
דער אומגעטריישאַפט פון ביידע צדדים, אָן דער מעגלעכקייט
אפילו צו זיין געטריי צו אַנאַנד. זי איז געווען א חתונה=גע=
האַטע. און איך אין גאַרניזאָן, און שפּעטער אפן פראָנט. מיר
האָבן געקאָנט זיך זען נאָר זייער זעלטן. אין אַזעלכע אומשטאַנדן
וועט מען פון א יונגן אָפיציר ניט פאַרלאַנגען קיין צו שטרענגע
נזירות. און אזוי איז עס טאַקע געווען. עס איז געווען קלאָר, אַז
מען האָט דעריבער ניט גענדאַרפט אַפילו קיין וואָרט ריידן: מיר
האָבן איינס צום צווייטן קיין שום תביעות ניט, חוץ דעם יונגן
אומבאַגרענעצטן באַגער, וואָס איז דורך די פּויזעס נאָך מער גע=
וואָרן געריי‎צט.

היינט איז מיר גאָר שווער זיך פאָרצושטעלן מיין דעמאָל=
טיקן נשמה=צושטאַנד. אָבער איך בין געווען אזוי ווי אַלע. אין
דער געזעלשאַפט פון אָפיצירן האָט מען אַזאַ באַציאונג ווי צווישן
מיר און דאָראָטי געהאַלטן דורכויס אָנשטענדיק. צי קאָן דען
עפּעס זיין פאַר אַ מאַן בעסערס, ווי אומצוקערן זיך אַלע מאָל
נאָך אַ באַשטימטער צייט צו דער זעלביקער פרוי, אָן שום
אחריות, נאָר נאָכן געפיל פון באַגער פון ביידע זייטן? ווען מיר

האָבן חדשים לאנג זיך ניט געזען: בענקען, בײנקען און חלומען! דאָס האָט אונזער באַגער נאָך געשטאַרקט. מיר איז געװען קלאָר, אַז כּסדר קאָן מען ניט לעבן צוזאַמען, אָן דעם, אַז דער קערפּער זאָל װערן שטײף און אַזױ צו זאָגן טעמפּ קעגן אַנאַנד. מיר פאַרקערט זײנען געבליבן עלאַסטיש. קײן ליבע אױף לאנג איז ניטאָ — דאָס איז געװען דעמאָלט מײן לײכטזיניקע מײנונג. חתונה האָבן איז געװען גאַרניש. אײננעמען מער, אײננעמען און פאַרט נאָך אַלץ בײנקען — דאָס איז געװען אַלץ. און דאס איז געװען אונדזער ליבע. מיר האָבן געמעגט זײן אופריכטיק קעגן אַנאַנד, מיר האָבן געמעגט מודה זײן, אַז די ליבע שפּילט אַלע אירע טראַנסצענדענטע קאָלירן אין דעם באַגער, קוים אָבער געזעטיקט װעפּט זי זיך אױס. פאַר אַנדערע װאָלט אָט די אײנזעעניש באַטײט אַן אומגליק, פאַר אונדז איז זי געװען גליק.

די שטאָט, װו מיר פלעגן זיך טרעפן, איז געװען שװאַרץ פון רױך. זי פלעגט קומען פון לאַיבאַך, איך אין שלום צײט פון מײן גאַרניזאָן אין די אַלפּן, אין קריג פון דער איזאָנצאָ. — אין אָט דער קלײנער אינדוסטריע=שטאָט איז קײן זאַך ניט געװען, חוץ װאַקזאַלן, אײזנבאַן=װיאַדוקטן און קױלן. אַפילו די װיאַדוקטן, װאָס זײנען געהאַנגען איבער אַלע גאַסן, האָבן אַרױסגעװיזן געמאַכט פון שװאַרצע קױלן=ציגעלעך. רױך און שטױב. װען מען איז געגאַנגען אױפן גרױסן בריק איבערן טײך, האָט איבערן קאָפּ געדונערט פון די משא=װאַגאָנעס, װאָס זײנען געפאָרן איבער די קעפּ אין צװײטן גאַרן. פאַזע בּרעג פאַבריקן נאָך פאַבריקן. און דאָך האָט מיר קײן געגנט אין דער װעלט ניט אױסגעװיזן שענער, װי אט די פאַרװיכערטע און פאַרשמוצטע געגנטן, מיטן לײמיקן פױלן טײך און מיט אירע נאַקעטע בערג. די גאַנצע זאַך איז געװענדט אַן האַרץ. און דאָס האָט שױן הױך געקלאַפּט, װען איך פלעג אָפּגעמען דאָראָטי פון אַראַנזש=בּרױנעם װאַקזאַל; און דעמאָלט ניט גלײך אין האָטעל, נאָר איבערן בריק אױף יענעם בּרעג צו די פאַבריקן, אַהין זײנען מיר געגאַנגען. מיר האָבן געהאַט אַ סך צו דערצײלן אײנס דעם אַנדערן. אָדער מיר האָבן געװאָלט פאַרציען די משוגענע בײנקשאַפט פון אונדזערע קערפּערס? און צולעצט

צוריק און אריין אין פּראָווינציעלן האָטעל. דער גוט־באַקאַנטער וואַרימער ריח פון סאַמעט־פֿאָרהאַנג, טעפּיך און געפּלאַכטענעם שטול, רעכטס דער בופעט, לינקס די איינגע גאַרדעראָבע. די טונקלקייט פון קאָרידאָר. די הילצערנע ווילן, וואָס זיינען געווען אויסגעמאָלט לויט דער פאַרב פון מירמלשטיין. דאָס דערלאַנגען דעם בוך פאַר די פרעמדע צום פאַרשרייבן די נעמען — גע־נויער, איין נאָמען, אי דאָס ניט דעם ריכטיקן. די דורכגעטריבענע פאַריינטלעכקייט פונם פּאָרטיע, וואָס איז אין יענעם מאָמענט געווען זייער וויכטיק און כמעט ווי א צושטימונג פון אויבן. דאָס צימער שמעקט צוערשט א ביסל מיט פייכטקייט, ביז עס ווערט דורכגע־נומען מיט אונזער היץ. — מערקווירדיק, ווי אַלע חסרונות פון דעם אָרום האָבן מיר הנאה געטאָן. צי קאָן א זאַך מער דערעסן, ווי די פייפן פון די לאָקאָמאָטיוון א גאַנצע נאַכט אונטערן פענ־צטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אַפן וואָקזאַל (די גאַנצע שטאָט איז דאָך געווען נאָר וואָקזאַל), דאָס אָפּלאָזן דעם דאַמף, דאָס ווילדע טראַשקען פון די רעלסן, בעת די צוגן פליען דורכפאָרן; אָבער גראַד דאָס איז געווען שיין ווי א כישוף־מעשהלע. און די רויטע און גרינע פייערלעך פון די רעלסן־שטעלערס זיינען נאָך לאַנג געבליבן די גוטע מלאכים פון מיינע חלומות. שוואַרצע מיאוסע שטאָט, צפון־ווינט, וואָקזאַל, א רעלס, וואָס קוויטשעט ביז ווי מיט א לאַנגען פייף — קיין זאַך האָט נישט געקאָנט זיין געשמאַקער, ווי אַט דער קוויטש אין מיטן א וויל־קלינגענדי־קער נאַכט.

דאַראַטים ליבע, אמת, און איר גאַנצער אופפיר האָבן אויסגעוויזן צו זיין פון גאָר אַן אַנדער שניט ווי מיין ראָמאַנטיק. „קאַלטע ליבע" האָב איך אָנגערופן איר שטייגער. אָבער דערין בין איך גראַד געווען פאַרקאַכט מיט אַלע מיינע חושים.

איך דערמאָן זיך אַן פּאַרטאַראַזע, אַן דעם באַזוך אין איר ווילע, בשעת הער פאַן קרעמיטש (אַזוי האָט געהייסן איר מאַן) איז געווען אוועקגעפאָרן. איך האָב זיך באַקאַנט מיט דאַראַטי אַפן ברעג ים, מיט א טאָג צען צוריק. מיר האָבן א סך געטריבן קאַטאַוועס. הער קרעמיטש איז געווען אַלט, נאָך אַמאָל אַזוי אַלט

ווי דאראטי. דערצו האט ער זיך מיט קיין אנדער זאך כמעט ניט אינטערעסירט, חוץ מיט פּאָליטיק. דעמאלט האט מען נאך ניט געטאנצט אלע נאכמיטיק, עס איז געווען פאר דער מלחמה. דערפאר זיינען געווען אנדערע מעגלעכקייטן. א געגנבעטער קוש הינטער בוימער אין פארק, געלאזן די געזעלשאפט הינטער זיך אף צוואנציק טריט און נאך אזוינע פאלן. איין מאל, דאָס לעצטע מאל, האט זי געענטפערט גאנץ שטיל, מיט איר צונג. אין תוך איז שוין אלץ געווען קלאָר. פונדעסטוועגן בין איך געווען איבעראשט צו געפינען זי ביי מיין באַזוך אַזוי גרייט. א שטורםווינט האָט געטרייסלט דאס הויז, דער הימל איז געווען גראָ באַדעקט. נאך היינט שפיר איך דעם אויסטערלישן ווידעראַנאַנד צווישן דעם ווילדעווען אין דער נאטור, אין די זיך בייגנדיקע בוימער, טרייסלענדיקע טירן — און דאראטיס רואיקייט, זאכלעכקייט, כמעט ענגליש: קאמפארט. זי האט דערלאזט אלצדינג, אפער גראד דורך איר זיך־ניט־אנטקעגנשטעלן איז זי געווען איינגעהאלטן ביז גאר (און איז אזוי געבליבן בעצם שטענדיק אזוי). עפעס פארשלאפענעס איז געווען דערביי. כמעט ווי פון הינער־פלעט — איבערינקס, אָן צו דערשטיקן דאס פייער פונם איבערגעבן זיך. אוודאי איז געווען פארטיידיקונג, אבער נאר אזוי, ווי זי וואלט דערמיט אפגעגעבן א ניט־אנגענעמען חוב דער געזעלשאפט.

אט דאס איז געווען דער אנהייב פון אַ פארבינדונג, וואס האט געדויערט איבער דריי יאָר און וואס איז געווען פול פייער און שטארקייט ניט צו באשרייבן.

ווארום עס איז געווען דערביי פייער, וואס פלעגט זיך אָנצינדן אן דעם, וואָס איך האב אנגערופן קאלטקייט פון איר הארץ (און וואס האט, ווי עס האט זיך שפעטער ארויסגעוויזן, באטייט עפעס אנדערש), אָן איר שיינקייט פון גאטס גענאד, אן דעם לאנגען ניט־צוזאמען־זיין, וואס איז שוין געווען מער פושערייע פון מיין אייגענער גענאד. איך האב אפשר צו פיל וועזן געמאכט פון דער גאנצער אנשטעלעניש. אזוי דוכט מיר איצט. אבער איך שווער, אז דאס איז געווען די שענסטע און די נאטירלעכסטע

זאַך אין דער וועלט — אט דאס היים ווערן באם צושיידט זיין און דאס אויסדערמפן ביים באַגעגענען זיך, גלייך אין דאָס אומבאַוווּסטע אריין.

זעלטן פלעגן מיר ריידן וועגן האריץ=זאַכן. עס האט זיך געפּאסט צו דער קאלטער ליבע, אט די איינגעהאלטנקייט, אט דאָס ניט חבר=זיין. וואָס דאָראָטי פלעגט זאָגן, האָט גיכער געקאָנט אַריינברענגען אין אַ טעות. „איך האָב ניט קיין האַריץ״ אָדער „איך בין דאָך אינגאַנצן אָן טעמפּעראַמענט!״ פון שעמעוודיקייט וועגן פלעגט זי דאָס זאָגן. קיין ברעקל אמת איז ניט געווען דערביי. דאָס האָב איך גוט געמערקט. וואָרום זי איז געווען פּונקט אַזוי היים ווי איך. און ווי פלעגט זיך דאָס שטאַרקן! גלייך ווי מען וואָלט אַריבערגיין פון אַ חלל אָן לופט אין דער פרישער לופט פון מיטן=זומער, דורכגעזאַפּט מיט גאָרטן=ריחות! עס האָט פאַרכאַפּט אין גאַנצן. און איך האָב געפילט: ווען א שיינע פרוי גיט זיך איבער, איז דאָס פיל מער ווי אַ קערפּערלעכע געשעעניש — עס איז אַזוי ווי עס וואָלט זיך אַנטפּלעקט אַ גאַנצע וועלט אין איר געהויבנקייט לייטזעליק, הכנעהדיק, אָנגעגרייט צו אַלץ. געעפנט דאָס כישוף=בוך און די גייסטער פאָלגן. מיך האָט ארומגעווייט גייסטער=וועלט מיט גאָר דער אימה פון אומדערווילט זיין, פון געוועלטיקן איבער די אומבאַוווּסטע כחות פון דער וועלט.

און פונדעסטוועגן איז געשטאַנען ווי אַ וואַנט צווישן אונדז. אפשר (האָב איך מיר געטראַכט) איז דאָס דער מאָדערנער זאַכלעכער שטייגער פון ליבע. אָדער דאָס איז אַנגלאָסאַקסיש און זי האָט דאָס פון איר זיידן אָבּרי? אָדער דאָס קומט פון דער טיפעניש פון איר נשמה — דעמאָלט בין איך איר מסתמא גלייכגילטיק, אָדער זי האָט מיך אַפילו פיינט, אַלץ איז מיגלעך, וואָרום אירע סודות זאָגט זי ניט אויס און בלייבט מיר פרעמד ווי דעם ערשטן טאָג. יאָ, מיין בלוט פלעגט זיך מיר צוקאָכן אין די אויגנבליקן, ווען איך פלעג זיך פאָרשטעלן, אַז סוף כל סוף באַנוצט זי מיך נאָר ווי אַ זאַך צו באַפרידיקן איר גלוסט, און אין איבעריקן רעדט זי מיט מיר גאַנץ פיין, אָבער אָן טיפערער באַ=

װענונג. די זאַך איז געװען אַזױ אומקלאָר, אַז בעצם האָט געקאָנט מיגלעך זײַן אױך אַזאַ באַציאונג.

יאָ, אַלץ איז טאַקע געװען מיגלעך. אױך אַז זי פֿעלשט אין מיר. אָבער װי האָב איך געקאָנט, װי האָב איך געמעגט פֿאַרלאַנגען געטרײַשאַפֿט! אין אירע בריװ האָבן זיך באַװיזן נײַע נעמען, געװײנטלעך מיט דער באַמערקונג: „אָט מאַכט מיר װי־דער דעם הױף א נאַרישער יונגער שנעק, אַן אמת קינד". דאָס האָט געדאַרפֿט מיך באַרויִקן. אָבער דאָס פֿלעגט זיך צו אָפֿט איבערחזרן. „צי קאָן דאָס קינד שױן רײדן?" — האָב איך אײן מאָל געשריבן צוריק. — מ'ט עטלעכע פֿון די דאָזיקע קינדער האָב איך שפּעטער זיך באַקאָנט אין לאַיבאַך. געזונטע זינדלעך פֿון באַנקירן, מלוכה־אָנגעשטעלטע, װאָס מען האָט זײ באַפֿרײַט פֿון מיליטער, הגם זײ האָבן בכלל געהאַט אַלע מעלות, װאָס מען באַדאַרף צו זײַן אַפֿן פֿראָנט גלײַך מיט מיר. — איך האָב גע־מוזט שװײַגן. צי האָב איך דען ניט געדאַרפֿט זיך פֿרײען, װען דאָראָטי האָט געפֿונען אַ גוטן פֿרײַנט? מער װי אײן מאָל האָב איך שױן געשפּירט, נאָך אַ לאַנגער צושײדונג, אַז זי איז צערײַצט, ברוגז, אַפֿילו אָפּגעשװאַכט. צי האָב איך, װאָס איך האָב זי מיט אַן אמת ליב געהאַט און איר פֿאַרגונען אַל דאָס גוטס, און קודם כּל אַן אָנגענעם צופֿרידן לעבן, צי האָב איך געמעגט װינטשן אָט די הױבע שפּאַנונג פֿון איר געפֿיל, כּדי איך זאָל דאָס בײַ דער באַגעגעניש אױסנוצן? אָדער איך האָב געדאַרפֿט צופֿרידן זײַן, װען זי איז געװען „פֿאַרזאָרגט" (געמײן אױסגעדריקט)? דאָס איז גע־װען ניט פֿײַן, אָבער אײפֿערזוכט איז געװען ניט פֿײַנער — װײַל מען האָט ניט געװוסט, צי זי איז די בליאונג פֿון ליבע, אָדער די תאוה פֿון אײגנס. מסתמא בײדעס צוגלײַך.

אין אָט די אַלע מעגלעכקײטן האָב איך מער ניט געװוסט, װוּ אײַן װוּ אױס, און האָב געטראָגן טעמפּ מײַן אײפֿערזוכט װי אַ מוז און האָב געשפּילט די ראָלע פֿון גלײַכגילטיק. דאָראָטי פֿלעגט קומען פֿון צײַט צו צײַט אין דער שװאַרצער שטאָט. און דעמאָלט, פֿאַרשטײט זיך, איז אַלץ װידער געװאָרן גוט. פֿון אַלע מעגלעכקײטן האָט זיך דעמאָלט ערנסט און רויִק אָפּגעזעצט די

איין ווירקלעכקייט. און שטענדיק פלעגט דאָראטי פונדאָסניי איבעראשן שוין אפן פּערזאָן, ביים ערשטן בליק (פארשטייט זיך, אַז איך בין שוין צו דעם געווען צוגעגרייט, ווארום עס פלעגט זיך אלע מאָל איבערחזרן, אָבער מיין איבעראַשונג איז דורך אָט דעם צוגעגרייט=זיין פונדעסטוועגן ניט קלענער געווארן, עס איז יעדער מאל געווען מער, ווי איך האָב זיך געגרייט). איך האָב זיך געקאנט ריכטן אף איבעראשונג אין דער העכסטער מאָס. שטענדיק האט דאראטי זיך ארויסגעוויזן נאָך א סך, א סך שע= נער, שלאנקער, זיסער און רייצנדער אין די באוועגונגען, ווי איך האָב געקאנט זיך פארשטעלן אין מיינע היציקסטע זכרונות. אייז= בערג פון חשד, וואָס האָבן זיך אנגעקליבן פאר דער צייט פון צעשיידונג, זיינען צעגאנגען אין דער ווארעמקייט פון ערשטן קוש — און ווידער האט מיר אויסגעוויזן, אז עס קאן קיין זאך ניט זיין ריכטיקער און בעסער, ווי ווען „די כוואליע פון הארץ" שוימט אזוי הויך. יאָ, איך האָב מיט פאראכטונג אראָפּגעקוקט אף אלע זיכער=מיטלען, וואָס מיט זיי מיינען מענטשן צו פאַרפעסטיקן זייער ליבע — צום באדויערן שטעכט מען ארוף אף דער שפּיל= קע נאָר א טויט זומער=פייגעלע.

קאלטע ליבע.

און אט אזוי בין איך ווידער געשטאנען אפן וואקזאל, אפּ= געריייניקט פון שמוץ פון דער מלחמה, אנגעטאָן אין מיין הינ= טערלאנד=אוניפאָרם, און האב געווארט אף איר צוג ווי שטענ= דיק — און צו וויסן, אז זינט יענעם יאנואר=פרימאָרגן בין איך געווארן אן אנדער מענטש.

ביים אראָפּגיין פון וואגאן האט זי געהאלטן א פּעקל ציגארעטן.

„מיר האָבן דאס גענוג אפן פראנט", האב איך געזאגט. „מיר געניטיקן זיך ניט".

„מיין מאן שיקט דאָס דיר, מיט זיינע בעסטע גרוסן". — דאָס איז געווען אפגערעדט, שטענדיק פלעגט מען ריידן אפן וואקזאל פון איר מאן. אפן וואקזאל איז געווען צום שטארקסטן

די סכּנה, א פֿרעמדער זאל אונדז זען — און דערפֿאר האָבן מיר זיך געהאלטן אזוי באשיידן, דידאזיקע קאמעדיע איז אפֿשר געווען איבעריק און אפֿשר גאָר ניט באזונדערס קלוג אויסגעקלערט. אבער זי האט אונדז פֿאַרשאפֿט פֿארגעניגן און אזוי איז זי אַריינגענומען געווארן אין דעם נוסח פֿון דער באגעגעניש.

מאָדנע, ווי דאס מאל האט מיר דער שפּאס שלעכט געשמעקט. צום ערשטן מאל האָט זיך מיר פֿארגעשטעלט איר מאן, וואָס מיר פּלעגן וועגן אים ריידן נאר ווי דרך־אגב און פֿון אויבן אויף, אין זיין גאנצער געשטאלט. ער איז געווען לאנג און מאגער און האט געהאַט אַ גראָלעך־שפּיציקע בארד, וואס ער פּלעגט פֿאַרבן אָן געשיק. קיין מאל האב איך ניט געטראכט וועגן דער באָרד, און אויך ניט וועגן דעם, וואס דאראטי מיט איר גוטער געניטשאפֿט אין קאסמעטיקע, האט געמעגט העלפֿן דעם מאן באהאַלטן די גראָע האר. אָ, אויך דאָס מאָל האָט דאראטי פֿארשמעקט מיט גאר דער געפּלעגטקייט פֿון איר ווייס־בליצנדיקן קערפּער. די לופֿט ארום איר האָט געהאט פֿארן חוש הריח אזוי ווי עפּעס שטראלנדיקס, אזוי ווי זי וואלט באזונדערס גערייניקט געווארן דורך טייערע פּערפֿומעס, וואס האבן אַרומגעשוועבט ארום איר הויט און אירע קליידער. אָבער בעת איך בין מיט איר אראפּגעגאנגען די טרעפּ פֿון וואקזאל און בעת איך האב גערעדט מיטן טרעגער און געהייסן אָפּטראָגן איר טשעמאדאן אין האטעל, בעת אַז די אלע קליינע ארבעטן, וואס האבן, ניט געקוקט אַף זייער ניכטערקייט, געהאַט פֿאַר מיר א באזונדערן רייץ — דאָס מאל האט מיך ניט געהויבן דער שטאלץ אַף דער ווונדערפֿולער פֿרוי נעבן מיר. ניין, מיר איז געווען ניט גוט צו מוט, עפּעס ווי בושה האב איך געשפּירט. איר פֿרישער ריח האט מיר דערמאנט די שפּיציקע באָרד פֿון איר מאן, און נאָך: אז הער פֿאן קרעמיטש איז עטלעכע מאל דורכגעפֿאַלן ביי פּארלאַמענט־וואַלן קעגן סלאווענישע קאנדידאטן; — ער אליין איז געווען אַ סלאָווען לויט זיין אָפּשטאמונג, אבער א פֿאנאַטישער דייטש, ווי א זון פֿון אַ משפּחה באאַמטע. קיינמאָל האָט ער מיך ניט אינטערעסירט, און מיטאמאָל האָב איך געוווסט וועגן אים אסך

זאכן, און אַלץ אזעלכע נים גאר פיינע.

דאראטי האט גארנישט ניט באמערקט. מיר זיינען געגאַנ־גען, ווי געוויינטלעך, פארביי דעם האָטעל, דורך שמאָלע גאסן, אפן ברעג טייך, איבערן שטויביקן בריק — דער משא־צוג האָט געטראשקעט איבער אונדזערע קעפּ.

„סאָזשע" האב איך געזאגט.

„עס איז דא שטויביק" האָט דאראטי געענטפערט און האט זיך איינגעטוליעט אין איר ביבער־מאנטל.

„ניין, סאזשע, נים שטויב!"

די דאָזיקע עטלעכע ווערטער דערמאן איך זיך געגוי. אויך דעם קאלטן ווינט, וואָס האט א בלאז ארויף געטאן פונם אייז־צודעק פון טייך, אזוי שארף, אז מיר האבן ביידע געגומען ציטערן.

ווי שטענדיק, זיינען מיר געגאנגען אף דער ברעג־גאַס פאזע די פאבריקן. עס האָט אלצדינג געטראָגן דעם שטעמפל „ווי שטענדיק". דאָראָטי האָט גאָרנישט ניט געוווּסט. אָבער אויך איך האָב ניט געוווּסט, אז די שרעק, וואס איז מיר ארייַן אין די גלידער ביים אָנבליק פונם טויטן סאָלדאט, קאָן האָבן וואסערע ניט איז אפילו ווי־טע שייכות צו מיין צוזאמענזיין מיט דאָראָטי.

פריילעך האָט דאָראָטי דערציילט, וואָסערע אויסריידן זי האָט געמוזט מאַכן, כּבֿדי זיך צו באַפרייען. אָפיציעל איז זי געפאָרן צו אַ פריינדין אין גראַץ. די פריינדין ווייס דעם סוד און זי וועט אויך אָפּשיקן צו הערן פאָן קרעמיטש דאָס פּאָסט־קאַרטל וואָס דאָראָטי האָט שוין מיט אַ וואָך פריער אָפּגעשיקט קיין גראַץ. איצטער מוז זי נאָך גיין מיט מיר צו דער פּאָסט און געבן דער פריינדין דעם סיגנאַל טעלעגראַפיש, כּבֿדי עס זאָל שטימען די דאַטע פון פּאָסט־שטעמפּל.

מיט אַמאָל האָט דאָס מיר געגומען אויסוווייזן שטאַרק פאַר־פּלאָנטערט, און אין דער פאַרפּלאָנטערטקייט אָן אַ שיעור אומע־טיק. געוויינטלעך פלעג איך לאַכן איבער די אַלע קונצן, וואָס דאָ־ראָטי האָט געמוזט אָנווענדן — איך, דער פרייער מאַן, וואָס האָב ניט באַדאַרפט שפּילן באַהעלטעניש. און דאָראָטי פלעגט מיך אופ־

וואַרפֿן איבער מײַן שפּאַט. כּמעט מעכאַניש האָט זי אויך דאָס מאָל אָנגעהויבן: נו יאָ, דיר איז דאָס גרינג, דו באַדאַרפֿסט זיך ניט צעברעכן דעם קאָפּ" — אָבער דאָ האָט זי זיך פֿאַרהאַקט. „וואָס איז דיר? דו ביסט אַזוי טרויעריק".

מיר זײַנען געבליבן שטיין. די נאַקעטע בוימער אין דער אַלייע האָבן געקנאַקט אין ווינט. אַ סירענע אין אַ פֿאַבריק האָט געפּייפֿט. און ווי זי איז שטיל געוואָרן, און דער ווינט האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ ביסל שטאַרקער, האָט זיך צוזאַמען מיטן ברויזן פֿון ווינט געלאָזט הערן אַ גערויש, פֿאַרשטיקט דורך דער ווײַטקייט, אָבער ווי אַ שווער דונערן.

„אונטער דעם דונער פֿון האַרמאַטן" האָב איך געזאָגט, אָן צו וויסן, אַז איך רייד בכלל. אָבער זי האָט דאָס געהערט. „יאָ, דער קריג" האָט זי אַ זיפֿץ געטאָן און האָט אומבאַשטימט גענומען קוקן אין דער ווײַט מיט אירע טשערעט-אויגן. מיר איז געוועז, הגם איך בין געקומען פֿון פֿראָנט, ווי איך וואָלט געהערט דאָס שיסן צום ערשטן מאָל. דערבײַ האָבן מיר שוין עטלעכע מאָל אין משך פֿון דער מלחמה זיך געהאַט געטראָפֿן אין דער שוואַרצער שטאָט. דער ווײַטער טויט-דונער ווי אַ קראַנץ פֿאַר דער ליבע איז מיר, הייסט דאָס, אויך ניט געווען נײַ. און קיין מאָל האָב איך דערין ניט געפֿונען עפּעס שלעכטס, אָדער מערקווירדיקס. ווי אַזוי האָב איך דאָס פּלוצים גענומען באַלעמוטשען און ווי קומען די שרעקלעכע ווערטער פֿון מײַן דיוויזיע-גענעראַל צו מיר אין מויל? איך האָב דאָס נאָך ניט פֿאַרשטאַנען אינגאַנצן. אָבער עס איז מיר געוואָרן פֿיינלעך, וואָס דאָראָטי האָט גענומען, צערטלענדיק און אַזוי ווי צו טרייסטן מיך, מײַן האַנט, אַרײַנגעדריקט אירע פֿינגער צווישן מײַנע — אַ באַרירונג, וואָס האָט געוויינטלעך געקאָנט מיך מאַכן ווילד פֿאַר גלוסט, אָבער איצט האָט זי מיר נאָר געשטערט...

דער שוואַכער ווערט געשעדיקט, ענגאָאיסטיש גליק! אומעטום האַרטע הערצער און פֿײַנטשאַפֿט. אַלץ, וואָס איז אין יענעם נאָכמיטיק געטאָן אָדער גערעדט געוואָרן, האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר געמיינהייט ניט צו דערטראָגן, ענלעך צו דער שחיטה אויפֿן פֿראָנט.

איבער אַ גאַרנישט, וואָס פון דעם האָפט דער מענטש פאַר זיך די קלענסטע הנאה, איז ער מקריב אַ צווייטן מענטשן? חיות אָן אחריות=געפיל!

„דיר איז ניט גוט", האָט דאָראָטי זיך אָפּגערופן. „דו האָסט אַסך געליטן. — דער מיאוסער קריג. — קום צוריק, מיר גייען אַהיים".

געוויינטלעך פלעג איך דאָס דער ערשטער פאָרליבן צו גיין „אַהיים" (אָנשטאָט „אין האָטעל"). דאָס, האָב איך געפילט, פלעגט איר וויל טאָן. דאָסמאָל האָב איך געשוויגן.

ווי דאַנקבאַר בין איך איר געווען אין דעם אויגנבליק. עס איז מיר מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי גרינג צו גיין מיט דערדאָזיקער פרוי. נאָר מיט מענטשן, וואָס האַלטן פון זיך ניט, איז שווער צו פאַרטראָגן זיך.

אָבער אַז מיר זיינען אַריבער דעם בריק און נעענטער צוגעקומען צום האָטעל, האָט זי אַרויסגענומען איר אָרעם פון מיינעם.

„מען קאָן אונדז זען".

„ווער דען?"

„איך האָב דאָ באַקאַנטע. זיי קומען אָפט קיין לאַיבאַן".

„הער אָבערהאָלץ אפשר?" דאָס איז געווען אַ באַנק=דירעקטאָר, וואָס האָט געשפּילט אַ ראָלע אין די לעצטע בריוו. זי איז געווען מיט אים אַרויסגעפאָרן אין אויטאָ. פאַרשטייט זיך, נאָר אַף אַ האַלבן טאָג און אין גאָרער ערלעכקייט, ווי זי האָט געשריבן. מיר איז פלוצים דאָס בלוט אין קאָפ אַריין: „דו האָסט מיר געוואָלט איינרעדן, אַז די האַלבטאָגיקייט שליסט שוין אויס אַלצדינג, וואָס האָט מיר געקאָנט זיין אומאָנגענעם. אַזוי נאַאיוו! און ווער זאָגט דאָס, אַז עס איז טאַקע געווען נאָר אַ האַלבער טאָג — און אַז דו ביסט ניט געווען טאַקע דאָ מיט אים און איצט האָסטו מורא אים צו טרעפן דאָ".

דאָראָטי פלעגט קיין מאָל זיך ניט האַמפּערן. אויך דאָסמאָל האָט זי געשוויגן. דאָס האָט אָבער נאָך פאַרשטאַרקט מיין גרימצאָרן. — עס איז אין מיר אופגעקומען עפּעס אַ מאָדנע באַדערפעניש אין ריינקייט. און עפּעס ווי אַ מין אופרעקונג האָט זיך

געלאָזט מערקן דעריבער, וואָס דאָראָטי איז געווען אַ חתונה־געהאַטע. איך מוז פֿאַרברענגען מיין צייט מיט אַ חתונה־געהאַטער פֿרוי, האָב איך געטראַכט. און פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס האָט דאָס ניט געקאָנט זיין אַ מיידל, וואָס איך גנבֿע זי ניט צו ביי קיינעם, וואָס איך נאַר מיט איר ניט אָפּ קיינעם, און וואָס זי נאַרט מיך אויך ניט אָפּ מיט קיינעם, וואָס געהערט מיר אינגאַנצן אין ריינקייט און פּשוטקייט פֿון האַרצן! ווי, האָב איך דען ניט קיין רעכט דערויף! שטענדיק דער אומזין, אַז די פֿרויען גיבן זיך אונדז איבער און מיר מעגער האָבן נאָר צו דאַנקען. פּונקט אַזוי ווי דאָראָטי האָט זיך מיר איבערגעגעבן, האָב איך זיך דאָך אויך איר איבערגעגעבן. און אויב איר גליק איז אפשר ניט אַזוי גרויס געווען ווי מיינער, אויב זי האָט ניט געזען אויפגעעפֿנט אַ כּישוף־בוך: איך האָב געטאָן, וואָס איך האָב געקאָנט. אַ ווײַלע האָב איך זיך געהאַלטן פֿאַרן צינישן אויסטייטש פֿון מיינע אייגענע געדאַנקען. אָבער באַלד האָב איך זיי גענומען אין זייער גייסטיקן זין. יאָ, איך בין געווען ערלעך ביזן סוף אַנטקעגן מיין געליבטער און איך האָב געמעגט מאָנען, זי זאָל אַוועקוואַרפֿן אירע אויסריידענישן און סודות. בין איך דען ניט ווערט אַזוי פֿיל, ווי זי? און בין איך דען ניט ווערט אַזוי פֿיל, ווי אַ שיינע כּלה, וואָס געהערט מיר אינגאַנצן? אַ באַלכסון־בליק אויף דאָראָטי. וואָס איז דאָס? — זי איז דאָך אין דעם מאָמענט מיר גאָרניט געפֿעלן געווען. דער פּנים איז געווען בלאַס, די אונטערשטע ליפּ אַראָפּגעהאַנגען, די נאָז רויט. מילא, אַט דאָס „געפֿעלן זיין" בייט זיך. ניטאָ קיין ליבע, ווו מען זאָל ניט מוזן ביקומען אַט די זאַכן. אַ ניט־גינסטיקע באַלייכטונג, אַ נישטיקער ווינקל קאָן אָפּנאַרן. אָבער אין מיין שלעכטער שטימונג האָב איך דאָס ניט געקאָנט גובֿר זיין. איך בין געווען שוואַך גענוג צו דערלאָזן, אַז די שלעכטע שטימונג זאָל אויסוואַקסן צו גראָבקייט. „וואָס וואָלט אייגנטלעך געזאָגט דיין מאַן, ווען ער וואָלט אונדז דאָ געזען?"

מיר זיינען געווען ביים האָטעל. ווי איז דאָס אַלץ מיר איצט געפֿאַלן אויף די נערוון: אונדזער האַסטיק אַריינגיין, דער ניט=

געלופֿטערטער קאָרידאָר מיטן פּראָווינציעלן שטויב, די וואָלוועלע מירמלשטיין־זיילן, דער חניפֿהדיקער שמייכל פֿון פּאָרטיע — און מער פֿון אַלץ די צערעמאָניע: איינשרייבן זיך אין פּרעמדן־צעטל. ווי מיאוס האָט מיר אויסגעוויזן אָט דער שווינדל. און נאָך מער האָב איך זיך געשעמט, וואָס ערשט איצט בין איך געוואָר גע־וואָרן, אַז דאָס איז מיאוס, און דרייסיק מאָל פֿריער איז מיר דאָס אפֿילו אַפֿן זינען ניט אַרויף...

אין דעם שיינעם ווינקל־צימער בין איך צו צום פֿענצטער. א בליק אַף די פֿיל רעלסן.

צום ערשטן מאָל איז מיר דאָ באַפֿאַלן מיט פֿולער מאַכט: דער צער פֿון ליבע, די אחריות אין דער ליבע.

אַלצדינג, וואָס איך האָב איבערגעלעבט מיט דאָראָטי, האָט זיך פֿאָרגעשטעלט בילדער נאָך בילדער, און איבער דעם אַלעמען האָט געשוועבט דער גרויסער פּסק־דין: דאָס איז אַלץ מיאוס, דאָס איז אַלץ פֿאַלש!... איך האָב איבערגעלעבט די אַלע זאַכן ווי גליק. מיטאַמאָל איז דאָס אַלץ געוואָרן אומגליק און האָט צו מיר אויסגעשטעקט די צונג.

„דאָס אַלץ איז ניט מיגלעך...” האָט עפּעס געיאָמערט אין מיר.

אָבער מיט אַ ניט־חתונה־געהאַטער איז דאָך אויך ניט מיגלעך! דעם געדאַנק וועגן אַ כּלה, וואָס איז מיר אָקאָרשט דורכגעפֿלויגן ווי אַף צולהכעיס, האָב איך דאָך אַליין ניט גע־נומען ערנסט. חתונה האָבן — זיך איינשפּאַנען ווי אַ פֿערד אין וואָגן? דער אומזין פֿאַרשווינדט, קוים גיט מען אַ טראַכט וועגן אים. און אויסמיידן די חתונה? דאָס איז, לכל הפּחות, פֿון מיידלס־שטאַנדפּונקט אויס, פֿאַלשקייט. די עטלעכע שוואַכע פֿאַרבינדונגען, וואָס איך האָב געהאַט פֿאַר דאָראָטין, זיינען אויך איצט אַרויפֿ־געשווומען. אַלץ אינאיינעם, ווי מען וואָלט דאַרפֿן אַ ריינעם חשבון. ניין, וועגן אָט די מיידלעך איז אַפֿילו ניט כּדאי צו ריידן. די בירגער־מיידלעך אין דער גאַרניזאָן־שטאָט מיט דער שטענ־דיקער מורא ניט צו האָבן קיין קינדער. און די אַנדערע — אַ שרעק פֿון נאָך אַ געמיינערן מין. מאָדנע, אַז ערשט איצט איז

מיר איינגעפאלן, אז דאס אלץ איז אזוי ענלעך צו א געיעג, ווו עס איז דעם געיאגטן פארשטעלט יעטווידיקער אויסוועג, ווו עס איז קיין באהעלטעניש ניטא. מילא, געוונען, פינצטערער טרייבער! מיר גיבן זיך אונטער, דו האסט געזיגט. באמת, עס גייט טאקע ניט. ניט דאס און ניט יענס. בעת הינטער די בערגלעך זיינען אופגעגאנגען די זאלפן פון די הארמאטן, ווי שטראלן פון א פינצטערער זון, איז מיר דא געווארן קלאר ניט איבערצוטראגן: מיר קענען מער ניט ליבן — מיר טארן דאס ניט!

און באלד א טראכט געטאן: ניט איך אליין בין געקומען צו אט דער איינזעעניש. נאר איך בין אפן זיך מודה. איך האב ניט קיין מורא פארן אמת. שוין לאנג איז די ליבע געווארן אוממיגלעך. ניטא קיין ליבע. — זי איז אפשר קיינמאל ניט געווען. די שטערענישן זיינען צו גרויס. ווי קונציק אלץ איז געמאכט אזוי, אז בשום אופן קאן מען ניט אויסמיידן די אוממיגלעכקייט צו ליבן. וווהין איך קוק: פלאנטערס, בכדי גובר צו זיין אט דעם פשוטן פאקט. היסטעריקעס, הילפס=מיטלען, אומוועגן, קליינע שמוציקע אויסטראכטענישן, וואס צו זיי געהער אויך מיין „ראמאנטישע ליבע" איטלעכער מאכט זיך דאס אף אן אנדער שטייגער צורעכט, בכדי ווי עס איז זיך דורכצולעבן. די אינעווייניק=געשטארבענע לעבן אפילו גאנץ גוט. מיר ווידער האלטן זיך ווי עס איז, אדער אין איינעם א שיינעם טאג פאלן מיר אום...

איך ווייס ניט, ווי לאנג איך בין אזוי געשטאנען ביים פענצטער. א צארטע שטים דערנעענטערט זיך צו מיר: „פארוואס נעמסטו ניט איינע פון די מיטגעבראכטע?" — איך האב געצונדן איין פאפיראס אן צווייטן.

דאראטי איז דאך נאך געווען דא. איך בין געווען נשתומם.

איך האב ניט באדארפט זיך אומצוקערן. איך האב געוווסט, אז זי האט געהאט אויסגעטאן דאס רייזע=קלייד, אדער זי האט געהאלטן ביים אויסטאן זיך. געווינטלעך פלעג איך איר העלפן.

„האָסטו שוין געקלונגען?“ האָט זי געזאָגט זאַנפֿט.

איך האָב אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל. הייסט דאָס, אַז עס איז ניט אַוועק קיין סך צייט, זינט מיר זײַנען אַרײַן אין צימער. דאָראָטי פֿלעגט דאָך שטענדיק גלייך פֿאַרלאַנגען קאַווע.

ווי נאָר איך האָב דערהערט טריט אויף די טרעפּ, האָב איך געמוזט אָפּגיין פֿון פֿענצטער, ווו איך בין געשטאַנען ווי אָנגעפּראָרן, צו דער טיר צו און עפֿענען דעם קעלנער. פֿאַרביי די בעטן — דאָ האָט מײַן בליק געמוזט באַרירן דאָראָטי. זי איז געזעסן אין איר זיידענער העמד אויפֿן ראַנד פֿון אויפֿגעמאַכטן בעט, מיטן רוקן צו מיר געווענדט. ראָזע און ווייסן, דאָס אַלץ אין גראָען שײַן פֿון פֿריען ווינטער־בין־השמשות.

טריט פֿאַרביי. דאָס איז נאָך ניט געווען דער קעלנער.

איך האָב צוגעפּרעסט מײַן פּנים צום האָלץ פֿון דער טיר. דאָס האָט געקילט. וואָרום אין מיר האָט שוין ווידער זיך אָנגעהויבן דאָס עקלדיק־שטילע טליען — נאָך שטאַרקער איידער בעתן שפּאַציר. — אויך פֿונדערווײַטן האָב איך געשפּירט אַלע ריחות פֿון דער האַלב־אויסגעטאָנער פֿרוי. ווי אַ וואָלקן האָט דאָס פֿאַרבײַגעשוועבט, ניט אָנצונעמען, ווענקנדיק בײַנקשאַפֿט. דער קוק אַליין אויף אַזאַ שיינקייט (אַזוי האָב איך געפֿילט) האָט געקענט מאַכן אַ מענטשן פֿאַר אַ סקולפּטאָר. אַזאַ גלוסטיקייט האָט גאָר ניט געקאָנט זײַן לעבעדיק, נייערט נאָר אַ קונסטווערק, די העכסטע פֿאַנטאַזיע פֿון אַ ברעכעוודיקער, אָן אַ שיעור צאַרטער באַשעפֿער־נשמה. און מיט איין איינציקן טריט האָט מען זיך געקאָנט איבערצייגן, אַז דאָס לעבט און גליט. — עס האָט מיר פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם.

אַז דער קעלנער האָט אָנגעקלאַפּט, האָט זיך דאָראָטי באַהאַלטן אונטער דער קאָלדרע, שטענדיק האָט זי זיך געשעמט פֿאַרן קעלנער.

אַלץ ווי אַלע מאָל — בײַ דער טיר צונעמען דעם טאַץ, אַזוי אַז דער קעלנער איז גאָרניט אַרײַן אין צימער, מיטן פֿולן טאַץ זיך דורכבאַלאַנסירן ביז צום נאַכט־טישל, אײַנגיסן קאַווע, אָנשמירן אַ זעמל. דערווײַל איז דאָראָטי אַרויס פֿון אונטער דער

קאָלדרע מיט דער האַלב־דערשראָקענער פֿראַגע: „איז ער שוין אַוועק“ אין די טונקעלע אויגן. — עס איז געווען אַזוי ליב פֿון איר, וואָס זי האָט אַלצדינג איינגעשטעלט, ווי געווינטלעך, אַז זי האָט מיר ניט אויפֿגעוואָרפֿן מיין גראָבקייט, וואָס איך האָב דערמאָנט דעם באַנק־דירעקטאָר און איר מאַן, ווי אומגערעכט בין איך אין דער נשמה געווען אַנטקעגן איר און דאָך, עס האָט ניט געהאָלפֿן, וואָס איך האָב דאָס איינגעזען, עס האָט ניט געהאָלפֿן, וואָס זי האָט אויסגעזען אין מיינע אויגן קלוג און שיין: פֿון איר האָט אַן אימה זיך אויסגעשפּרייט און האָט מיך צו אייז געמאַכט.

מיט איינמאָל האָט דאָראָטי באַמערקט די איבערקערעניש אין מיר. „מיין טעשל“ האָט זי געבעטן און האָט אַרויסגענומען האַסטיק פֿון טעשל אַ קליין גלעזל מיט פּילן, וואָס זי פֿלעגט איינגעמען ביי נערוואָזיטעט.

איך בין געזעסן אויף אַ שטול נעבן איר בעט. פֿון צייט צו צייט אַ שווער וואָרט. מרה שחורה; גאָר אופּריכטיק איז צו אונדזער גרונטשטימונג צוגעקומען אפֿשר נאָך לאַנגווייליקייט.

— צו עסן וועטשערע איז נאָך געווען פֿרי.

דאָראָטי האָט געהאַט אַן איינפֿאַל, וואָס פֿאַר דעם בין איך איר געווען דאַנקבאַר, ווי פֿריער אין גאַס. „איך מוז נאָך אויף פּאָסט“. — נעמלעך: אָפּגעבן די דעפּעש צו דער פֿריינדין, דאָס מאָל האָט זי פֿאַרלאַנגט, אַז בערטן אָנטאָן זאָל איך זיך אָפּקערן. ווידער בין איך צו צום פֿענצטער. די געדאַנקען וועגן „צער פֿון דער ליבע“ האָבן באַוועלטיקט, האָבן זיך געשפּונען ווייטער פֿון זיך.

פּאָסט. דערנאָך אַ גאַנג איבער די גאַסן פֿון דער קליינער שטאָט, וואָס האָט אין שיין פֿון די מאַגאַזין־לאָמפּן גאָרניט אויסגעזען אַזוי שמוציק. מען האָט געקאָנט כמעט מיינען, אַז מיר זיינען שלום צווישן אַנאַנד. מען האָט קיין שלעכט וואָרט ניט גערעדט. נאָר אין איין קליינִיקייט האָב איך אַ טעות געהאַט. איך האָב געזאָגט: „איצט קאָנען מיר צוריק אין האָטעל“. דורך

גוזמאדיקער העפלעכקייט פון די ווייטערדיקע רייד האָב איך זיך געמיט צו פאַרריכטן דעם פעלער.

מיר זיינען געווען די ערשטע געסט אין דעם ווייןֿהויז. מיר האָבן געגעסן אָן אַפּעטיט, האָבן אָבער געטרונקען אַסך. אַפילו שאַמפּאַניער. מיר האָט אויסגעדוכט, אַז די צונג אין מויל איז מיר איינגאַנצן ווייס. אַלץ האָט געקיצלט, אָבער ניט געֿשמעקט. אויך די שטילע פידל און די פּיאַנאָ פון צווייטן צימער האָבן נאָר געקיצלט פריקרע. דאָראָטי, וואָס האָט געהאַט אויסֿגעטאָן דעם פעלץ, איז געווען שיין אין איר טיףֿדעקאָלטירטער דינער אָוונטֿקלייד, וואָס דורך איר האָט דער הייסער לייב ממש געפלאַקערט.

אַ קליינקייט האָט דערנאָך געגעבן דעם שטופּ. אַז עס זיינען אַריינגעקומען עטלעכע געסט, האָב איך פאָרגעלייגט צו לאָזן אונדזער פרייען טישל און זיך צוזעצן אין אַ געדעקטן ווינקל.

„פאַרוואָס?"

„נו, דו האָסט דאָך שטענדיק פחד... דיין מאַנס באַקאַנטע — אָדער הער דירעקטאָר אָבערהאָלץ".

„איך וויל דיר עפּעס זאָגן, ערווין". זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם נאַקעטן פינקלדיקן אָרעם און האָט גענומען רוקן מיט דער אַנדער האַנט איר גאָלדענעם בראָנזולעט אַרויף און אַראָפּ. „איך בין שוין אַ האַלב יאָר געגנט" —

„און דאָס" — מיין ערשטע באַוועגונג איז געווען ברוגז.

„און דאָס האָב איך מיט אַ כיוון דיר פאַרשוויגן. הער מיך נאָר רואיק אויס, ערווין."

„און פאַרוואָס האָסטו זיך געגנט?"

„פאַרשטייט זיך, פון דיינטוועגן". אירע טונקעלע אויגן האָבן געבליצט, די העלבלאָנדע ברעמען האָבן ניט געקאָנט מיטהאַלטן מיט אָט דעם סודותדיקן שלעכטן גלאַנץ. „איך האָב ניט געוואָלט לעבן מיט צוויי מענער, ווייל איך האָב צווייען ניט געקאָנט ליב האָבן. דאָס איז פּשוט; נאָר דיין פאַרדרייטער שכל פאַרשטייט דאָס ניט". זי איז געוואָרן אַלץ היציקער, באַלד האָב איך מיין קאַלטע

ענגלענדערין ניט דערקענט. „און דערפאַר האָב איך בעסער דיר גאָר דערפון ניט דערציילט. און נאָך א צווייטער טעם איז פאַראַן. לאָמיר איין מאָל זיין אופריכטיק. געגאַרט האָבן מיר דאָך געוווּג איינס דאָס אַנדערע".

„איך דיך ניט" — בין איך אריינגעפאלן אין די רייד.

„זאָל זיין נאָר איך דיר, אויב דו ווילסט. דו האָסט געוואָלט האָבן די ראָמאַנטישע ליבע, און איך האָב זי דיר דערלאַנגט". — עס האָט געקלונגען ברוגזער, ווי זי האָט ווען עס איז גערעדט, ווי איך האָב זיך געקאָנט פאָרשטעלן. — „בכל אופן לאָמיר היינט זיין אופריכטיק. איך בין געגט און האָב דיר גאָרנישט געזאָגט. פאַרקערט, איך האָב וויטער געשפילט די קאָמעדיע, וואס דו האָסט פון מיר געוואַרט — איך האָב זיך געמאכט, אזוי ווי איך וואָלט דאַרפן זיין געהיט, וואָס איך דאַרף שוין גאָרניט מער, ווי א פרייער מענטש. איך האָב געמאַכט אן אָנשטעל פון שרעק און האָב אָקאָרשט אָפגעשיקט א קונציקע דעפעש, וואָס מיין פריינ=דין וואָלט זיך געווים דערשראָקן באקומענדיק זי, אויב איך וואָלט זי ניט פריער געהאט צוגעגרייט דערצו. אט אזוי איז די זאך". זי האָט איצט גערעדט זייער הויך, אז די מוזיק איז ניט געווען צו הערן. איך האָב געשפירט נאָר חרפה, וואָס האָט געהאַט צו טאָן אויך מיט עפעס א שפיציקער באָרד, וואָס איז פלוצים צערו=נען געוואָרן צו גאָרנישט.

„און פאַרוואָס דאָס אַלץ?" — האב איך זיך שוואַך פאַרטיי=דיקט. איך האָב דאָך דעם ענטפער געוווסט אין פאָרויס.

„ווייל דו וואָלסט פאר מיר מורא געהאט, ווען דו וואָלסט געוווסט, אז איך בין פריי. דיר צו פאלן צו לאַסט מיט מיין פרייהייט — אזוי ווייט בין איך נאָך, צום גליק, ניט אַוועק. דאָ קאָן איך זיך נאָך האַלטן, הגם איך האָב געמוזט דיזאָזיקע פרייהייט אויסקעמפן. טרויעריק געווג. הער פאָן קרעמיטש איז זינט דעמאָלט טויט=קראַנק, מיין קליין אינגעלע שרייבט מיר בריוו, וואָס זיינען זיס ווי גן=עדן און טוען מיר וויי, ווי גיהנם. אָבער דאָס אַלץ קער זיך דאָך ניט אָן מיט דיר. דו האָסט דיינע דאגות און איך מיינע. און אז מיר זיינען צוזאַמען געקומען, בכדי צו געניסן..." דאָס

וואָרט האָט איצט אין איר מויל געהאַט א לעצט=מיאוסן קלאַנג.

„ניט אזוי, דאָראָטי, איך בעט דיך...“ האָב איך געיאָמערט.

„יא, יא,“ — האָט זי אַזוי ווי ברוגזלעך אָפגעווענדט. „דיינע געפילן זיינען דאָך אזוי צארט. זיי מוחל, וואס איך האב א רגע דאס פארגעסן. און מיין ניט, אז איך וועל איצט מאכן דעם אָפּערעטן=שפאס, צו ווארפן זיך אפן האַלדז. איך וואלט אויך היינט גארנישט ניט געזאגט, איך וואלט דיך געשוינט — וויים איך דאָך, אז דו האסט פאַר קיין זאך ניט אזא שרעק, ווי פאר אחריות“.

אט איז דאס, דאס באשטימענדיקע וואָרט. אבער איך האב דאס ניט געקאָנט פארפעסטיקן, איך האב ניט געקאָנט איר דער־קלערן, אז זינט יענעם פרימאָרגן פון ניי=יאר האב איך אַנדערש געפילט, וואָרום אין איר אימפּעט האט זי שוין אופגעדעקט נייע פאָרווורפן. טייל גערעכט, אַנדערע אפשר אומגערעכט, אבער וואָס מער אומגערעכט, אלץ מער האבן זיי מיך אופגעטרייסלט. גראָד די אומגערעכטע טענות זיינען געווען א באוויז, אז זי האט גע־שעפּט פון א קוואל אָן א דעק.

„און דאָס אלץ איז געווען ליגן, זאלסטו וויסן זיין. די מענטשן. וואָס מאכן מיר דעם הויף, אינטערעסירן מיך גאָרניט. ליב געהאט האב איך נאר דיר, און פארשווינען ווי אט דער אבער־האָלץ זיינען מיר אף איין מריט ניט נענטער געקומען, ווי איך האָב געוואלט. אוודאי האב איך אמאָל געוואלט שאפן די אילוזיע, אז עס האט געקאנט זיין אן אנדערער. ניט דו אליין. עס איז אבער גע־בליבן ביים ווילן. איך האָב פשוט ניט געקאָנט, איך האָב צו דיר געהערט. איך בין געווען פארשפארט אין דיין האַרעם, האָב גע־מוזט ווארטן ביז דער פאַשאַ האט געלייטזעליקט צוצווארפן דאס טיכל זיין אָדאַליסקע... האָסטו דען מורא געהאט, איך זאל אין דיר פעלשן? קיינמאל ניט. דו האסט געוווסט דיין מאכט“.

איך האב געפרווט ריידן אנטקעגן. אָבער וואס האָט דאס געהאלפן, אז אין דעם פרט בין איך געווען גערעכט. זי האט דאס אפגערוקט אָן א זייט ניט צו אכטן דערויף, ווי דאס האט אנדערש גאר ניט געקאנט זיין.

„אַלץ איינס. גענוג, אַז איך האָב דאָס געפילט. קיין מאָל האָב איך אין דיר אַפילו מיט קיין געדאַנק ניט געפעלשט, מיידן מיט דעם אומטעכטיקן ווונטש זיך צו באַפרייען פון דיר. דו, דו האָסט מיך געפיניקט, ווי עס האָט נאָך קיינמאָל ניט איין מענטש דעם אַנדערן געפיניקט. איך האָב פאַר דיר געציטערט. איך האָב דיך פאַרגעטערט. איך האָב בעצם קיין זאַך ניט געווונטשן, ווי נאָר איינצוהיטן דיין ליבע. זי איז מיר געווען גוט, זי איז געווען זיס, הגם זי איז ניט געווען קיין ריכטיקע ליבע, זי איז געווען אַ געחלומטע, ניט פון דער ווירקלעכקייט, און אַזוי פחדניש. נאָר מילא — דו האָסט געוואָלט חלומען: איז דאָס געווען בעסער ווי גאָר אָן געפיל. דערמאָלט אַבער איז געווען נויטיק אָפּצוראַמען דיר פון וועג אַלע שטערענישן. מיין גטן זיך וואלט געווען די הויפּטשטערעניש פון דיינע חלומות. האָב איך געשוויגן. מיינסטו, איך וואלט היינט גערעדט. וואלט איך ניט געוווסט, אַז סיי ווי סיי איז אַלץ געענדיקט. יאָ, אַפילו דאָס האָב איך ניט געפועלט דורך מיין מי און דורך מיין הכנעה. עס האָט גאַרניט געהאָלפן. איך ווייס — עס איז געענדיקט — דו האָסט מיך מער ניט ליב".

איך האָב זיך געמיט איר אָפּצופרעגן, אָבער טיף אין האַרצן האָב איך געשפּירט: אין איר נשמה האָב איך געווילדעוועט ווי אַ ניט־גוטער. עקלדיק האָב איך זי געפּייניקט מיט מיין „ראָמאַנטיק". ראָמאַנטיק איז זשוליקעריי. דאָס האָט זי געוואָלט זאָגן און ווי גערעכט איז זי געווען!

„געענדיקט! — איך פאַרשטיי דיך ניט".

„מאַך זיך ניט! איך האָב עס דאָך באַמערקט אין יעדן וואָרט".

איצט האָב איך מיך צעריצט. אוודאי — איך האָב איין מאָל זיך אַרויסגערעדט פאַלש. האָב געזאָגט „האָטעל" אַנשטאָט „אַהיים", וואָס קיין מאָל פלעגט דאָס ניט טרעפן, אָבער מען דאַרף דאָך ניט אַזוי בודק זיין איטלעך וואָרט. אַ וואָרט, אַ טעות — דאָס קאָן דאָך טרעפן און האָט קיין שום באַטייט ניט. אַזוי האָב איך געסטאַרעט זיך מיט אַ כוון אָפּווענדן איר בליק אַף קליינקייטן.

אָבער אויך אין די קלייניקייטן האָט זי דורך איר ערנסטקייט געהאַט די איבערהאַנט: „מײַנע ציגאַרעטן האָסטו ניט גענומען", האָט זי מיט טרערן אַרויסגערעדט. „און וואָס האָסטו געזאָגט אַפּן בריק, בשעת איך האָב גערעדט פֿון שטויב? אַזוי זײַנען דיר אַראָפּגעהאַנגען די מויל-ווינקלען פֿון פֿאַראַכטונג און: „סאַזשע" האָסטו געזאָגט — „סאַזשע, ניט שטויב".

„אָבער דאָס איז דאָך קינדעריי!" — האָב איך געלייגט.

„ניין, ניין, איך האָב דיך גאַנץ גענוי פֿאַרשטאַנען. סאַזשע האָט געמעגט ניט זײַן. שטויב מוז זײַן. איך ווייס שוין גאַנץ גענוי: שטויב קומט פֿון שטיינער, פֿון דער נאַטור. סאַזשע מאַכן מענטשן", זי איז אופגעשטאַנען: „קאָרט ניט קיין נאַכט-צוג קיין לאַיבאַך?"

„וואָס ווילסטו?"

„אַוועק, אַוועק, אַוועק! דאָס פֿאַרשטייט זיך פֿון זיך". —

היות ווי איך האָב ניט געוואָלט לאָזן, איז זי אַליין אַוועק צום פּאָרטיע, געהייסן באַווײַזן דעם פֿאָרפּלאַן. דער פּאָרטיע איז געווען פֿאַרוואונדערט — לכל הפּחות. מיר האָט אַזוי אויסגעדוכט. אין זײַן דורכגעטריבענער מינע איז עפּעס געלעגן, ווי ער וואָלט אָפּגעראָטן. הילף פֿאַר מיר. אָבער די הילף איז געווען צו שוואַך, און מען האָט געפֿונען דעם נאַכט-צוג. מיט אַן ענערגיע, וואָס איך האָב אין איר קיינמאָל ניט געזען, איז דאָראָטי אַראָפּגעלאָפֿן די טרעפּ און האָט גענומען וואַרפֿן אירע זאַכן אין טשעמאָדאַן אַרײַן.

איך בין געשטאַנען צעטומלט לעבן איר. די באַקן נאָך הייס פֿון שאַמפּאַניער און אופגערעקט. דאָס איז געווען אַ מפּלה, וואָס איך האָב נאָך איר גרויס ניט געקאָנט שפּירן. וווהין איך האָב געקוקט — אַלץ האָט זיך געטרייסלט. אין מיר און אויסער מיר. דער פֿאַרקעט האָט זיך געשאָקלט אונטער מײַנע פֿיס. וואָס טוט מען, ווי זוכט מען צוערשט שטיצע? קודם כּל דאַרף מען זאָגן עפּעס אַ גוט וואָרט דער בלאַסער ציטערנדיקער פֿרוי.

„דו, וואָס איך האָב געהאַלטן פֿאַר קאַלט..." האָב איך אָנגעהויבן פֿאַרזיכטיק.

איר שטים, וואָס איז געווײנטלעך געווען ווי פֿאַרשלייערט,

האָט איצט געקלונגען שרײַענדיק ווי אַ גלעקל און בײז ווי אַ תּוכחה. „קאָן מען דען זײַן אַנדערש, ווען מען שפּירט, אַז מען איז פּאַר אַ מאַנסביל ניט מער ווי אַ מיטל צום געניס — ניט קיין מענטש, נאָר אַ נאַשערײַ".

צי האָב איך דען ניט טײלמאָל געשפּירט דאָס אײגענע אַנטקעגן איר, — ווײַבאַלד זי האָט ניט באַוויליקט אַרויסצוווײַזן איר טיפערן געפיל.

„דײַן שולד" — האָב איך אויסגערופן.

„ניין, דײַנע", איז געווען דער ענטפער, אָן באַגרינדונג, האַרט. און דאָ האָט אויסגעבראָכן אָט דער גאַנצער שוואַרצער תּהום, וואָס איז געלעגן אונטער אַלע די פרײלעכע, אַמיזאַנטע סצענעס, ווי מיר האָבן פאַרבראַכט יאָרן לאַנג.

עס איז געווען, ווי מיר וואָלטן אונטן אין בופעט זיך נאָך אײַנגעהאַלטן. דאָ, אינם האַלב־טונקעלן, שטילן צימער האָט זיך אַרויסגעריסן דער מאָוימדיקער אמת.

„האָסטו דען געשטעלט כאָטש אײן פראַגע וועגן מײַן זון?"

„איך האָב מורא געהאַט, דיר ווײ צו טאָן"...

„אָ, אַלע מאָל פײַן, זײער פײַן". ווי מיט נעגל איז זי צו מיר צוגעגאַנגען און האָט מיט אַ קוויטש אַרויסגעשריִען: „אָבער איך שפּײַ אויף דײַן פײַנקײט און אויף דײַן גאַנצער ראָמאַנטיק".

קאָכנדיק האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אין בעט. — דאָס האָט מיך באַטויבט. דאָראָטי, די פירנעמע, די אײדעלינקע, די פײַנע דאַמע — און גראָבע ווערטער. איר קערפּער האָט זיך געצאַפּלט אין קראַמף. דערנאָך איז זי געלעגן ווי אײַנגעמאַטערט. און ערשט אין אַ היפּשער ווײַלע אַרום האָט זי צוגעקערט צו מיר איר פּנים, פאַרגאָסן מיט טרערן. אויף איר איז ווידער געווען דער זאַנפטער אויסדרוק.

„אַ קינד האָב איך געוואָלט האָבן פון דיר. מער האָב איך גאָרנישט פאַרלאַנגט. אַ קינד — אַ קינד פון דיר".

איך בין געפאַלן אויף די קני פאַרן בעט. וואָס האָב איך געזען? איך האָב געזען אַ לאַנד פון ליבע, וואָס איך האָב וועגן דעם אַפילו ניט געחלומט. אַ קינד, לעבן צוזאַמען — איצט, ווען זי

איז געגעט, וואָלט דאָס דאָך געווען מעגלעך! ווי האָב איך געקאָנט אַף דערגיך דערקלערן דאָראָטי, אַז זי האָט אַ טעות? מיין ליבע צו איר האָט זיך ניט געהאַט אָפּגעקילט, ווי זי האָט געמיינט. פאַרקערט, נאָך דעם „האַרמאַטן-דונער" איז דער גאַנצער מענטש, ווי אויך די ליבע בּיי אים, געוואָרן טיפער, ערנסטער — אויס לייכטזיניקייט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דא איז געשען אַן אומרעכט. איך האָב געהאַלטן, אַז זי איז שולדיק, ווייל זי איז געווען אַן אשת איש. איצט אָבער איז זי שוין פריי. איצט איז שוין ניט געווען קיין שום שטער, איך זאָל מיט איר חתונה האָבן און פאַריכטן די עוולה, וואָס ניט זי קעגן מיר, נאָר וואָס איך בין באַגאַנגען קעגן איר. אָבער אָט די עוולה — צי קאָן מען זי פשוט אויסמעקן? צי האָב איך געקאָנט האָבּן די העזה צו מיינען, אַז איך קאָן פון אָט דער נידעריקער און פאַרפּושערטער ליבע מאַכן א בעסערע, און נאָך טיפער און אופריכטיקער אַריינגעקוקט אין זיך: איך האָב אפילו ניט געהאַט דעם שטאַרקן ווילן דערצו, וואס וואָלט געווים נויטיק געווען, אויב מען זאָל ניט פון דעם ליגן מאַכן אַ נייעם ליגן. איך האָב טאַקע אַריינגעקוקט אינם כישוף-לאַנד פון דער גרויסער, ריינער ליבע. איך האָב אָבער ניט געשפּירט דעם רשות אַריינצוטרעטן אַהין. און אפילו ניט דעם ווילן — דאָס איז אפשר נאָר אַן אַנדער נאָמען פאַר רשות.

פונדעסטוועגן האָב איך אין די אַלע יאָרן קיינמאָל אַזוי ניט ליב געהאַט דאָראָטי, ווי אין דעם מאָמענט, ווען איך בין גע-שטאַנען אַף די קני פאַר איר בעט און האָב געבעטן מחילה — הגם איך האָב געשפּירט אַז איך קאָן בשום אופן מיט קיין זאַך מער ניט פאַריכטן די עוולה קעגן איר.

איך האָב זיך מתוודה געווען פאַר איר, אַז איך בין אַ שמוציקער עגאָאיסט, וואָס ווייס קיין אָפּהאַלט ניט פאַר זיינע תאוות. איך האָב גערעדט לאַנג און האָב אַף זיך אָנגערעדט אַל דאָס בייז.

דאָראָטי איז שוין ווידער געווען רואיק און קלוג. זי האָט געשמייכלט אונטער טרערן: „דו בּיזט מגזם, ווייל דו ווילסט מיך ארויסרופן אָפּצולייקענען. אָבער דאָס מיינסטו נאָר, אַז דו בּיזט

מגוס. און דער אמתן איז אַלץ געווען אַסך ערגער".

זי איז געזעסן אין בעט, אָנגעלענט אַף די קישנס. איר שוינקייט האָט מיך גערייצט. עס האָט מיך אַ צי געטאָן זיך אַרויפצוּוואַרפן אַף איר און אַראָפּצורייסן די דינע אָוונט־קלייד, וואָס זי איז אין איר געווען אָנגעטאָן. „איך ווייס שוין, וואָס דו קענסט מיר ניט מוחל זיין...“ האָב איך געשריִען ווי אַ נאַרישער יינגל. „אויב ניט דאָס, וואָלט עס גאָרניט געקומען אַזוי ווייט. און מיר וואָלטן בכלל געבליבן די בעסטע גוטע פריינט. אָבער דאָס איז מאַקע אַ באַליידיקונג, וואָס די קליגסטע פרוי קאָן ניט מוחל זיין“... מיין בליק אַפן בעט, ווו זי איז געלעגן נאָכמיטיק, אײדער זי האָט פאַרשטאַנען און גענומען די פילן — דערדאָזיקער בליק איז געווען גראָב גענוג.

„איך ווייס דאָס, ליבסטער“ האָט זי געזאָגט מיט חוצפּהדיקער זאַנפטקייט. „פאַראַן ליטישקייט פון מענער, פאַרשטייט זיך: די העפלעכע, די גוט־דערצויגענע — פאַר אָט דער לייטישקייט, וואָס פאַרדעקט גלייכגילטיקייט, וואָלט מען זיי גערן אויסגעפּאַטשט. אָבער עס זיינען פאַראַן מענער, וואָס זיינען נאָך ראַפינירטער. בכדי אויסצומיידן אָט די לייטישקייט, מאַכן זיי דעם אָנשטעל פון ברוטאַל — אַלץ בכדי צו באַהאַלטן זייער גלייכגילט. זיי מיינען דערמיט צו מאַכן דער פרוי אַ קאָמפּלימענט. דאָס קאָן גילטן אָבער נאָר, ווען זי ווייס דאָס ניט“.

עס וועט אַף שטענדיק בלייבן ניט קלאָר, צי מיר זיינען שוין דעמאָלט געווען אַזוי אָפּגעפרעמדט פון אַנאַנד, ווי דאָס האָט געקלונגען פון אָט די שפּיציק־קאַלטע ווערטער, — צי אָט דער בייזער אָנפאַל איז געווען נאָר פאַרפירונג.

דערנאָך אַ צופעליקע באַרירונג — ביידע האָבן מיר געוואָלט אָנגעמען דעם טשעמאָדאַן — און זי איז געלעגן מיר אין די אָרעמס, צוגעדריקט צו מיר, האָט מיך געקושט. עס איז געווען קלאָר: דער פסק־דין פון שכל האָט נאָך ניט דערגרייכט צו די נידעריקערע חושים. ער האָט אָבער דאָך געווירקט; ווי אַ פינצטערע שרעק. דאָס איז געבליבן דער איינציקער קוש אין דעם טאָג. און דער קוש האָט זיך אָפּגעהאַקט פּלוצים — איבער

אַ נישטיקן גערויש אין צווייטן צימער: מען האָט פון דאָרט אַרויסגעשטעלט שיך אין קאָרידאָר.

מיר זיינען פונאַנדערגעפלויגן. געשטאַנען נאָך עטלעכע מינוטן ווי צוגעשמידט, איטלעכער אין זיין ווינקעלע. אָנגעקוקט איינס דאָס אַנדערע שטאַר, מיט אויפגעריסענע אויגן, מיטן משוגע־אויפגערעקטן אויסדרוק פון טראַגישע מאַסקעס.

ביז דער דינער איז געקומען, צונעמען דעם טשעמאָדאַן.

אָבער די שפּאַנונג, קוים צו דערטראָגן, איז געבליבן די גאַנצע צייט, בעת איך האָב זי אַרויסבאַגלייט צום באַן.

אויך דאָרט איז זי ניט צעגאַנגען, בעת דאָראָטי האָט נאָך עפּעס גערעדט צו מיר, פון וואַגאָן אַרויס. דאָראָטי האָט געזאָגט מיט אַ ווייטיקער שטים, וואָס האָט געקלונגען פאַלש מיט אַן אָנשטעל פון קאָמיש: „יאָ, יאָ, אַזוי איז דאָס — נאָר עלטערע מענער ווייסן ווי צו שאַצן אַ פרוי. מיט אייך, יונגע, איז גאָרנישט“.

דערנאָך גאַנץ פריילעך: „צום ווידערזען!“

מיר האָבן ביידע געוווסט, בעת דער צוג האָט זיך גערירט, אַז וועגן ווידערזען קאָן קיין רייד ניט זיין. עס איז אויס. אַן אָפּשייד אַף שטענדיק.

מער האָב איך טאַקע מיט דאָראָטי ניט גערעדט. איין איינציק מאָל האָב איך זי נאָך באַגעגנט בײַ גאַנץ פאַרענדערטע אומשטאַנדן.

ר אָ ק ע נ ה ו י ז ט ו ך.

אין דערדאָזיקער נאַכט בין איך כמעט ניט געשלאָפן. אין דער צווייטער נאָך ווינציקער. מיט יעדן טאָג איז מיר אַלץ מער קלאָר געוואָרן, וואָס האָב איך אין דאָראָטי אָנגעוואָרן. איך האָב אַלץ מער געשפּירט די פּוסטקייט, וואָס איז פון טאָג געוואָרן אַלץ שוואַרצער אין מיין נשמה.

וואָס איז פון איר געוואָרן? ווער זאָרגט פאַר איר? איז זי געווען אָרעם אָדער רייך? — איך האָב זיך דערמאָנט, אַז זי האָט אַמאָל גערעדט פון אירע רייכע עלטערן. האָט זי איצט געלעבט בײַ זיי? — מיט שאַנד האָב איך זיך איצטער אויפגעוואָרפן, וואָס

איך האָב אַזעלכע ווילטיקע זאַכן ניט געוווסט. חיות, ניט מענטשן זיינען מיר געווען קעגן אַנאַנד. צעטרעטן איינס דאָס אַנדערע — דאָס איז אונדזער שטייגער־לעבן.

אין אָט דעם צושטאַנד בין איך געקומען צוריק אין דיוויזיע־שטאַב. מען האָט דאָרט באַלד באַמערקט, אַז איך בין אַן אומגעביטענער. אַנשטאָט קופּלעטן אָדער אַ גראַמאַפאָן, האָב איך פֿון הינטערלאַנד מיטגעבראַכט אַ ביבל. מען האָט מיר אַ נאָמען געגעבן — דער ביבל־לעזער. דאָס איז שוין געווען גענוג שלעכט. נאָך ערגער איז געווען, ווען איך האָב איינמאָל זיך אָנגענומען פֿאַר אונדזערע טעלעפאָניסטן, וואָס מען האָט זיי געוואָלט אַרויסשיקן אָן שום נויט אונטער אַ רעגן פֿון קוילן. ביי אַ צווייטער געלעגנהייט וואָלט מסתמא געקומען צו אַ קאָנפֿליקט. נאָר די איבערלעבענישן פֿון אַ שלאַכט ביי איזאָנצאָ האָבן מיך ווייך געמאַכט. איינמאָל בין איך געבליבן אַפֿן אָפֿענעם פֿלאַץ בעת אַן אָנפֿאַל פֿון אַן אַעראָפּלאַן — איך האָב געוואָלט שטאַרבן. אַ שפּליטער פֿון אַ באָמבע האָט מיר צעקאַליעטשעט דעם אָרעם.

מען האָט מיך געראַטעוועט. דאָס האָט אויסגעוויזן אומזיניק. צוליב וואָס? נאָכן שפּיטאָל שוין ווידער אַפֿן פֿראָנט — איצט ביי פּיאַווע. איך האָב שוין געמיינט, אַז מיין לעבן וועט שוין בלייבן אָן אַ טעם. ביז איינמאָל איז מיין לייטענאַנט אַריינגעלאָפֿן צו מיר בלייך פֿון שרעק. איך בין שוין ניט געווען מער ביים שטאַב, נאָר אין אַ באַטאַריי אַפֿן פֿראָנט.

„די אונגאַרן מאַרשירן אַוועק" — האָט דער לייטענאַנט גערופֿן. „דאָס איז אָדער בגידה, אָדער דער קריג איז געענדיקט".

דער קריג געענדיקט? — דידאָזיקע מיגלעכקייט איז געווען אַזוי ווייט, אַז קיינער האָט זי אין ערשטן אויגנבליק ניט געקאָנט תופֿס זיין. דאָס איז געשען אויך מיט מיר. איך האָב געגלאָצט און נאָר איבערגעחזרט: „נו, דאָס וואָלט גאָר ניט געווען אַזוי טרויעריק?"

„איך מיין גיכער, אַז דאָס איז בגידה", האָט געזאָגט דער יונגער מענטש, פֿול ציטערניש.

איך בין אַרויס פֿון שטוב, אַ קוק געטאָן. דער געפּעק=צוג פֿון אונגאַרישן פֿולק, וואָס איז געלעגן נעבן אונדז אַפֿן פֿראָנט, איז טאַקע אָפּגעטראָטן. שפּעטער, אין וואָכן אַרום, זײַנען מיר געוואָר געוואָרן, אַז די אונגאַרן זײַנען מיט אײגענער מאַכט אוועק פֿון פֿראָנט צו פֿאַרטײדיקן זײער הײמלאַנד, וואָס די פֿראַנצויזן האָבן זיך גערוקט צו דעם פֿון באַלקאַן אויס. דעמאָלט אָבער האָט קײנער ניט געוווּסט, וואָס עס איז געשען. איך האָב אָנגערופֿן דעם קאָמאַנדיר פֿון מײַן פֿולק. „ניט מיגלעך", איז געווען דער ענטפֿער, „ניטאָ קײן באַפֿעל". האָב איך געשיקט מײַן קאַפּראַל צו דער דיוויזיע=קאָמאַנדע, וואָס איז געלעגן צען קילאָמעטער הינטערן פֿראָנט. אין דרײַ שעה אַרום איז דער מאַן געקומען צוריק. ער האָט שוין קײן זאַך מער ניט געפֿונען, ניט די דיוויזיע=קאָמאַנדע, ניט די קאָרפּוס=קאָמאַנדע. זײ זײַנען פּשוט פֿאַרשוווּנדן. איבערגעלאָזן דעם פֿראָנט אויף הפקר. איצטער האָב איך קלאָר אײַנגעזען, אַז אונדזערע ליניעס וועלן צעריסן ווערן, און אַז עס איז געקומען דער סוף. און אין דעם אויגנבליק האָב איך פֿאַרשטאַנען מײַן חוב: ראַטעווען, וואָס עס איז נאָך מיגלעך, לכל־הפּחות פֿון מײַן פֿולק. דער קאָמאַנדיר פֿון פֿולק איז געווען אַ צעבראָכענער מענטש. „טו וואָס דו ווילסט" — מער האָט מען פֿון אים ניט געקאָנט אַרויסקריגן. האָב איך איבערגענומען די פֿירונג, געלאָזט צוגרײטן דעם צוריקטריט, זאָטלען די פֿערד, אײַנשפּאַנען אין וועגענער, צונויפֿקלײַבן דאָס גאַנצע געווער און אַמוניציע פֿון די אַרומיקע ערטער און אַלץ אָפּפֿירן און גוטער אָרדענונג צו דעם הויפּט=וועג, וואָס האָט באַלד באַדאַרפֿט זײַן פֿאַרשטאָפּט דורך דעם אַלגעמײנעם צוריקטריט. בײַנאַכט, ניט באַמערקט פֿון שונא, האָט זיך די גוואַלדיקע מאַסע געלאָזט גײן צו די אַלפּן צו, דערנאָך דורך דעם קאַד אַרע=טאַל איבער בעלונאַ, פּיאַווע און טאַבלאַך. שוין האָבן פֿון אַלע זײַטן געשטראָמט טײלן פֿון דער אַנטלויפֿנדיקער אַרמײ. די מהומה איז געוואָרן פֿון שעה צו שעה גרעסער. בײַנאַכט האָבן פֿלאַמען (פֿון אונטערגעצונדענע בענזין=רעזערוואַרן) באַלויכטן מאוימדיקע רײען פֿון טויטע פֿערד, צעבראָכענע אויטאָס, איבערגעלאָזענע האַרמאַטן.

וואס איינגער עם זיינען געווארן די וועגן און די בערג, אַלץ ווילדער איז געווארן דאס בילד פון מהומהדיקן אונטערגאַנג. פינוויטנס האבן שוין אונטערגעטריבן די גראַנאַטן פון שונא, וואס האבן געפּלאַצט צווישן די לויפנדיקע. און דא האבן זיך שוין געטראָגן די שרעקלעכסטע קלאַנגען, אַז די איטאַליענער זיינען שוין דא און אַז זיי האבן אַפילו שוין פאַרנומען די ערטער פאַר אונדז. אינמיטן אַט דער מהומה פון טויט, הונגער און שרעק האב איך אָפּגעפירט אונדזערע באַטאַריעס. אונדזער פולק איז געווען אין גוטער אָרדענונג (ניט דער איינציקער, אָבער דאָך אַן אויסנאַם). ווי ער איז געקומען, האט ער פאַר=שפּרייט האָפענונג. ער האָט געהאָלפן מיט לעבנס=מיטלען, וואָס איך האָב באַזונדערס געהיט. מיר דוכט, אַז איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן זיך ניט געפילט אַף אַ ריכטיקן וועג, ווי דעמאָלט. פאַרגעסן אַפילו אָן דעם צער פון דאַראַטי. איך האָב געהאַט אַ חוב. און איך האָב מיין חוב געטאָן.

מיין חוב איז געווען צוריקצופירן דעם פולק ווי ווייט מיגלעך ניט באַשעדיקט ביז צו ווינער=נייסטאַט. דאָס האָט מיר אָפּגע=גליקט: דערביי אָבער האָט געמוזט געפטרט ווערן איינגאַנצן די מיליטערישע דיסציפּלין.

אין טאָבלאַך האָבן מיר געטראָפן אונדזער טאָסט=גענעראַל פּיעטושינען. „אונטערן דונער פון האַרמאַטן" האָט ער זיך געלאָזט אַף גיך לויפן, אָן חיל און אָן שטאַב, באַגלייט נאָר פון זיין דינער און פון קאָך. אָבער אויך די צווי געטרייע דינערס זיינען גראָד מיט אַ טאָג פריער אַוועק און האָבן מיטגענומען מיט זיך זיין געפעק און זיין קאַרעטע. אַזוי איז ער געזעסן דאָ אַליין און פאַרלאָזן. די וואָנסעס האָבן אַפילו נאָך אַלץ שפּיציק געטאַרטשעט, אָבער דער מוט איז שוין געווען געפאַלן. נאָר קוים האָט ער דערשפּירט אַרום זיך אַ פולק פון זיין דיוויזיע, האָט ער גענומען שפּילן דעם קאָמאַנדיר, ארויסגעבן באַפעלן: „מאַרשירן ווייטער קיין מזרח". דאָס וואָלט געווען משוגעת, וואָרום יענע פראָווינץ האָט זיך שוין געהאַט אויסגערופן פאַר יוגאָסלאַוויש. „מיר מאַרשירן איבערן ברענער דורך דייטשן געביט", האָב איך געהייסן. „אָבער

ווער קאָמאַנדירט דאָ?" האָט געשריִען פּיעמזשינען. „אויבער־לייטע־נאַנט מאַירעדער, אָפּגיין!". און אונדזער פֿולק־קאָמאַנדיר, וואָס האָט זיך געהאַט אײַנגאַנצן פֿאַרלאָרן און האָט די ליכטיקע שיין ניט געזען, איז ער אָנגעפֿאָרן אַף אַן אַנדער אופֿן: „קוקט זיך אָן אייער פֿולק. קיין שום דיסציפּלין!". ביז איך האָב גאַנץ רואיק זיך אָנגערופֿן: „הער גענעראַל, און אויב איר האָט שטענדיק געהאַלטן אַזאַ שאַרפֿע דיסציפּלין, ווי איז אַהינגעקומען אייער גאַנצע דיוויזיע?" עס איז מיר שרעקלעך שווער אָנגעקומען — אָט דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן ניט צו פֿאָלגן דעם עלטסטן. אָבער איך האָב אַנדערש ניט געקאָנט טאָן. איך האָב געפֿילט די אחריות פֿאַר די הונדערטער מענטשן און האָב געמוזט זאָרגן פֿאַר די אויסגעדיי־ווערטע, האַלב־טויטע פֿערד. קיין צוריק איז ניט געווען. עס האָט זיך געבילדעט אַן אָפֿיצירן־ראַט, אַלע האָבן מיט מיר מסכּים געווען. און אַזוי זיינען מיר טאַקע אַריבער דעם ברענער מיט אַ קורצער צייט פֿריער, איידער די איטאַליענער האָבן באַוויזן צו פֿאַרשפּאַרן דעם וועג. דער רעשט פֿון דער אַרמיי איז אַריין אין געפֿאַנגענשאַפֿט. ביי אינסבּרוק האָב איך נאָך מיט אַן אָנגעשטעלטן רעוואָלווער געמוזט אַרויסקריגן וואַגאָנעס פֿאַרן פֿולק. אין וויינער־נייסטאָט איז שוין, פֿאַרשטייט זיך, ניט געווען וועמען דעם פֿולק איבערצוגעבן — אַלע זיינען זיך פֿונאַנדערגעלאָפֿן. אָבער דאָס איז שוין ניט געווען וויכטיק. דער עיקר איז, וואָס עס האָט אָפּגעגליקט צו ראַטעווען, חוץ זאַכן, אויך אַ היפּשע צאָל מענטשן־לעבנס. וואָלט איטלעכער אין יענעם מאָמענט געטאָן זיין חוב: זען צו פֿאַרריכטן, ווי ווייט מיגלעך דאָס בייז, וואָס די מלחמה האָט אָנגעטאָן, וואָלט געווען אַ האָפֿענונג ווי עס איז דעם חורבן ווידער אופֿצוריכטן.

באַלד איז מיר אויסגעקומען זיך אַנטקעגן צו שטעלן קעגן חורבן אין אַן אַנדער אָרט.

אונדזער פֿאַמיליע האָט געהאַלטן ביים אונטערגאַנג. דער קריג האָט מיטן גאַנצן כּח אונדז געשלאָגן. מיין פֿאָטער האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן די מפּלה פֿון געליבטן עסטרייך און איז פֿון צער געשטאָרבן. מחמת דער ירידה פֿון די פּאַפּירן האָבן

מיר אַסך אָנגעוואָרן. אונדזערע ווינער בעלי־חובות האָבן אָנגעזעצט. אונדזער פֿאַבריק אין שלעזיען, וואָס האָט איצט געהערט צו דער נײַער מלוכה טשעכאָסלאָוואַקיע, האָט געהאַלטן זייער שמאָל. געפֿירט דאָס געשעפֿט האָט מײַן עלטערער ברודער, נאָכן פֿאָטערס טויט דער עלטסטער אין דער משפּחה. ער איז אָבער געווען אַ פֿאַנטאַסטישער מוח און האָט זיך אַרײַנגעלאָזן אין וואַלוטע־ספּעקולאַציעס. איך אַליין בין אַוועק פֿון מיליטער. מיר דײַטשן אין שלעזיען און מערן זײַנען שטענדיק געווען געניגט צו ווין, מיר האָבן זיך ניט געקאָנט צוגעוווינען צו דער נײַער מלוכה. וויכטיקער פֿאַר דער מלוכה און פֿאַרן מיליטער האָט מיר אויסגעוויזן די פֿאַמיליע. איך האָב באַשלאָסן זיך טעאָרעטיש צוצוגרייטן אין דער ברינער וועב־שולע, כּדי איך זאָל קאָנען קומען צו הילף אין דער פֿאַבריק.

צו ווײַנאַכט בין איך געקומען אַהיים.

די מוטער, ליב און פֿרײַנטלעך ווי שטענדיק, שניי־ווײַסע האָר, הויך פֿון געשטאַלט, געשטיצט אויף איר שפּאַציר־שטעקן, האָט מיך באַגעגנט אויף דער טרעפּ. מעשה־שאָטן, צעקנייטשט, נידעריקער פֿאַר איר, איז דער ברודער געקומען פֿון קאָנטאָר.

„וואָס מאַכט ליזערל?“ האָב איך געזאָגט. ליזערל, מײַן שוועסטער, צוואַנציק יאָר אַלט, איז געזעסן אין אַ סאַנאַטאָריע פֿאַר לונגען־קראַנקע.

„זי לאָזט דיך גריסן“.

„און ווו איז זי איצט? זי האָט מיר לאַנג שוין ניט געשריבן“.

„אין סילס מאַריאַ“ האָט די מוטער געזאָגט קורץ.

„אָבער זי מוז בײַטן דעם קלימאַט, זי מוז אַוועק קיין אַרקאָ“, איז דער ברודער האַסטיק אַרײַנגעפֿאַלן. „די דאָקטוירים פֿאַרלאַנגען דאָס ניט אַנדערש“.

„פֿאַרוואָס שיקט מען זי ניט אַהין? און פֿאַרוואָס האָט מען מיר ניט געענטפֿערט, ווען איך האָב אין יעדן בריוו זיך נאָכגעפֿרעגט וועגן דעם?“

מען האָט געשוויגן. אין אונדזער פאַמיליע איז מען ניט געווען געוווינט צו פאַרענטפערן זיך.

די מוטער האָט זיך נאָכגעפרעגט, ווי עס גייט מיר אין שטודירן. האָב איך גענומען מיט שמחה דערציילן, וואָס איך האָב שוין דורכגעמאַכט און וויפיל איך דאַרף נאָך לערנען.

„און וויפיל יאָר?"

„צוויי. אפשר אָנדערהאַלבן, ווען איך וועל זיין פלייסיק".

איך האָב ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די מוטער האָט דערויף גענומען ווישן טרערן פון די אויגן און איז באַלד אַוועק אין איר צימער. זי איז אויך ניט געקומען צום עסן. אַז איך האָב דעם צווייטן טאָג בײַ איר געפרעגט, וואָס איז זי געווען אַזוי אופגע־רעקט, האָט זי נאָר געענטפערט, אַז דער פאָטער האָט דאָס געדאַרפט דערלעבן, ווי אַזוי איך זוך זיך אַרייַנצוטאָן אין אַ פרעמדער וועלט.

„דאָס איז נאָר מיין חוב" האָב איך געזאָגט מיט שטאָלצער באַשיידנקייט. ס'האָט ניט לאַנג געדויערט, און איך האָב דערפילט, וואָס עס איז מיין חוב. — עס איז ניט אַוועק קיין וואָך, זינט איך בין געקומען אַהיים, איז מיין ברודער געוואָרן אַרעסטירט. ער האָט אַוועקגעפטרט אין זיינע בערזע־ספעקולאַציעס געזעל־שאַפטלעכע געלטער, וואָס מען האָט אים אָנגעטרויט.

וואָסער אומכּבוד פאַר דער פאַמיליע! די מוטער איז געווען געבראָכן.

מיט גרויס מי, דורך פּראָטעקציעס, האָב איך אים אַרויס־גענומען פון טורמע. מיר זיינען צוזאַמען געפאָרן אין אויטאָ אַהיים פון דער קריין־שטאָט.

„דו ביסט אין אַלץ שולדיק", איז דער ברודער אָף מיר אָנגעפאַלן.

„איך? וואָס האָב איך דען געטאָן?"

„דו האָסט גאָרנישט ניט געטאָן. דאָס איז דאָס אומגליק. דו ביסט שטענדיק געווען לייכטזיניק און אָן אחריות".

קיינער האָט מיר ניט געגלויבט, אַז איך האָב זיך אומגע־

בײַטן און טראָג שוין אחריות. אָדער אפשר איז מײַן אחריות־געפיל נאָך ניט געווען גענוג ערנסט.

עס האָט זיך פֿאַרקניפּט מיטן ברודער אַ שמועס, וואָס דער פּועל־יוצא פֿון אים איז געווען, אַז פֿון צווייטן טאָג האָב איך איבערגענומען די פֿירונג פֿון דער פֿאַבריק. איך בין אַרײַנגעשפּרונגען אין דער אַרבעט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, ווי אין קאַלט וואַסער אַרײַן.

דער ברודער האָט מיר פֿאָרגעשטעלט דעם גאַנצן פּערסאָנאַל. ער האָט אַלץ איבערגעגעבן אין מײַן האַנט. ער אַליין האָט געהאַט צו טאָן גענוג מיט זײַן פּראָצעס. מיר האָט ער געקאָנט בײַשטיין נאָר פֿון צײַט צו צײַט מיט עצות. און דאָ האָב איך באַלד פֿון דער ערשטער מינוט אײַנגעזען, אַז די סאָלידע ידיעות, וואָס איך האָב געקלערט זיך אָנשאַפֿן אין דער בריגער וועב־אַקאַדעמיע, זײַנען אין דער איצטיקער קריזיס־צײַט געווען לחלוטין ניט אויפֿן אָרט. דעם ברודערס ווילדסטע ספּעקולאַציעס האָבן גיכער געקאָנט אויפֿהאַלטן די צעפֿאַלנדיקע פֿאַמיליע און שאַפֿן די מיטלען אויף צו ראַטעווען די שוועסטער, אײדער מײַנע פּלענער צו ענדיקן די שול. — מיר האָבן געהאַט אַ געוואַלדיקן לאַגער פֿון פּראָסטע קריגסטוך, געמאַכט פֿון אַ מישעכץ פֿון פֿלאַקס, קראָפּיווע, פּאַפּיר און בלעטלײַ אַפּפֿאַל. איך האָב געדאַרפֿט אַרויסגעפֿינען מיטלען, ווי אַזוי דורכצושמוגלען אַט די פֿאַרלעגענע סחורה קיין קלײן־אַזיען.

איך האָב געטאָן מײַן חוב! איך האָב זיך אַרײַנגעלאָזט אין אַלץ מיאוסטע קאָמבינאַציעס. אַניט וואָלטן די מוטער און די שוועסטער געשטאָרבן, אַניט וואָלט דער ברודער געמוזט אַוועק אין טורמע! איצט האָט ער געקאָנט ראַטעסווײַז אויסצאָלן די פֿאַרשוועכטע סומע. איך האָב ניט געטאָרט קלערן. פֿאַר זיך האָב איך דאָך גאָרנישט געדאַרפֿט האָבן, אַלץ פֿאַר דער פֿאַמיליע. בכדי אויסצומײַדן די ליקווידאַציע פֿון דער פֿאַבריק, האָב איך געמוזט אַפֿילו אַנגעשטעלטע, דאָס האָט געבראַכט אומגליק. אַן אַלטער מאַן האָט זיך פֿאַר מיר אין די אויגן אַרײַנגעשאָסן אַ קויל. איך האָב ניט געטאָרט העלפֿן — אויב איך וועל ניט

שפּאָרן, ווערט „ראָקענהויז טוּד" ליציטירט. פּרעסן אדער ווערן געפּרעסן. איך האָב איינגעפונען, אז איך שטיי ווידער אין קריג. ספיקות זיינען אופגעקומען, צי איז ניט אין גאנצן סדר פון דער וועלט פאַראַן א חסרון — און פּונקט ווי פריער האט מיר אויסגעוויזן, אז מען טאר ניט ליבן, ווייל מען ליבט שטענדיק אפן חשבון פון געליבטן, אזוי האָט מיר איצט געגומען אויסווייזן, אז מען טאר ניט לעבן, ווייל מען קאן לעבן נאר אפן חשבון פון אן אנדערן.

אט האט זיך ווידער באוויזן דער צער פון ליבע, הגם איך האָב געלעבט, אָן אנצוקוקן אפילו א פרוי.

מיט אלצדינג, וואס עס הייסט ליבע איז געווען אָפּגעעקט. עס וואלט אבער געווען א ליגן צו זאגן, אז די פרויען האבן מיר ניט געפעלט. איך בין אבער געווען אין אן אנדער פּראווינץ — דער זין פון מיין לעבן איז איצט געווען: ראטעווען די פאמיליע. די טרויעריקע געשטאלטן פון מיין מוטער, פון ברודער און שוועסטער, זיינען שטענדיק געשטאנען פאר מיינע אויגן. חוץ דעם, האָב איך געהאט צו זארגן פאר א גאנצן גרויסן ארגאניזם, פאר אזוי און אזוי פיל אנגעשטעלטע, וואס איך האָב זיי געראטעוועט (פונקט ווי דעם פולק ביים אפּטרעטן), דורך דעם, וואס איך טרייב די פאבריק. בין איך אבער פארנומען מיט אזא גרויסער אופגאבע, טאר איך אבער ניט ארויסווייזן קיין רחמנות, קיין סאַנטימענטאַליטעט אנטקעגן דעם איינציקן. — וועגן דעם האָב איך געטראכט שטארק טרויעריק און בעצם אינגאנצן אן טרייסט, בעת איך בין ארוים פון שפּיטאל, אין ברין ווו עס איז געלעגן מיין אלטער בוכהאלטער, וואס האט זיך געפּרוווט שיסן. — איך האָב אקארשט געהאט אים צוגעזאגט, אז ער מעג זיך באטראכטן פאר אן אנגעשטעלטן און אז איך נעם אף זיך, פארשטייט זיך, אלע הוצאות פון זיין היילונג.

יאָ, אבער צי איז דאס געווען ריכטיק געטאָן? גוט, איך האָב געפאלגט מיין הארץ. פארבייגייענדיק האט דאס מיר הנאה געטאָן. אבער דאס איז באלד אוועק, און איצט איז ווידער געווען פּוסט, שרעקעוודיק, אומזיכער אין מיר.

„אט דא איז דער ארויסגאנג“, האט פלוצים א זאג געטאן א טונקעלע, הייזעריקלעכע פרויען־שטים.

„ווי מיינט איר?“...

„איך קוק זיך צו, ווי איר דרייט זיך ארום אַ פערטל שעה צייט ארום דעם בייט דא אין הויף און הויבט אלע ווײַלע אויף די אויגן, ווי איר וואלט זוכן דעם טויער, וואס פירט אף דער גאס ארויס. אבער גראד דעמאלט, ווען איר קומט צו נא־ענט צום טויער, לאזט איר אראפ דעם קאפ און לויפט פארביי“.

„איך דאנק אייך זייער, פריילן“ האב איך געענטפערט, ניט באזונדערס פריינטלעך. „איך האב גאר ניט געזוכט דעם ארויסגאַנג, איך האב נאר געקלערט וועגן עפעס“.

זי האָט א לאך געטאן. „מיינט איר מיט אן אמת, אז איך האב דאס ניט באמערקט? — אבער איך האב אייך געוואלט אופ־וועקן. עס איז כמעט א חרפה, צו זיין אזוי פארטיפט אין מחשבות, דערביי מיט אזא ברוגזן פנים, ווי איר“.

פריילעך איז זי געווען. און אזוי יונג. אפשר אַכצן יאר. אַנעשקאַ אָמצירקאָוואַ. אנעשקאַ הייסט אגנעס. זי האט אנגעהויבן ריידן מיט מיר טשעכיש. אבער באלד ווי זי האט לויט מיין שלעכטן ארויסריידן טשעכיש דערקענט, אז איך בין א דייטש, האט זי העפלעך ווייטער גערעדט דייטש. זי האט פארמאגט דעם גאנצן אידעאליזם פון דער יוגנט. זי וויל ניט וויסן, ווער איך בין, א מענטש, וואס איז טרויעריק — דאס איז פאר איר גענוג.

אגנעס איז געקומען אין שפיטאל באזוכן איר לערער פון מאָלן. וואס איז געלעגן קראנק. זי איז ניט געווען זיכער, אז זי האט טאלאנט צום מאָלן, דאך האט זי געוואלט זיך דאס לער־נען, ווייל מען טאר קיין פייאיקייט ניט לאזן ניט אויסגענוצט און מען איז מחויב צו האבן א צוועק אין לעבן...

„מיינט איר טאקע, אז עס איז פאראן אזא חוב? האב איך אפגעפרעגט“.

„געוויס!“ מען האט געמערקט, אז זי איז קיין מאל דערין ניט געווען מסופק און איז געווען טשיקאוו צו הערן, ווי אזוי קאן דאס עמיצער קעגן אזא אמת עפעס זאגן.

איך האב אבער קיין קלארע דבורים ניט געהאט. איך האב גערעדט וועגן בוכהאלטער און וועגן דעם, אז איך וויל, נייז, איך מוז אים ראטעווען, פשוט פון מענטשלעכקייט, הגם איך בין זיכער, אז א העכערער חוב הייסט מיר זיך אפצוקערן פון אים.

„צי איז דען גאר פאראן א העכערער חוב ווי מענטשלעכ־קייט" האט זי געפרעגט פשוט, אָן חכמות, הייזעריק. — אגנעס איז געווען זייער אינטעליגענט. זי האט זיך אויסגעבילדעט, פונקט ווי א גרויסער טייל פון יונגן דור טשעכן, אף די אידייען פונם מלוכה־פרעזידענט מאסאריק, וואס אין אים האט זי געזען דעם גרעסטן פילאזאף פון דער צייט. זי האט שטודירט זיינע ווערק, ווי ער האט געוווּסט אנצוווייזן איטלעכן פאלק און איטלעכן יחיד זיין וועג. רואיקער אָפּטימיזם האט איר, אזוי צו זאגן, אנגעפילט ביז די שפיצן פון די פינגער, פון איר האט עס ממש ארויסגע־שטראלט און איך בין דעמאלט געווען אזוי צעטומלט... מיר זיינען נאך א שעה צייט ארומגעגאנגען ארום דעם ארימען בייט מיטן בלאסן גראז, פאר די נאקעטע ווענט און דעם שטריינג־זאכלעכן גלאָז־דאך פון אָפּעראציע־זאַל אין זייטיקן פאוויליאן האבן מיר געשלאסן פריינטשאפט.

א ג נ ע ס.

זינט דעמאלט אָן בין איך אפטמאלס געקומען קיין ברין, ווו איך האב געהאט צו טאן אין די רעגירונגס־אנשטאלטן. און איט־לעכס מאל האב איך איינגעשטעלט אזוי , אז איך האב געקאנט וויניקסטנס א קליינעם שפאציר מאכן מיט אגנעס.

און דא מוז איך מודה זיין זיך אין זייער א מיאוסער זאך: אט די באקאנטשאפט איז פון מיין זייט אין אנהייב געווען ניט גאר אָן אויסרעכענונג. איך בין באלד געוואר געווארן, אז אגנעס האט געהערט צו א רייכער, פירנעמער טשעכישער פאמיליע. — ניין, אזוי טיף וויל איך מיך ניט אראפווארפן, אז איך בין לכת־חילה געווען צווישן די נדן־יעגערס. וועגן דער מיגלעכקייט אויסצו־בעסערן די לאגע פון „ראקענהויז טוך" דורך געלט פון נדן האב

איך ניט געקלערט און איך בין ניט שולדיק, ווען אט די מיג=
לעכקייט האט שפעטער זיך באוויזן (כמעט אן מיין בייהילף). א
שאלה איז נאר, צי דאס, וואס איך האב געטראכט אדער גיכער
מונקל געשפירט, איז ניט געווען נאך מיאוכער. די מעשה איז
געווען אָט וואָס: אגנעס איז געווען א טשעכין און אין די ער=
שטע יארן נאך דער רעוואלוציע האָט מען ניט ווילנדיק געהאט
א רעספעקט פאר אלץ, וואס איז טשעכיש. אט דאס פאלק, וואס
איז הונדערטער יארן געווען דערנידעריקט, איז איצט געווען
זיגער, האט פארנומען אלע שטעלעס אין דער מלוכה. ביים בא=
פרייען מיין ברודער פון טורמע, בין איך דערגאנגען, וואס דאס
באטייט פערזענלעכע פריינטשאפט מיט טשעכן... דאס אלץ האט
פאר מיר געשוועבט מטושטש און האט זי מיר געמאכט אינטע=
רעסאנט. פאר „ראקעטנהויז טוך" האב איך דאָך יעדן אויגנבליק
געדארפט אָנקומען צום חסד פון די רעגירונגס=ארגאנען. אנדערש
וואלט אלץ איינגעפאלן... אז אגנעס האט דורך איר פאמיליע גע=
קאנט ווען עס איז מיר פארשאפן פראטעקציע, האט מען געקאנט
פאָרויסזען, הגם איך האב צוערשט ניט געקלערט שטארק
וועגן דעם.

ווי מיאוס! איך האב אבער געמוזט גובר זיין אלע מיינע
אינסטינקטן, בכדי צו טאן מיין חוב. — איך האב אנעשקא ניט
געליבט. אבער מיר איז געווען גוט מיט איר. איך האב זי גע=
לאזט ליבן מיך. און דערין, וואס איך האב דאס איר דערלויבט,
איז שוין געווען א געוויסע צוניינונג. ניט וואס איך האב געדארפט מיך:
אף זייער א צארטן שטייגער, כדי איר צו פארגרינגערן, איז שוין
נייטן צו אט דער גוט=גינציקייט, נאר גראב האב איך איר ניט
געקאנט זיין — דאס איז אפשר דאס איינציקע פאזיטיווע, וואס
איך קאן וועגן זיך זאגן. אבער גופא דאס ניט=גראב=זיין — צי
איז דאס פון גוטס אדער פון שלעכטס, דאס ווייס איך שוין ניט.
אפשר האט מיר געפעלט מוט אנצוטאן וויטיק דער מיידל —
און דערפאר האב איך געלאזן צווישן אונדז אזוי פיל אומקלאָרס
און האלבס. און שפעטער. בשעת איך האב מיט איין מאך גע=
וואלט אָפראמען אלץ האב איך איר מער ווי געטאן אוידער

ווען איך וואלט גלייך אין אנהייב זיך אפגעטראגן.

אַנעשקאַ איז געווען שיין. אירע טונקל-ברוינע אויגן האבן דערמאנט אפילו אן דאראטי. אבער עס האט געפעלט דער קאנטראסט פון דער טונקל-אויגיקער און ווייסהויטיקער בלאנדינע. אַנעשקא איז געווען שווארץ-האריק, א באוועגלעכע ברונעטין. זי האט געהאט א סך געלייענט, דורכגעמאכט כל-ערליי קורסן. אונדזערע שפאצירן אין שרייבער-וואלד זיינען געווען גרויסע דיםקוסיעס. איך האב גערעדט גערן מיט איר. מיט איר שכל און מיט איר פשוטקייט פלעגט זיך מיך אביסל טרייסטן אין יענע צעפליי-גענע צייטן. שטענדיק איז זי געווען אָפנהארציק און לוסטיק. ווען איך באקלער מיך היינט, איז אפשר נאר אט די פרייילעכקייט געווען דאס, וואס האט מיר געהאלפן אריבערצוטראגן די פאר מיר טויטע, פיינפולע שפאצירן און שמועסן.

ניין, ניט נאר דאס אליין. פאר מיר האט דאך די וועלט א זין נאר נעבן א פרוי, ערשט דעמאלט ווערט זי א ממשות. איך האב שוין מער ניט געקלערט וועגן ג ל י ק ל ע כ ע ר ליבע. פארקערט: פרויען באשאפן פיין. אבער גראד אט דער אונטערשייד אין ווארעמקייט האט מיך צוגעבונדן צו זיי, דער אונטערשייד צווישן א לעבן אין פיין, וואס האט דאך א זין און באטייט, און צווישן דעם אבסאלוטן גארנישט, דעם גלייכגילט. מער ווי אט דעם ווארעמען אונטערשייד האב איך פון קיין פרוי ניט געוואָרט — און ווייניקער האט אויך אנעשקא ניט געקאנט מיר געבן. צי איך האב זי ליב געהאט צי ניט — דאס האט שוין מיר ניט אויסגעמאכט. פיין און א ביסל ווארעם — דאס איז דאס איינציקע, וואס איך האב נאך געזוכט ביי פרויען. און מיט וואסער תענוג האב איך געזויגן אט דאס ביסל ווארעמקייט פון מיינע מעלאנכאלישע שפאצירן מיט אנגנעס. אפשר גראד וויל עס איז געווען א ווארעמקייט וואס גייט אוים, וואס פארשווינדט.

איין מאל האב איך אגנעס א קוש געטאן. זי האט זיך דערביי אופגעפירט זייער אומגעשיקט, דאס ארעמע קינד. זי האט גענומען מיין קאפ אין אירעביידע הענט, נאך בעת מיינע ליפן זיינען געלעגן אף אירע. „וואס טוט זי דא", האב איך געטראַכט

אומצופרידן. „זי שרויפט ביי מיין שארבן, ווי ער וואלט געווען א בינאקל״. ניין, פון צעגאנגען ווערן, וואס וואלט מיך באפאלן אף דאראטים מויל, איז דא באמת ניט געווען צו מערקן.

„דעם מענטשנס הארץ איז אזוי גערויס״ האב איך דערנאך געזאגט. „דאס נידעריקסטע באזעצט זיך דארט צוזאמען מיט דעם איידלסטן, ניט דווקא איינס נאכן אנדערן. נייערט גלייכצייטיק״.

איך האב דערביי געקלערט וועגן איר ליבע, מסתמא די ערשטע ליבע פון א יונגן הארץ, וואס איך בין געווען אנטשלאסן אויסצונוצן צוליב די אינטערעסן פון מיין פאמיליע. נאך ניט אינ־גאנצן קלאר, ווי אזוי אבער איך האב געוווּסט, אז בעת עס וועט נויטיק זיין, וועט דער חוב אריבערשפאנען איבער די צארטע ספיקות פון געוויסן, פונקט ווי איבער די נויט־געשרייען פון די אפגעזאגטע אנגעשטעלטע. אבער אגנעס האט געטענעט אירס. — זי האט זיך געהאט איר ווערטל „הומאניטעט״. ביי איר אין דער נשמה האט געלויכטן א מילדער, גלייכמאסיקער שיין, ניט ווי ביי מיר, ווו דער פלאקער פון שטורקאצן האט אופגעריסן שווארצע רויכערדיקע אפגרונטן.

„הומאניטעט דער העכסטער צוועק. גוט!״ האב איך אף איר געשריען. „אבער ווען מען דערלאזט צוליב א גראנדיאזן צוועק די ערגסטע נבלות, עינויים, אינקוויזיציע, מלחמה, ווי דאס איז אלע מאל געשען — אדער נעמט אן אנדער פאל: עמיצער וויל און מוז ראטעווען זיין פאמיליע פון אונטערגאנג, און היות ווי ער האט דאס זיך אוועקגעשטעלט ווי זיין העכסטן ציל אין לעבן, ניצט ער אויס צום בייזן דעם צוטרוי פון א ליבן כשרן גוטן פריינט״.

וואס עפעס אויסנוצן צום בייזן? אויב פריינטשאפט איז פא־ראן, איז שוין הילף און קרבן ניט ווייט״.

„אבער ווען עס רעדט זיך וועגן ליבע? ליבע און הילף, דאס דארף מען ניט צונויפמישן. ליבע קאן אויך פיינט האבן, צעשטערן. ליבע איז ניט געשאפן צום נוצן״.

„ניין, ליבע קאן ניט פיינט האבן״. אגנעס האט א טופע געטאן. אירע באקן האבן זיך גערויטלט. „דעם מאן, וואס איך

ליב, אים וועל איך העלפן, ווען עס איז נויטיק. איך פארשטיי גארניט, ווי קאנסט איר דאָ זען א ווידעראנאנד".

איך האב זי ארומגענומען.

„דו האסט מיך אריינגעבראכט אין כעס". זי האט מיך אפגעשטויסן. אבער איך בין פלוצים אזוי פריילעך געווארן און האב זי מער ניט אפגעלאזט. אזוי זיינען מיר אריין טיפער אין וואלד, מיר האבן געזונגען א ליד. א ליד פון דער שולע, וואס מיר האבן ביידע געקענט. צווישטימיק. דערנאך האבן מיר אין א קליינער אכסניה געלאזן אונדז געבן מילך. ביז דעמאלט פלעגן מיר נאך בייטן „איר" און „דו". ביי דער גלאז מילך האבן מיר געטרונקען ברודערשאפט פאר אלע מאל. בארויקט, פיל פריינטלעכער ווי אלע מאל, בין איך געגאנגען צוריקוועגס נעבן איר. — ליבע איז דאך מיר, נאך דאראט ים פארווארפן, אויסגעקומען פאררופן און פארבאטן. דא האט אבער געוואקסן א שוואך ליבעשפראצל און קיינער האט גארנישט געקאנט זאגן דערגעגן. ער איז דאך געוואקסן אין שאטן פון אחריות, פון חוב.

מיינע געדאנקען האבן געהאט דורכגעמאכט א קרייז. אגנעס האט מיר אף איר שטייגער באוויזן, אז עס איז קיין עוולה ניט, ווען מען איז עפעס אויסן מיט דער ליבע. אָבער ניט דאס איז געווען דאס טיפסט וויכטיקע פאר מיר. נאר אז איך מעג איצט ווידער זיין נעבן א פרוי, אז איך האב אין יענעם אוונט זיך געהאלטן פאר באפרייט פונם „ליבע-צער!" ווארום מיטאמאל איז מיין בייגקשאפט נאך דער פרוי געשטאנען אין דינסט פון דער אחריות· און עס איז בטל געווארן אלצדינג, וואס האט די ליבע געמאכט אוממיגלעך. ליבע (פאר מיר אזוי נויטיק, וואס איך קאן זיך אָן איר ניט באגיין) האט איצט געדארפט א מצווה טאן. לכל הפחות דעם אווגט איז עס גארניט געווען קיין מאט געפיל. מיך האט הויס געמאכט די דאנקבארקייט, וואס אגנעס האט פריער געמאכט די שטריק, וואס האט מיך געווארגן.

אליך וואלט געקאנט איצט גיין זיין גוטן גאנג. ליידער איז דאס ניט געווען קיין פראטעקציע, וואָס צוליב דעם האב איך געדארפט אָנקומען צו אנעשקא און צו איר פאמיליע. צו אט דער

נידעריקייט, וואס איך האב אזוי שטארק מורא געהאט פאר איר, איז דאס ניט געקומען. עס איז געקומען א סך ערגער.

„ראקענהויז טודי" איז געגאנגען אלץ אראפ. איך האב געארבעט ווי משוגע, טאג און נאכט. עס האט גארנישט געהאלפן. א גרופע ברינער פאבריקאנטן האבן אונדז געמאכט א טייוולאנישע קאנקורענץ וואס קעגן איר האבן מיר ניט געקאנט בייסטיין. קיין ספק ניט, די אונטערנעמונג איז געגאנגען צום גרונט. דערהויפט איז דאס געווען די פירמע נעזבעדא און קא., וואס האט אזוי אראפגעדריקט די פרייזן, אז מיר האבן מער ניט געקאנט פארקויפן אפילו פאר דעם אייגענעם קאסטן=פרייז.

„מען מוז ביטן די מעטאדע", האט געזאגט מיין ברודער. „דינגען נאכשפירערס! האנדלס=שפיאנאזש!"

צי האט אים דאס לעזן די קריגס=זכרונות, וואס האבן זיך דעמאלט באוויזן הונדערטערווייז, אינגאנצן פון זינען אראפגעבראכט? אדער די קרימינאל=אטמאספערע, וואס ער האט זיך געפונען אין איר אדאנק זיין פראצעס? „א צייט לאנג האב איך ניט געוואלט הערן פון אט דעם פאנטאסטישן איינפאל. אבער איך האב קיין ברירה ניט געהאט. און אלאָיס לופערציעל, וואס דער ברודער האט איינגיבן אים געבראכט, איז טאקע געווען זייער א פלינקער מענטש. מיט אים איז נאטירלעך געקומען די גאנצע באנדע, וואס האט גענומען צו אונדז אויס= און איינגיין. עס האט זיך אנגעהויבן יענע ערגסטע צייט, וואס איך האב שוין גערעדט פון איר. פון לויטער אחריות=געפיל בין איך אריינגעפאלן צו א באנדע אויסוואורפן, וואס האבן פון קיין אנדער געזעץ ניט געוווסט, ווי אויסצושמעקן און צו כאפן רויב. באלד האט לופערציעל ארויסגעקראגן אז די ברינער פאבריקאנטן באקומען פון די רעגירונגס=אנשטאלטן אזעלכע באגינסטיקונגען וואס אונדז האבן זיי ניט געוואלט געבן. עס האבן זיך ארויסגערוקט מעשיות מיט כאבאר. מען האט אראפגעזעצט באאמטע. ניי אומגליק, נייער יאמער פאזע דעם קריגס=פראנט „ראקענהויז טודי". מינעס און קאנטר=מינעס, נקמה און שפיאנאזש.

איך האב געליטן צווישן אט די צרות, אויך קערפערלעך, איך בין אויסגעדארט געווארן צו הויט און ביינער, האב געמיינט,

אז איך וועל לאנג ניט אויסהאלטן, אבער דער קריזיס האט זיך געשלעפּט, ניט געאכט, צי זיינען מיינע נערוון בכח דאס צו דערטראגן צי ניט.

צו אנעשקא פלעג איך אפט זאגן: „איך האלט עס מער ניט אויס. איך ווייס נאר ניט, וואס איך זאל טאן, ווען איך וועל דאס מער ניט אויסהאלטן. וואס וועט געשען אין אזא פאל? דער פאדים פון געדולד איז צעריסן. איז נו? ווייטער?" זי האט אזא תליה־הומאר ניט געקאנט תופס זיין. זי האט מיר געעצהט צו לאזן אלצדינג שטיין און ליגן, ווי מען מוז טאן אין געוויסע פאלן, ווען עס איז קיין עצה ניטא (אגב, וועגן מיין לאגע האט זי גע־האט גאר א מטושטשע פארשטעלונג, פאקטישע זאכן האב איך איר קיינמאל ניט דערציילט), איך זאל מאכן א רייזע — דעם קומענדיקן חודש, מיט איר קיין בערלין.

„וואס טוסטו אין בערלין?"

„מיין פאטער איז דארט. ער וווינט שוין עטלעכע חדשים אין בערלין, איך וויל אים באזוכן".

עס האט זיך געהאט אנגעהויבן די אינפלאציע־צייט. דער מארק האט זיך געגליטשט אראפּ: אין העלער — אבער ער האט זיך דערביי ניט אפּגעשטעלט, דעם צווייטן טאג שוין א האלבן און אזוי כסדר ווייטער, אלעמאל די העלפט פון נעכטיקן ווערט. דייטשלאנד איז איצט געווען וואלוול, בזיל הזול. אויסלענדער האבן דייטשלאנד אויסגעקויפט. מיר פערזענלעך איז געווען דער־ווידער, צו לעבן וואלוול אפן חשבון פון א חורבן. ניין, קיין דייטשלאנד וועל איך פארן ערשט, ווען עס וועט דארט בעסער גיין, לאנג קאן עס דאך ניט געדויערן. — מען האט דעמאלט גיט געקאנט זיך פארשטעלן, ווי לאנג א פאלק מוז קענען ליידן.

„ווער איז דאס די דאמע, וואס איר האט מיט איר נעכטן אין ברין שפּאצירט?" האט מיך מקבל פנים געווען לופערצעל, וואס האט שוין געהאט ביי אונדז אין געשעפט אן אייגן צימער מיט א טיש.

„וואס קער דאס זיך אן צו איך? שפּיאָנירט איר אפשר מיר אויך נאָך?"

ער האט מיט ביידע הענט געריבן זיינע שפּיציקע וואנסעס.

„דאס ניט. אבער פריילן אָמצירק איז דאָך בכל אופן די הויפּט־קאנקורענטין פון „ראקענהויז טוך".

„ווי אזוי?"

„נעזובעדא און קא. — דאס איז טייטש: נעזובעדא און אָמצירק. די פאמיליע אָמצירק איז די קאמפּאניע. האט איר דאס ניט געוווסט?"

„קיין השגה".

„שלעכט אינפארמירט. אבער פון איצט אן וועט איר מסתמא זיך היטן צו ריידן פון עפּעס אנדערש, ווי פון וועטער".

די ארימע אנעשקא איז געווען גאט די נשמה שולדיק. זי האט דעם מינדסטן אינטערעס גיט געהאט פאר איר פאטערס פאבריק. זי האט שטודירט איר מאלעריי און האט מיך ליב גע־האט. זי האט קיינמאל ניט געפרעגט, ווי אזוי איך לעב. און עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז אויך איך האב בעצם גאר ווינציק גע־ווסט פון איר פאמיליע: דער עיקר איז מיר געווען פארהוילן.

עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז נעזובעדא און קא. איז טאקע אונדזער געפערלעכסטער שונא און האט דירעקט געשטרעבט אונדז בדלות צו שטעלן. — ניין, ניט אנעשקא האט מיך אויסגעפרעגט; אבער איך, איך בין געווארן דער פרעגער, איך האב ביים בעסטן ווילן ניט געקאנט בלייבן גלייכגילטיק צו דער פראגע, ווי אזוי נעזובעדא און קא. פארדינען זייער עשירות. צום גליק האט אנעשקא, די אידעאליסטין וועגן דעם גארנישט געוווסט. — מיינע פראגעס האבן אבער געהאט אן אומגעריכטע פעולה. אנעשקא איז איצט געווען באגלויבט, אז איך וויל מיט איר חתונה האבן, הגם איך האב אויסגעמיטן די קלענסטע אנצוהערעניש אין דער ריכטונג און פלעג דירעקט אָפּלייקענען, ווען זי פלעגט נעמען ריידן דעריבער. אבער דאס, וואס איך האב זיך אזוי שטארק

אנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט איר פאטערס פינאנסן, מיט זיינע קונדן א. אז. וו. וואס איך האב אפילו געוואלט איצט פארן מיט איר קיין בערלין, בכדי זיך פערזענלעך צו באקענען מיט אים — ווי האט דאס די אכצן-יאריקע געקאנט אנדערש אויסטייטשן, ווי: ער וויל ביי פאפא בעטן מיין האנט. אין דעם טעות, האב איך געזען, פארברייננגט זי גליקלעך אירע טעג — און גראד אט דעם טעות האב איך ניט געטארט ביי איר אוועקנעמען. ווארום עס האט פאסירט עפעס מאוימדיקס, וואס האט מיך אלץ ווייטער אריינגעטריבן אינם וועג פון פארברעך.

איך האב מער ניט געקאנט באצאלן די רעכענונגען פון אָרקאַ. מיין שוועסטער האט געשריבן, צי זי זאל קומען אהיים. דאס הייסט, שטארבן.

און אט דער פארשאלטענער טייוול לופערצעל האט ארויסגעקראגן, אז די פירמע נעזבעדא קויפט איין אין דייטשלאנד גוואלדיקע סכומים טוך פאר שפאט-פרייזן און ברייגנט עס אריבער דורך פארשיידענע קונציקע מאכינאציעס אָן צאל-שוועריקייטן איבער דער גרענעץ צו אונדז. איצטער האט זיך אנטפלעקט דער סוד, ווי אזוי זיי האבן אזוי שטארק געקאנט ווארפן די פרייזן, אז מיר האבן שוין די קאנקורענץ ניט געקאנט אויסהאלטן.

דאס איז געווען, הייסט דאס, קאמף אף לעבן און טויט. ווערט אט די פרייזן-ווארפעניש ניט אפגעשטעלט, איז דעמאלט אויס מיט „ראקענהויז טוך". אין עטלעכע וואכן קומט דער סוף.

מיין רייזע קיין בערלין, צוזאמען מיט אנעשקא, האט איצט געקראגן א צוועק, וואס די אומגליקלעכע האט אפילו ניט געקאנט חלומען וועגן אים. כאפן דעם מענטשן, וואס האלט אונדז פארן גארגל, וואס זיצט אין בערלין און ארגאניזירט פון דארט אויס דעם אימפארט, וואס שטעלט אונדז בדלות — אופדעקן זיינע אומגעזעצלעכע דריי-שטיק, אריינברייגנען אים אין טורמע — וועגן דעם האב איך געחלומט, אדער איז דאס טאקע געווען דער פאטער פון מיין געליבטער, פון מיין כלה (זי איז ניט געווען ניט דאס און ניט יענס און האט פארנומען ביידע ערטער מיט

א מין סימבאלישן באטײט), איז דאס געװען אנעשקאס פאטער, װאס מיט אים האב איך דאס געװאלט אפטאן אזא זאך?

„איך מוז בײ דיר נאך אמאל פרעגן" האב איך צו איר געזאגט. „װי קלערסטו װעגן דעם — צי מעג מען די ליבע אויסנוצן צוליב א צװעק, װען מען האלט אט דעם צװעק מאראליש?"

„איך װײס פון קײן אנדער מאראל ניט, חוץ מענטשלעכ־קײט" האט דאס מײדל מיך געלערנט. „און עס קאן דאך גאר קײן שאלה ניט זײן, אז צוליב דער מענטשלעכקײט מעג מען אלץ אויסנוצן, אפילו ליבע. הומאניטעט טאר מען ניט פארבײטן מיט סאנטימענטאליטעט".

מיר זײנען געשטאנען בײ א פארקן, באשלאגן מיט פלאקאטן. א קאץ האט נעבעכדיק א פישטשע געטאן. אזא ארימע ארויסגעװארפענע קאץ. תיכף האב איך געװאלט זי גײן זוכן. אבער נײן, דא האב איך באמערקט, אז דאס איז געװען א האלב־אפגעריסן ברעטל, װאס האט געקרעכצט אין װינט. האב איך רחמנות געקראגן אויך אפן ברעטל. און באלד האב איך מיר גענומען קלאפן מיט די פויסטן אין שטערן. „איך בין א קאמעדיאנט, א קאמעדיאנט אן געװיסן", האב איך געשריען.

אנעשקא האט די זאך אנגענומען רואיקער, װי איך האב זיך געװונטשן: „װאס איז דאס?" האט זי געפרעגט, כמעט אין קאטאװעס.

אין דעם אויגנבליק האב איך זיך געשטארקט. „הײסט דאס הומאניטעט — מײנסטו?" נאכגעקלערט. „נײן, דאס איז א ביסל צו פארשװומען אויסגעדריקט".

און אזוי זײנען מיר געפארן צוזאמען קײן בערלין. — עס איז געװען אפריל, אבער ריכטיק װארעם איז נאך ניט געװען.

אין בערלין האבן מיר זיך באזעצט אין באזונדערע האטעלן. אויך אף דער רײזע בין איך געבליבן קאלט צו אנעשקען, אלע מאל אין די גרענעצן פון העפלעכקײט. א מײדל מיט עפעס גע־ניטקײט װאלט געװיס פראטעסטירט קעגן אזא דײטלעכן באװײז פון קאלטקײט. װאלט זי באװיזן ברוגז און פארביטערונג, װאלט

איך אפשר געשפירט א מין לײדנשאפטלעכע אופרעקונג און אלץ װאלט צעשמאלצן געװארן אין ליבע אדער אין כעס. עס איז אבער דערצו ניט געקומען, עס איז געבליבן א מיטל=צושטאנד, מעשה=זשעלע — גערונען. געװארענע גוטגינציקײט — איבער=געשטאנענע זױערמילך. — פײנלעך אומאָנגענעם האב איך דאס געשפירט, װי עס גליטשט זיך אראפ אין מײנע נערװן.

„אגנעס, צי קאנט איר גלױבן, אַז אַ ליבע, װאס האט זיך אנגעהױבן אין א שפיטאל, זאל זיך גוט ענדיקן?" האב איך גע=זאגט, בעת זי איז אײנמאל שפעט נאכמיטיק געקומען מיך אפ=נעמען צו ברײנגען מיך אין דעם האטעל, װו איר פאטער האט געװױנט. דאס „דו" צװישן אונדז איז, ניט געקוקט אף דער חדשים=לאנגער באקאנטשאפט, נאך ניט געװען געפעסטיקט. איך האב דאס ניט צוגעלאזט.

„צי דארף זי זיך ענדיקן, די ליבע?" האט זי געשפאסט. „אפשר ענדיקט זי זיך קײנמאל ניט".

איך האב געשװיגן פאר פארדרוס. מיר איז איצט קײן שפאס ניט אײנגעגאנגען. פארװאס האט זי דאס ניט געפילט! אזא מײדל, פארלאזן פון אינסטינקט, פארלאזן פון גאט! איך האב אף איר שטארק רחמנות געהאט. אפשר איז זי געװען צו בלוט=ארעם, צו װײניק אנטװיקלט, אז אירע אינסטינקטן זאלן זיך אנטפלעקן. אבער װי שײן איז זי געװען. דער װײטער פנים מיט די שפיציק=געפינדזלטע ברעמען און די ברױנע אױגן, װאס האבן זיך אופגעעפנט פאר מײנע אױגן, װען איך האב אין זײ ארײנ=געקוקט, װי צװײ סאמעט=בלומען, בליענדיק אלץ גרעסער און גרעסער. שײן איז זי געװען, אבער איך האב זי ניט ליב געהאט. „אפשר", האב איך א מאָמענט א טראכט געטאן, „איז זי גאר אנדערש, װי איך מאָל מיר אױס, און די זאך איז גאָר אַזױ: װײל מײן אינסטינקט איז אַזױ שװאַך אַנטקעגן איר, װײזט מיר אױס, אַז איר אינסטינקט איז שװאַך... דאָס װאָלט געװען מאָדנע, אָבער פאָרט מיגלעך"... איבעריקנס, האָט מיך די פראַגע לחלוטין ניט אינטערעסירט.

אָ ניין, דאָס איז דאָך די נבֿלה — זי האָט מיך יאָ אינטערעסירט, די גאַנצע אַגנעס האָט מיך אינטערעסירט צולהכעיס אַלצדינג. אפֿשר איצטער מער ניט, אין מאָמענט פֿון העכסטער אָנגעשטרענגטקייט, בעת איך בין מיט איר צוגעקומען נעענטער צום קליינעם האָטעל ביים ראַנד פֿון טירגאָרטן; איצטער ניט, אין דער רגע, ווען דער גורל דאַרף פֿאַלן, אָבער דעם גאַנצן האַרבסט און ווינטער האָב איך אָט די אַלע פֿראַגעס, אָט די אַלע מרה־שחורהדיקע רעיונות איבערגעלעבט — די שטאַרקסטע פֿון אַלע מרה־שחורות — צו ווערן געליבט און אַליין ניט צו ליבן, — און, דעם אמת גערעדט, איך האָב אין זיי געפֿונען מיין לעבן, דעם תענוג פֿון מיין לעבן, הגם זיי זיינען געווען אומעטיק גענוג. לויטן פֿאָדים פֿון אָט די מרה־שחורות האָב איך שטענדיק געפֿונען דעם וועג צו אַגנעס, האָב זיך מיט איר ווייטער געגליטשט אַראָפּ, ביז צו אָט אַהער, ביז צו אָט דעם טאָג, ווען דער אָפּגרונט האָט זיך אויפֿגעעפֿנט. איך האָב זי ניט ליב געהאַט, אָבער זי איז געווען פֿאָרט אַ פֿרוי. נעבן אַ פֿרוי קאָן איך לעבן, אָן אַ פֿרוי — ניין. געליבט צי ניט געליבט — אַ פֿרוי איז זי געווען. איבעריקנס, אין איר פֿאָטערס ענין וואָלט איך אַפֿילו אַף אַ האָר אַנדערש ניט געטאָרט זיך באַגיין, ווי שטאַרק איך וואָלט זי געליבט. וואָלט דען דעמאָלט מיין פֿאַלשקייט געווען ווייניקער מיאוס? אוודאי ניט. ווי איך האָב די זאַך געקערט און געווענדט, האָב איך מיר אויסגעזוכט עלנט און פֿאַרלאָזן. פֿאַרוואָרפֿן פֿון גאָט, אָפּגעשיידט פֿון אַלץ, וואָס איז גוט און פֿיין.

די זון האָט געהאַלטן אין אונטערגיין. מיר איז געווען ניט גוט. צום ליבסטן וואָלט איך געוויינט. גראָד האָב איך אין זיך אַריינגעטענעט זידל־ווערטער, ווי „קוילער״, „וויוויסעקטאָר״, בעת אַגנעס האָט זיך שטאַרקער צוגעטוליעט צו מיר און, נאָכדעם ווי זי האָט זיך פֿאָרזיכטיק אַרומגעקוקט — אַ בוימער־גרופּע האָט אונדז פֿאַרשטעלט פֿון גאַס, — האָט זי מיר אַ קוש געטאָן אין די ליפּן.

„דו שטופּסט מיך אָפּ״ האָט זי געזאָגט.

איך בין געוואָרן אויפֿגעקאָכט: „ווייל איך האָב דיך ניט ליב,

ווייל איך האָב דיך אַ האָר ניט ליב. לאָז מיך אַליין גיין צו דיין פֿאָטער. גיי דו אַריין אין אַ קאַפֿע. דאָ קענסטו וואַרטן, אויב דו ווילסט". אַזוי ביז האָב איך נאָך קיינמאָל ניט גערעדט צו איר. עפּעס האָט אין מיר אויפֿגעשטורעמט. אַ ווילדער פֿאַרלאַנג האָט מיך געטריבן צו זאָגן איר אַלץ, אַלץ, צו ראַטעווען זי, אַנטפּלעקן איר מיין אכזריותדיקן פּלאַן און דורכדעם איר צו צעשטערן אין לעצטן אויגנבליק.

זי איז געבליבן שטיין.

דאָס האָט געשטערט מיין פּלאַן. איך האָב דאָך געמוזט ווייטער גיין, עס איז דאָך געווען אָפּגערעדט. איך האָב געמיינט, אַז נאָך אַ ווײַלע וועט זי ווידער מיטקומען. זי אָבער האָט געהאַט אָפּגעווענדט דעם פּנים צו אַ בוים און איז געשטאַנען אָן באַוועגונג.

אַ פּאָר טריט האָב איך געמאַכט. איצט האָב איך זיך אומגעקערט צוריק צו איר און האָב שטיל אַראָפּגענומען איר די האַנט פֿון פּנים. איך האָב געמיינט, זי וויינט. זי האָט אָבער נאָר געקוקט ווי צעמישט, מיט פֿון אימה אויפֿגעריסענע אויגן, וואָס זייערע ברוינע שטערן זיינען אין דער טיף אַלץ מער ברייטער געוואָרן...

אין יענעם מאָמענט האָב איך איינגעזען, אָדער מיר האָט אויסגעוויזן, אַז איך האָב איינגעזען, אַז עס איז גאָר ניט אין מיר געווענדט צו ראַטעווען זי. איך וואָלט עס ניט געקאָנט, אַפֿילו אויב איך וואָלט דאָס געוואָלט, אויב איך וואָלט געהאַט דאָס רעכט דערצו. עס איז געווען פֿאַרפֿאַלן: זי האָט זיך שוין פֿון מיר ניט געקאָנט אָפּרייסן, דאָס האָב איך איצט געפֿילט, ווי איך האָב עס געפֿילט שוין עטלעכע מאָל, ווען איך האָב געוואָלט זיך באַפֿרייען פֿון איר, אָדער ריכטיקער: זי באַפֿרייען פֿון מיר. און אַ פֿאַרפֿירערישער געדאַנק איז אין מיר אויפֿגעקומען: „אפֿשר טו איך טאַקע גוטס דערמיט, וואָס איך מסר איר פֿאָטער. אפֿשר איז דאָס דאָס איינציקע, וואָס איך קאָן איצט טאָן פֿון אַנעשקאַס טובה וועגן. ווען זי וועט געוואָר ווערן די מיאוסע נבלה, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן (אין אירע אויגן קאָן דאָך דאָס נאַטירלעך אַנדערש

ניט אויסזען), וועט זי מיך פֿאַראַכטן און פֿיינט קריגן, און דערמאָלט וועט זי ווערן באַפֿרייט פֿון מיר — אמת פֿאַר אַ העלפֿט פֿרייז! אָבער צי איז דען פֿאַראַן אַ צו הויכער פּרייז דערפֿאַר! זי ווערט דאָך פֿון מיר פּטור. וואָס קאָן זיין בעסערס! מזל טוב!"

דאָס האָב איך אַזוי ווי צוגעווינשעוועט מיר אַליין צו מיין איינפֿאַל, און אַ צאַרטע פֿרייד, וואָס איז פֿאַרבייגעפֿלויגן איבערן שוואַרצן תּהום, האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ מילדערער שטימונג. איך האָב איר געגלעט איבערן אַקסל, דעם צו טיף אַראָפּגעלאָזענעם, ניט גראַציעזן אַקסל.

„זע, קום דאָך" האָב איך געזאָגט זאַנפֿט. ניט מער ווי די דאָזיקע ווערטער. אָבער איך האָב גרויס געניטשאַפֿט אַריינצולייגן אין די פּשוטסטע ווערטער אַן אָנצוהערעניש אַף אַ טיפֿן באַטייט. אַ געבאָרענער פֿאַרפֿירער בין איך געווען, — נאָר טיילמאָל האָט מיר אויסגעוויזן, אַז איך פֿאַרפֿיר ניט אַזוי די פֿרוי, ווי מיך גופֿא.

זי איז געגאַנגען. איך בין איר געווען דאַנקבאַר, וואָס זי האָט גאָרנישט גערעדט, וואָס זי האָט ניט פֿאַרלאַנגט קיין דערקלערונג. אָ, וואָס פֿאַר אַ צאַרט, איידל און פֿיינפֿיליק פֿרייל זי איז געווען. איין איינציקע טאָכטער, געבאַלעװעט, אָפּגעהיט — און דאָך האָט זי געהאַט גענוג ענערגיע צו שטודירן קעגן ווילן פֿון די עלטערן, וואָס האָבן ניט געוואָלט וויסן פֿון בילדונג. דער קאָפּ פֿול מיט ליטעראַרישע רעיונות, שטענדיק גרייט זיך אַליין אויסצופּרוּוון, צי זי טוט אַליין, וואָס דער אידעאַל פֿאַרלאַנגט. ניין אַזוי מוטיק איז זי ניט געווען, אָפּצושאַצן די נישטיקייט פֿון אָט דעם גאַנצן בילדונגס-רומל, ווי ער האָט פֿאַרדינט. בקיצור, אַ מישונג פֿון שוואַכקייט און קראַפֿט, וואָס איך האָב געקאָנט, ווי מיך אַליין. ווען עס פֿלעגן זיך אַרויסווייזן אירע מעלות, פֿלעג איך מיר זאָגן אַמאָל: ניין, אַ דאַנק, דאָס האָב איך אַליין גענוג. און דאָס איז אפֿשר דער איינציקער טעם, פֿאַרוואָס איך האָב ניט געקאָנט זי ליבן, הגם איך האָב זי באַוווּנדערט און הגם זי איז מיר געווען געפֿעלן. איך פֿלעג אַמאָל מיט התפּעלות בא-

טראַכטן אירע שוואַרצע האָר, דעם פיינעם פּוך אויף דער אויבער־שטער ליפּ, די גרויסע טונקעלע שווערע אויגן אין שמאָלן פּנים. אָבער עס איז געבליבן אַ געפּראַוּענע התפעלות, קיין געפיל האָט זיך דערבײַ ניט גערירט.

בעת אָט דעם לעצטן שפּאַציר אונדזערן האָט זי גאָרנישט גערעדט מער. נאָר האַרט בײַם האָטעל האָט זי געזאָגט, גאַנץ שטיל: „און נאָך אַלעמען מוזטו פאָרט ריידן מיט מיין פאָטער?“

„יאָ“.

„און איך זאָל וואַרטן?“

איך האָב אַ ווײַלע אַ קלער געטאָן, און ווידער האָט מיך אַ שפּאָר געטאָן צו זאָגן דעם אמת. „איך האָב צו ריידן מיט דיין פאָטער פון גאָר אַן אַנדער זאַך, ווי דו מיינסט“.

זי האָט מיך טרויעריק אָנגעקוקט. איך האָב געפילט, אַז איך האָב דאָ געזאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אין אירע אויערן געמוזט קלינגען ממש ווי בפּיוונדיקע רשעות, הגם בנאמנות עס איז אַזוי ניט געמיינט געווען. איך בין, הייסט דאָס, ווידער אַמאָל אַוועק צו ווייט, אומזיסט איר ווי געטאָן. בכדי דאָס צו פאַרריכטן, האָב איך פאַרענדיקט: „אָבער איך בעט דיך פונדעסטוועגן — וואַרט אויף מיר“. דערבײַ האָב איך זי אַרײַנגעפירט אין דעם וואַרט־זאַל פון האָטעל. איך האָב גערעדט ווייך, געשפּירט ממש, ווי מיין שטים באַכישופט זי — אָבער גלייכצייטיק איז געשטאַנען פאַר מיינע איבערגעשראָקענע אויגן דאָס בילד: ווי וועל איך דאָס אַהער אין זאָל אַראָפּקומען, ווען דאָס וועט זיין געשען, ווי וועל איך קאָנען אַנגעס אין די אויגן אַרײַנקוקן? — אַ גיהנום איז דאָס געווען, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, פּשוט אַ גיהנום.

די לעצטע האָפענונג: דער פאָטער וועט זיך ניט לאָזן אַרויסנאַרן אפילו דעם מינדסטן פון זיינע געשעפט־סודות. אַנעשקאַ האָט אים, פאַרשטייט זיך, צוגעגרייט צו מיין באַזוך, אפשר ווי פון אַ צוקינפטיקן חתן, אָבער דער נאָמען, דער נאָמען! ער האָט דאָך געמוזט וויסן, אַז מאַרעדער באַטייט „ראַקענהויז טוך“, דאָס הייסט, דעם שאַרפסטן קעגנער. אָדער אפשר האָלט

ער זיך שוין אזוי גרויס, אז ער האט פאר אונדזער קאנקורענץ
קיין מורא ניט? — דורך אזעלכע העצערישע פארשטעלונגען
האב איך געפרווט זיך צוצוגעבן הארץ. פאקטיש אבער האב איך
געקלערט, אז הער אמצירק, ווי א קלוגער געריבענער סוחר וועט
מיך באלד פרעגן: הער מאירעדער — פון דער שלעזישער טוך=
פאבריק? און אז ער וועט מיך אדער תיכף ווייזן די טיר, אדער
ער וועט מיר פארשלאגן דורך א שידוך פארבינדן ביידע פירמעס.
דאס איז אבער געווען א ווילדע פיין — אט דער געצווונגענער
שידוך, און איך האב אפילו ניט געהאט דעם כח איבערצוקלערן,
וואס איך זאל ענטפערן אף אזא פארשלאג, וואס בעצם האט ער
באדארפט גאר ארויסגיין פון מיר. און דאס שרעקלעכסטע איז
אבער געווען די אויסזיכט, אז אגנעס אין איר זוכן נאך מענטש=
לעכע אידעאלן האט מיך אויסגעמעלט דעם פאטער ווי א נשמה
אן א גוף — האט זי דאך גאר אין אנהייב פון אונדזער באקאנט=
שאפט ניט געוואלט וויסן פון מיין נאמען אפילו: „א מענטש,
וואס איז טרויעריק, דאס איז פאר מיר גענוג" — און אז דער
אלטער וועט זיין נאריש גענוג מיר צו דערציילן וועגן זיינע
בערלינער געשעפטן, וואס איך וועל, פארשטייט זיך, באלד נעמען
אים אויספרעגן. האט מיך, בכן, געפייניקט די שרעק, מיין פלאן
זאל זיך ניט איינגעבן. דערביי האט מיר זיך אויסגעמעלט נאך
א מער דראסטיש בילד: אריין אין צימער, „הענט ארויף", איך
כאפ די פאפירן אראפ פון שרייב=טיש און באלד אין אן אויטא
אין פאליציי...

אגעשקא האט באמערקט מיין אויפרעקונג. „עפן זיך אויף
דעם שאל — א ניט וועסטו זיך צוקילן".

אזוי האבן מיר זיך געזעגנט. איך האב זי ניט געקושט.
איך האב נאר אוועקגעלייגט איר קאפ, איר זיס=שמעקנדיקן שיין=
געפורעמטן קאפ אף מיין ברוסט, האב אויפגעהויבן איר פעלץ=
היטל און האב איר געגלעט די ווייכע האר ביז צום האלדז
אראפ...

איך האב זי ניט פארגעסן. קיין איינע פון די מיידלעך,
וואס איך בין מיט זיי ווען עס איז געווען נאענט, האב איך ניט

פארגעסן. איך האָב טייל מאל דאס געפיל, אז איך בין זיי אלע געבליבן געטריי. פונקט דער היפוך ווי דאָן זשואַן, וואס ער פארלאזט זיי אלע גראד אין דעם מאמענט, ווען ער באַצווינגט זיי. איך אבער באַוואונדער נאָך איצט יעדער איינציקע פון די־ דאזיקע פרויען, האָב זיי ליב איטלעכע אין איר באַזונדערקייט. איך מיין, אז מען ליבט, ווייל מען וויל צוקומען גאר נאָענט צו גאָטס א באשעפעניש, ווייל מען וויל פילן זיינע מעלות, זיין קראפט, שפירן שטענדיק די ווונדער פון דער שאפונג. נאר אין דער ליבע קומט מען נאָענט. אנדערש ניט. דעריבער קאָן איך מיר ניט פירשטעלן, אז וואָסער עס איז ליבע — צי איז דאס אפילו מיין ליבע צו דאָראָטי, וואס איז געווען געמישט מיט זוכן תענוגים, צי מיין באַציאונג צו אַגנעס, וואס איז געווען פארבונדן מיט חשבון — זאל זיין אינגאנצן אומגעטלעך, אינגאנצן ווייט פון יענעם אייביקן קוואל, פון דער ביינקשאפט פון די פונאנדער־ געריסענע באשעפענישן זיך צו באהעפטן מיט אנאנד. מיר דוכט, אז לגבי דער נידעריקסטער ליבע איז די גאנצע איבעריקע טועכץ פון מענטשן פוסט, איבעריק, אומנוצלעך, איך וואלט כמעט געזאגט: הפקרדיק. אלץ אנדערע איז שפּילעריי. מען קאָן דאס אופהערן און מיט אן איינגעהאלטענעם געגעץ מאָרגן ווידער אָנהויבן פונדאָסניי. פּאָליטיק א שטייגער. אדער געלט פארדינען. אזוי איז דאס לכל הפחות ביי מיר. — ביי ליבע געגעצט מען ניט. נאר ליבע איז וויכטיק.

ס ט אַ ש אַ.

און איצט אַן אַנדערע וועלט...

געפייניקט פון עינוויים בין איך אַרויף די טרעפּ פון האָטעל. אין פערטן גאָרן, טיר 83, האָט אַף מיר געוואַרט הער אָמצירק, און אונטן אין זאַל האָט געוואַרט זיין טעכטערל אַפן רעזולטאַט פון אונדזער שמועס.

איך האָב ניט גענומען דעם ליפט, נאָר איך האָב באַנוצט די טרעפּ, כּדי נאָך אַמאָל זיך מיישב צו זיין. איך האָב אַפילו גע־ ווּסט, אז עס איז ניטאָ וואָס צו קלערן. צום פּאָטער גיין — גיין צו

דער מאַכטער און זיך מודה זיין אָפן — אין ביידע פאַלן בין איך עובר אַף מיין חוב. אויסקלייב צווישן גוט און שלעכט — פאַר מיר איז דאָס ניטאָ. פאַר מיר האָט עקסיסטירט נאָר דאָס שלעכטס. — פול יאוש בין איך אָנגעקומען ביז צום פערטן גאָרן, נאָר עטלעכע טריט בין איך איצט געווען פון מיין ציל.

איך בין פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דער ליפט־שאַכטע. פונם קלאַפּ פון אַ צוגעמאַכטער טיר האָב איך זיך דערשראָקן אופגע־כאַפּט. דער ליפט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן, און אים א מאַנסביל וואָס האָט ווילד געמאַכט מיט די הענט. פון דער טיר אָבער איז אַרויסגעשפּרונגען אַ דאַמע, וואָס האָט תיכּף זיך געווענדט צו מיר.

אַ הויך־געוואַקסענע פרוי. הויך און שיין — מער האָב איך צוערשט ניט געזען. פון איר ברוין־זיידענעם היטעלע איז אַ גלאַנץ אַרויסגעגאַנגען.

זי האָט גערעדט זייער גיך, אירע יונגע ווילדע אויגן זיינען אַף מיר געשפּרונגען: „איר זייט מיין ברודער, פאַרשטייט איר“.

מיין פּנים האָט, משמעות, זיך געהאַט משונה פאַרענדערט, וואָרום זי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט קוקנדיק אַף מיר. אָבער גאַנץ קורץ, דערנאָך האָט זי ווייטער געשטורעמט אומגעדולדיק: „איר זאָלט זאָגן, איר זייט מיין ברודער. ניט נאָר פראַזע — אַלע מענטשן זיינען ברידער — אָדער אַזוי! נייערט מיין לייבלעכער ברודער גרעגאָר, וואָס מען רופט אים גאָרי, פאַרשטייט איר? דאָס זאָלט איר זאָגן דעם דאָקטאָר קאַרקאָס — און טאַקע באַלד, אין אַ פערטל שעה אַרום. הערט איר, איך האָב דאָס גענוי באַקלערט. אין א פערטל שעה אַרום קום איך אין באַר אַריין. דאָרט מוזט איר אים דאָס זאָגן. איר דאַרפט מיך ראַטעווען. פון טיפסטן יאוש אַרויס בעט איך ביי אייך. ראַטעווען — ווילט איר דאָס?“

„געוויס“ האָב איך געזאָגט, באַוועלטיקט, הגם איך האָב נאָך ניט פאַרשטאַנען, אין וואָס דאָ גייט.

און איצטער איז דאָס געגאַנגען גיך — אַזוי גיך און גוט, ווי אַלץ איז געגאַנגען אין יענע טעג. זי האָט אָנגעכאַפּט מיינע

הענט, זי האָט דאָס געטאָן מיט אַן אייגנטימלעך־פרייער באַוועגונג, אַז איטלעכע פון אירע הענט האָט געהאַלטן מיין איין האַנט. דורך אירע הענטשיקעס דער וואַרימער דופק. — זי האָט מיר געטרויט. אירע אויגן, גראָ־גרין האָבן אַפן אַריבערגעשטראָמט אין מיינע. „איך פאָר אין דער באַגלייטונג פונם דאָזיקן מענטשן, וואָס איך קען אים נישט אַריבערטראָגן. ער היט מיך, באַפרייט מיך פון אים. איר קענט דאָס. ווי מיין ברודער קאָנט איר אַן טענות אים אַוועקשיקן. איר נעמט מיך צו זיך — לפנים — אָדער אַף אַן אמת — ווי איר ווילט. דאָס וועט אויסקומען גאַנץ נאַטירלעך. איר זייט דאָך מיין ברודער. נאָר פריי. פריי פונם באַזיגן מענטשן — אַליין איינס, ווי — ווי איר ווילט".

עס האָט געשמעקט מיט אַוואַנטיורע. אין מיין פיינלעכער לאַגע וואָלט איך דאָך אויסגענוצט יעדער אויסרייד, אַבי אַפּצולייגן דעם באַשלוס, וואָס איז אַזוי צו אַזוי געווען שלעכט. — דאָס אָבער האָט געצויגן גאַנץ אַנדערש. פון ערשטן מאָמענט אָן איז דאָס געווען מער ווי אויסרייד. „נאַטירלעך וועל איך טאָן, וואָס איר באַפעלט. זאָגט מיר נאָר גיכער, ווו איז דער מאַן". איך האָב געזאָגט „גיך", ווייל איך האָב באַמערקט די אייליקייט, וואָס זי האָט זיך געיאָגט. אפשר וואַרט מען אויך אַף איר אין אַ צימער דערביי?

„ניט דאָ" האָט זי געזאָגט. „דאָס זאָל געשען אין באַר. פאַסט נאָר אויף גוט. עס טאָר ניט אויסזען ווי אָנגעשטעלט. דער דאָקטאָר איז זייער קלוג. אין אַ פערטל שעה אין באַר. אין דעם מאָמענט געפינט זיך דאָקטאָר קאַרקאָס אין ליפט, וואָס איך האָב אָקאָרשט אַראָפּגעלאָזן. איר האָט דאָס נאָך געזען? איך האָב אים געגעבן אַ קליינעם שטופּ, בעת ער האָט געוואָלט אַרויסגיין אין איינעם מיט מיר. ער לאָזט מיך קיין איין מאָמענט ניט אַראָפּ פון אויג. איך אָבער האָב אַ דריק געטאָן די קנאָפּקע און איצט קאָן מען דעם ליפט שוין ניט אָפּשטעלן, די גאַנצע פיר גאָרנס, ביז ער קומט אָן אונטן. גאַנץ גענוי האָב איך דאָס זיך פאָרגעשטעלט. איך האָב עס גענוי אויסגערעכנט. איצט האָבן מיר נאָך פיר מינוט צייט. דער דאָקטאָר איז זייער אומגעשיקט, ער ווייס

ניט ווי צו באַגיין זיך מיט די קנאָפּקעס און קאָן ניט אַליין אַרופֿפֿאָרן. ער מוז אַרופֿגיין צופֿוס די פֿיר גאָרן. בײדע ליפֿט־אינגלעך האָב איך ערגעץ אָוועקגעשיקט. זינט צוויי טעג האָב איך פֿאָרויסגעזען אַט דעם אויגנבליק. פֿאַלט מיר ניט אַריין אין די ריידי. און הגם אַלץ, וואָס זי האָט גערעדט, האָט געקלונגען ווי אויסגעחזרט אַף אויסווייניק, פֿונדעסטוועגן איז זי איצט געוואָרן באַטויבט פֿון אופּרעקונג, האָט געציטערט און ניט געקאָנט ריידן ווייטער.

„האָט ער אײַך ליב, דער דאָקטאָר? — וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט איר צו אים? ווי אַזוי האָט ער אײַך אַרײַנגעכאַפּט אין זײַן מאַכט?" האָב איך געזאָגט, נאָר בכדי איר אַרויסצוהעלפֿן. און היות ווי זי האָט נאָך אַלץ ניט גערעדט: „בעצם אַ גאַנץ קאָמישע סיטואַציע — דער מענטש אין דעם פֿאָרנדיקן קאַסטן, וואָס ער קאָן פֿון אים ניט אַרויס".

זי האָט זיך אַ ביס געטאָן די ליפּן — אַ באַוועגונג, וואָס איך האָב אָפֿט שפּעטער בײַ איר באַמערקט. מען האָט די ציין ניט געזען, נאָר דער גאַנצער פּנים איז געווען אופֿגערירט, האָט געריבן, געמאָלן דעם קאָרן פֿון נערוואָזיטעט. איר כּעס האָט אויסגעבראָכן: „גאָר ניט קאָמיש. — נאָך דריי מינוטן. — אַ געפֿערלעכער מענטש איז דאָס. אַ שאַנטאַזשיסט". ווידער האָט זי אָנגעוואָרן דעם אָטעם.

„וואָס וויל ער? געלט? וועלן מיר אים דאָס געבן".

„ניין, מיך. נאָר מיך. קיין אַנדער זאַך אינטערעסירט אים ניט".

איך האָב איר געוואָלט מאַכן אַ קאָמפּלימענט. נאָר פּלוצים זײַנען אירע אויגן געוואָרן פֿול מיט טרערן. „איך בין אַזוי אומגליקלעך. אַ שקלאַווין". אין דעם אויסגעצויגענעם „או—ו—מגליקלעך" איז אָבער געווען אויך אַזוי פֿיל ווײַבלעך־צופֿרידנס. די פֿרוי, וואָס ווערט פֿיל באַגערט! איצט אָבער גאָר ווילד: „נאָר מיט די גראָבסטע מיטלען לאָזט זיך דאָס מאַכן. איר טרעפֿט מיך אין באַר. פּאַסט גוט אויף. אין באַר, צופֿעליק, אין אַ פֿערטל שעה אַרום. מיר האָבן איינס דאָס אַנדערע יאָרן לאַנג ניט געזען. איר זײַט נשתּומם. ווי אַ ברודער קאָנט איר ניט פֿאַרטראָגן, וואָס

איך וווין אין האָטעל. לאַדט מיך איין צו זיך אין ווינונג, איר ווינט זינט יאָרן אין בערלין, און סטראַשעט אים נאָר גוט אָן. דאָס בעסטע, איר פֿירט אים אָפּ צום באַן, צום שנעלצוג קיין ווין. פֿון דאָרט קומען מיר אָן. ער איז קיין אַנדער זאַך ניט אויסן, ווי מיין געלט, וואָס איך האָב בײ מיר. די צירונג פֿון רוסלאַנדי". מיר האָט געשווינדלט אין קאָפּ פֿון אָט די אַלע ווידעראַנאַנדן. הייסט דאָס פֿאָרט געלט? — די פֿרוי האָט נאָך אַלץ געהאַלטן פֿעסט מיינע הענט. איצטער האָט זי אַ שפּריז געטאָן, אַריינגעקוקט אין דער ליפֿט-שאַכטע. „ער פֿאָרעט זיך נאָך. גיכער. נאָך אַלץ דריי מינוט. זי איז ווידער צוגעגאַנגען צו מיר, און ווי דאָס וואָלט געווען די נאַטירלעכסטע זאַך אין דער וועלט, האָט פּלוצים מיך אַרומגעהויכט אַ שמאָלע וואַרעמקייט, וואָס שטייגט אָבער אַרויף פֿון די טיפֿסטע טיפֿענישן — די וואַרעמקייט פֿון איר געעפֿנטן מויל אַף מיינע ליפּן. קוים אַ סעקונדע; אָבער עס איז געווען, אַזוי ווי געשמאַקע ריחות וואָלטן אויפֿגעהויפֿנט געווען אין בערג און זיך צעשאָטן הויך איבער מיין קאָפּ. און תּיכּף איז אַלץ ווידער געווען אַוועק. דער קילער קאָרידאָר איז געשטאַנען אַרום, האָט זיך ניט געהאַט גערירט. איך בין געקומען צו זיך. אַפֿילו אַ ביסל ברוגזלעך. „זי קעמפּט, הייסט דאָס, מיט אַלע כּלי זיין?" האָב איך געטראַכט. איר שפּראַך איז איצט געוואָרן גרינג און פֿליסיק. „הערט איר — דאָקטאָר קאַרקאָס האָט מיך אַרויסגענומען. איך בין אים אייגנטלעך מחויב צו דאַנקען. אָבער איך האָב אים נאָר פֿיינט. ער האָט דאָס געטאָן צוליב זיין אייגענעם נוץ. הערט איר — קענט איר די סאַנאַטאָריע בעלזאַסאָ בײ ווין? פֿאַר נערוון-קראַנקע. מיין מאַן האָט מיך געלאָזן דאָרט פֿאַרשפּאַרן און דערקלערן פֿאַר משוגע. אויך נאָר, בכדי צו פֿאַרכאַפּן מיין געלט. דאָס מוזט איר וויסן, אָבער נאָר אומגעפֿער — צום טייל בעסער פֿאַלש. חתונה געהאַט הייס איך שטינצער, מיין מאַן איז עסטרייכער, ווינער. איך האָב אַ סך געליטן. קאַרקאָס איז דאָרט געווען אַסיסטענט. ער האָט מיר געהאָלפֿן אַרויסקומען. היינט איז דער צווייטער טאָג פֿון מיין אַזוי גערופֿענער פֿרייהייט. זי קאָסט מיר אָבער טייער, די פֿרייהייט. איר אָבער ראַטעוועט

מיך, אמת? — נאָך אַ מינוט"...

„איך פאַרשטיי נאָר ניט, ווי אַזוי אייער מאַן" —

זי האָט מיך אַזוי אָנגעקוקט, אַז איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, אין דעם מאָמענט זיינען מיר געוואָרן גוטע פריינט. — יאָ, פאַראַן אַזעלכע זאַכן. אַלע דערקלערונגען צווישן אונדז זיינען שטילשווייגנדיק ווי אָפּגעלייגט געוואָרן אַף שפּעטער, דער רעזולטאַט איז שוין געשטאַנען פעסט. אגב, זיינען אַמך דערקלערונגען געווען איבעריק, ווייל אַסך זאַכן האָב איך געטראָפן פון זיך אַליין, ווי אין טראַנס. — אַ פרייד, וואָס איר גלייבן האָב איך שוין לאַנג ניט געקאַנט, וואָס איך האָב גאָר ניט גערעכנט, אַז אַזוינע איז מיגלעך, האָט מיך דורכגענומען פון אויבן ביז אַראָפּ. „איר ווייסט דאָך אַפילו ניט, ווי איך היים" האָב איך געשטאַמלט.

ווידער אַ קורצער לאַך, גיכער הוסט פון אופרעקונג. „דאָס איז איצט ניט וויכטיק. ווי מיין ברודער הייסט איר גרעגאָר — גערופן גאָרי — גרעגאָר פאָן לווועןהוק, הערט איר. דייטשבאַלטישער אַדל, דורות־לאַנג געדינט אין רוסלאַנד, דאָס מוזט איר וויסן. מיין פאָטער איז געווען גובערנאַטאָר. צום ווידערזען אין באַר, געדיינקט".

„אָבער אין וואָסער באַר? האָב איך געפרעגט פאַוואָליע. עס איז געווען אַזוי קלאָר, אַז איך האָב ממש מורא געהאַט צו זאָגן אַ נאַרישקייט.

„ריכטיק, דאָס האָב איך פאַרגעסן. דעם עיקר. איר זייט אַזוי גוט". עס איז אַלץ געגאַנגען מאָדנע קרום; עס האָט דאָך קיין שייכות ניט געהאַט צו גוטסקייט, וואָס מיר איז אין לעצטן מאָמענט איינגעפאַלן דאָס וויכטיקסטע. שוין האָט מען געהערט האַסטיקע טריט אַף די טרעפּ. „דער באַר פּאָפּוגאַי. אַ גאַס ווייטער. ניט פאַרגעסן. אין איין פערטל שעה. און איך היים — דאָס מוזט איר אויך נאָך וויסן". זי האָט זיך אויפגעהויבן אַף די שפּיץ פינגער און האָט צו איטלעכן טראַף זיך צוגעשאָקלט און דערביי באַוויזן דעם טאַקט מיטן פינגער: „אַ—נאַ—סטאַ—סי—אַ... שרעקט זיך ניט. מען רופט מיך סטאַשאַ. — און נאָך עפּעס"... פאַרטונקלטע אויגן, אויפגערעקטער פּנים... „איצט גיך אַוועק, ער

איז שוין מיט אַ גאָרן אונטער אונדז. — נאָך איין זאַך, פאַר־בינדט זיך ניט מיט מיר: ראַטעווען — און געענדיקט. אַ גוטע עצה; — איך בין דאָך פאַרשאָלטן". און שוין איז זי געשפּרונגען אַראָפּ די טרעפּ מיט אַ הויכן, גאַנץ נאַטירלעכן געלעכטער: „ווי שמעקסטו דאָס? ווי ביסטו געבליבן?" —

איך בין געלאָפן, ווי גיך איך האָב געקאָנט, איבערן קאָרידאָר, פאַרביי דער טיר 83, איצטער האָב איך דאָך ניט געקאָנט זיך דאָ אָפּשטעלן, אויב איך האָב טאַקע ערנסט געקלערט העלפן אַן אומבאַשיצטע דאַמע. אַ פיינער אויסרייד! און דאָ בין איך שוין געווען בײַ דער הינטערשטער טרעפּ, אַראָפּ. און ווידער א גליקלעכער צופאַל. איך האָב זיך שוין ניט באַדאַרפט מער באַגעגענען מיט אַגנעס, וואָס האָט געוואַרט אין זאַל. פּטור גע־וואָרן פון איר. פּטור געוואָרן אויך פון איר פּאַפּאַ, מאַדנע, אויבן און אונטן לאָקערט דער לינדנוואָרעם — און איך צווישן בײַדע ווער אַנטרונען. צי איז מיר אָט ערשט ניט געווען, אַזוי ווי איך האָב נאָר צו קלייבן צווישן אויבן און אונטן, אַזוי ווי אַ דריטס קאָן לחלוטין ניט געמאָלט זיין? — אַזוי טרעפט עס, אַז מען איילט זיך צו קומען צום אָפּגאַנג פון שיף. אָבער דער וועג ציט זיך. עס איז אַזוי אומגעהייער וויכטיק, צו קומען צום שיף — א סך היינגט אָפּ דערפון, אַלצדינג, דאָס גאַנצע גליק. דער וועג ציט זיך. אָט נאָך אַ גאַס. צי וועט מען נאָך באַווייזן? ס'איז איין מינוט צום אָפּפאָרן. און נאָך אַלץ איז פאַרבאָרגן דער אַרופגאַנג צום שיף. אין עטלעכע אויגנבליקן וועט מען דאָס וויסן, צי מען האָט זיך אומזיסט געמאַטערט אָדער ניט — פחד. — יאָ אָדער ניין, לעבן אָדער טויט, קיין דריטס איז ניטאָ. און ווילסטו גיין אַ געוועט, אַז עס איז פאָרט פאַראַן אַ דריטס? ניין, אָדער מען באַווייזט צום שיף אָדער מען פאַרזאַמט. ווי קאָן זיין געמאָלט אַ דריטס? און דאָך, און דאָך. אין לעצטן אויגנבליק, ווען מען זעט שוין די שיף — כאַפּט מען זיך אויף אין אַ טייך פון שווייס. עס איז געווען נאָר אַ חלום. דו ליגסט אין בעט, דו ביסט גאָר ניט געלאָפן צום ברעג, ניט דו האָסט די שיף געכאַפּט, ניט דו האָסט פאַרזאַמט — מען קאָן קיינמאָל ניט וויסן, צי דו וואָלסט נאָך

באַוויזן אין לעצטן מאָמענט — אָבער דאָס איז דאָך ניט וויכטיק, וואָרום דו האָסט דאָך געמאַכט אַ שפּרונג אין אַן אַנדער וועלט...

עס איז געווען אַן אַנדער וועלט.

אַלע מיינע חשבונות זיינען געווען ריכטיק, אָבער פּלוצים זיינען זיי מער ניט געווען גילטיק. אין מיין נייעם לעבן ניט. — וואָס פאַר אַ צופאַל! וואָלט איך ניט געגאַנגען אַף די טרעפּ, נאָר באַנוצט דעם ליפט, וואָלט איך סטאַשאַ קיין מאָל ניט גע־טראָפן. אַליין איינס, איצט איז שוין געגאַנגען פון זיך. איבער די הינטער־טרעפּ בין איך אַריין אין קיך, דערנאָך אַפילו אין מאַשין־שטוב פון האָטעל, האָב אָבער דערפרעגט זיך ביז צום אַרויסגאַנג, ביז איך בין דורך דעם האָטעל־קאַפע אַרויס אַפן גאַס.

דער באַר פּאַפּוגאַי.

מסתמא איז זי אַ גנבטע — האָב איך געטראַכט, בעת איך בין געזעסן אין באַר און האָב געוואַרט. און באַפרייען דאַרף איך זי פון דעם דעטעקטיוו, וואָס האָט זי אַרעסטירט.

ס'קאָן אָבער אויך זיין אַ פרויען־הענדלער, וואָס האָט זי אַריינגעכאַפּט. ער האָט צוגענומען איר פּאַס, אָדער ווייס עפּעס פון איר אַ קרימינעלן פאַרברעכן, וואָס מחמת דעם קאָן ער זי אַלע רגע אַריינזעצן.

מאָרגנע — נאָר אַף קאַטאָוועס האָב איך דאָס געקלערט, בשום אופן ניט ערנסט. עס האָט מיך בלויז געוויילט. וואַרטן אַף הערדאָזיקער פרוי וואָס מוז זיכער קומען... הערלעך! טרוימעריש! ציען אַ גלאָז ווין, אין דעם ליידיקן באַר, וואָס איז אָבער שוין געווען באַלויכטן צום אָוונט, גאַנץ רואיק, וואָרום די אויפרעקונג האָט דאָך ניט געקאָנט שטייגן העכער. לייכטקייט, ווי איך וואָלט באַדאַרפט זיך אויפהייבן פון דער ערד, פליען... אַלץ איז געגאַנגען אַזוי לייכט. פאַרשטייט זיך, אַז ווי איך בין אַרויס פון האָטעל, איז מיר באַלד געפאַלן אין אויג דער שילד פון פּאַפּוגאַיען־באַר. איך האָב גאָרניט באַדאַרפט זוכן. און פאַר־שטייט זיך, אַז דאָ איז געווען זייער שיין און געשמאַקפול. עס

האָבן זיך דאָך אָנגעהויבן די סטאַשאַ־טעג, וואָס אין זיי איז אַלץ געגאַנגען אַזוי לייכט.

ווידעראַנאַנדן? יאָ, אַ סך זאַכן האָבן ניט געשטימט. „איך בין פאַרשאָלטן“ — די דאָזיקע התראה האָט זיך געדיינקט. און צוערשט האָט זי דאָך געצויגן. „איר נעמט מיך צו זיך — ווי איר ווילט“. אַזאַ שיינע פרוי, וואָס באַט זיך כמעט אָן — ניט אַלע טאָג טרעפט דאָס. — און שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סטאַשאַס דערציילונג (חוץ עטלעכע קליינִיקייטן) איז געווען דורכוים אמת. דעמאָלט פאַרשטייט זיך, האָט זי אויסגעוויזן אויסטערליש. אָבער דאָס האָט ניט געשטערט. אדרבא: איך האָב כמעט באַדויערט, וואָס ניט נאָך מער אויסטערליש.

נאָר דאָס וואָס זי איז אַזוי לאַנג ניט געקומען, האָט מיך סוף כל סוף געשטערט. אַ פערטל שעה, אַ פערטל שעה... כסדר האָט זי איבערגעחזרט אָט די צייט. און איצט זיינען אַוועק באַלד דריי שעה. דער דזשאַז־באַנד האָט שוין לאַנג ניט גע־שטימט, עטלעכע פּאָרן האָבן געטאַנצט. מען האָט געקאָנט פּאָרויס־זען, אַז עס וועלן זיך שטעלן אין וועג ניט פאָרויסגעזעענע שווער־קייטן — אָבער עס האָט פאַרדראָסן. איבעריק צו זאָגן, אַז דורך דעם לאַנגן וואַרטן איז מיר ניט איינגעפאַלן זי חושד צו זיין. איך בין נאָר געווען טרויעריק, ווייל זי איז ניט געווען, גאָר פשוט. יאָ, אָט אַזוי פשוט קאָן דאָס לעבן זיין.

איך בין שוין געווען היפּש באַטריבט, ווי פּלוצים האָט זיך געעפנט די טיר און די שיינע פרוי איז אַריין. נעבן איר אַ הער. באַלד אַפן שוועל האָט זי מיך דערזעען, האָט אויסגעשפּרייט די אָרעמס און איז צוגעפלויגן צו מיר, ניט געקוקט אַף די טאַנצנ־דיקע: „גאַרי — מיין ברודער!“ פון די אַרומיקע טישלעך האָט מען זיך צוגעקוקט צו אָט דער פאַמיליען־סצענע. אָן דערוף צו אַכטן האָט סטאַשאַ מיך אָנגענומען, אופגעהויבן פון שטול, געקושט מיך אַף איין באַק, דערנאָך אַף דער צווייטער, אַפן מויל. „דער־קענסטו מיך? דערקענסטו מיך?“ — „נאַטירלעך, סטאַשאַ, אָבער די איבעראַשונג. פון וואַנען קומסטו דאָס?“ — מיר האָבן גערעדט אַזוי הויך, אַז עטלעכע געסט האָבן מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער

זיך אויסגעקעריט צו אונדז, קעלנערס זיינען צוגעקומען. דאָס אַלץ האָט אויסגעצייכנט געפּאַסט. די אַרומיקע האָבן דאָך געמוזט דאָס באַמערקן. דערווייל איז צוגעקומען אויך דער הער, באַשיימ-פּערלעך דאָקטאָר קאַרקאָס. „נײַן, קוק נאָר" האָט סטאַשאַ אַרויס-געהויכט אָן אָטעם. „איך קום דאָ פּרעמד אין בערלין און טרעף מײַן ברודער, וואָס איך האָב אים שוין פינף יאָר ניט געזען".

„גרעגאָר פאָן לווועןהוקי" האָב איך געזאָגט, זייער דייטלעך. דערבײַ האָב איך זיך פאַרנייגט.

„דאָקטאָר קאַרקאָס" האָט ער געזאָגט.

„לאָמיר זיך צוזעצן?" איך האָב געאָרדנט. דאָס האָט מיר שוין געגעבן אַ געוויסע איבערהאַנט. „זייער דערפרייט". עטלעכע העפלעכקייטן. מען האָט באַשטעלט. אָבער וואָס איצטער? די שרויף פון דער אָנשטריינגונג איז אַלץ פעסטער געוואָרן אָנגעצויגן. און אויב אפילו פריער האָב איך נאָך גאַנץ שוואַך געדיינקט אַגנעס מיט איר פאָטער, איז איצטער דאָס געוועזענע אינגאַנצן פאַרשוונדן פון מײַן געדעכעניש.

מיר איז באַלד איינגעפאַלן אַ גוטער אַרײַנפיר. „און ווו איז דײַן מאַן?" דערמיט האָב איך אָנגעהויבן די אַטאַקע.

איצט האָט סטאַשאַ באַדאַרפט ריידן, מיר אונטערהעלפן. וואָס האָט איר געשטערט איצט צו דערציילן גענויער די גאַנצע מעשה און צו שילדערן איר לאַגע... זי האָט געשוויגן. זי האָט ווייזט אויס, מורא געהאַט פאַרן דאָקטאָר. פאַרוואָס האָב איך צוערשט ניט פאַרשטאַנען.

איך האָב אָבער ניט אָפּגעלאָזן. „ווו איז הער שטינצער?" האָב איך זיך געווענדט צום דאָקטאָר, אַלץ אין דעם טאָן, ווי מען שמועסט זיך אין אַ געזעלשאַפט. „באַשיימפּערלעך אין בערלין. איך קען אים גאָרניט. סטאַשאַ, דו וועסט מיך נאָך היינט מיט אים באַקענען?" ווידער שווייגן. „איך מוז דאָך אָנגעמען, אַז דײַן מאַן איז ניט ווייט. ווי באַלד דו גייסט מיט אַן אַנדער הער אין אַ נאַכט-לאָקאַל, — אין יעדן פאַל מיט אַ גוטן הויז-פרײַנט".

איצטער האָט דער דאָקטאָר זיך אָנגערופן. אָבער אָן צו קוקן אַף מיר, האָט ער זיך געווענדט צו סטאַשאַ; „צו קלוג —

צו פיל קלוג, דיין הער ברודער. דאָס ליגט מסתּמא אין אייער פּאַמיליע״.

דאָס איז געווען דערווידער. אַזוי ווי די צוויי וואָלטן זיך געהאַט צונויפגערעדט. ווארום סטאַשאַ האָט מיך נאָר אָנגעקוקט, אָבער האָט גאָרנישט געענטפערט. צי איז זי געווען אַף מיין זייט — האָב איך גערדאַרפט איר העלפן קעגן אָט דעם מענטש — אָדער זי איז געווען מיט אים פאַרבונדן קעגן מיר?

דאָס אַלץ האָט זיך נאָך מער פאַרפּלאָנטערט, ווען דאָקטאָר קאַרקאָס האָט ווייטער גערעדט. ער האָט גערעדט מיט אַ באַריטאָן־קול, וואָס האָט געקלונגען, אַזוי ווי ער וואָלט געגעבן אַ קאָנצערט. ער איז מיר אינגאַנצן ניט געפעלן געווען — דער הויכער שטערן, די שלייפן, וואָס פון זיי האָבן זיך טונקעלע שיטערע האָר געצויגן העכער אויערן, אין ברייטן, באַוועגלעכן, בלייכן פּנים עפּעס פאַרגליווערטס: דער בליק הינטער די האָרנדיקע ברילן, מערקווירדיק: אָט דער מענטש, וואָס שפּעטער, אין אָסטיאַ ווען איך האָב געהאַט מיט אים מער צו טאָן, האָב איך איינגעזען, וואָס פאַר אַ ווילער ער איז — דעמאָלט, ביי דער ערשטער באַגעגעניש, וואָס איז, אמת, געווען שטורעמדיק גענוג, איז ער מיר געווען דורכויס דערווידער.

„ליבער הער פאָן לווענהוקי״ האָט ער געזאָגט ווייך, „איר וויקלט אונדז, אייער שוועסטער און מיך, אריין אין אַ נעץ פון באַגריפן, וואָס האָבן פאַר אונדז ווייניק אָדער גאָר קיין באַטרעף ניט. הויז־פריינט קאָן מען האָבן, נאָר ווען מען האָט אַ הויז, אַ היים, ווי מיר פאַרשטייען דאָס גרויסע וואָרט — מען מעג משער זיין, אַז דער מאַן געפינט זיך נאָענט פון דער פרוי, אָבער נאָר דעמאָלט, ווען מען זאָל ניט באַשטימען „מאַן און פרוי״ אין דעם געוויינלעכן ראַציאָנאַלן זינען. איך בין געבליבן געפּלעפט. האָב איך געהאַט צו טאָן מיט אַ משוגענעם? — עס טרעפט, אַז דאָקטוירים פון משוגעים־הייזער גייען אַראָפּ פון זינען. — אָדער דאָס איז אַ שווינדלער, וואָס אָנשטאָט צו געבן דערקלערונג, האַלט ער לעקציעס מעשה פּראָפעסאָר? — נשתּומם צו ווערן, ווי אַזוי דער ערשטער איינדרוק קאָן אָפּנאַרן. דער דאָקטאָר איז ניט געווען

ניט משוגע און ניט קיין שווינדלער, — איך האָב אים ניט דער־שאַצט. ווארום באַלד נאָך דעם משונהדיקן אַריינפיר האָט ער ווייטער גערעדט מיט דער לייכטקייט פון אַ סאַלאָן־מענטש.

„הערן שטינצער וועט איר מסתמא דאָס מאָל ניט זען. סיידן איר וועט מיט אונדז מיטקומען (דאָס וועט אונדז שטאַרק הנאה טאָן). מיר פאָרן קיין קעלן. דאָרט וואַרט אָף אונדז הער שטינצער. מיר פאָרן נעמלעך זאַלבעדריט קיין האָלאַנד. היות הער שטינצער איז פאַרנומען אין קעלן געשעפטלעך, האָב איך זיך אָנגעשלאָגן צו באַווייזן דערווייל דער גנעדיקער פרוי די שטאָט בערלין. דאָס איז דאָך אינטערעסאַנטער. און פרוי סטאַשאַ האָט נאָך בערלין קיינמאָל ניט געזען".

זייער קלוג. ניטאָ ווי צוצושעפּן זיך. בפרט אז די פּאַר־בינדעטע (?) האָט קיין מויל ניט געעפנט. לויט די ידיעות, וואָס איך האָב געהאַט, האָב איך ניט געקאָנט זאָגן עפּעס דערגעגן. אַ לוסט־רייזע, פאַרוואָס ניט! — „האָלאַנד איז זייער שיין" האָב איך געזאָגט אין מיין פאַרלעגנהייט. דער דאָקטאָר האָט געלייטזעליקט דאָס אויסצוהערן. מיין מוט איז געפאַלן.

„און איצט זיינען מיר נאָך איינגעלאַדן אין אַ פּריוואַטן שפּיל־קלוב", האָט דער דאָקטאָר זיך געגרויסט. „אהין קאָנען מיר לייַדער אייך ניט מיטנעמען. אָבער מאָרגן פרי זיינען מיר אוודאי גערן מיט אייך, הער פאָן לעווענהוק".

„אָדער איבער אַלע בערג" האָב איך געקלערט גרימצאָרנ־דיק און האָב געזאָגט: „וואָס פאַר אַ שפּיל־קלוב, אויב איך מעג פרעגן?"

ער, מעשה בריה: „אַ סוד".

„איך קען אַלע באַהאַלטענע קלובן אין בערלין", האָב איך געלייגנט. „איך וועל אייך זאָגן, וווהין מען מעג גיין מיט אַ דאַמע, וווהין ניט".

„אָבער איך בעט אייך"... אַ שמייכל פון אויבן אַראָפּ. „אומזיסט זאָרגט איר וועגן אונדזערע נשמות".

איצטער מוזטו ווערן גראָב, האָב איך מיר געזאָגט, ס'איז די העכסטע צייט! — עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. מחמת אינע־

וויניקסטע טעמים, ווארום דעם דאקטארס דיפּלאָמאַטיע איז באמת געווען קונציק. „וואָס באַטייט דאָס! דאָס קלינגט דאָך"... איך האָב געוואָלט אַרויספּלאַצן. נאָר אין דער רגע האָט מיר אָפּגע־שלאָגן די פליגלען אַ גאָר אומגעריכטע שרעק. איך האָב ווייטער ניט געקאָנט. דאָס וואָרט איז מיר געבליבן שטעקן אין גאָרגל. די לאַגע האָט זיך מיט איין מאָל אינגאַנצן איבערגעדרייט — איך האָב דערקענט דאָקטאָר קאַרקאָס.

ווי האָט דערדאָזיקער נאָמען געקאָנט אַרויספליען מיר פון געדעכעניש. קאַרקאָס איז געווען מיין שול־חבר. קאַרקאָס עמיל. אין דער פּריוואַט־גימנאַזיע (אין די אונטערשטע קלאַסן), וואָס איך האָב געלערנט, אנשטאָט דער קאָדעטן־שול. אודאי האָב איך קאַרקאָס געקענט, אפילו זייער גוט, איך פלעג נאָך שטאַרק באַוווּנדערן דעם יונג, וואָס האָט אַזוי פיל געשטודירט. ווי אַזאַ ווערטל „דאקטאר" קאן אַזוי פארענדערן א נאָמען, ער האט מיר נאָך ביים ליפּט געדארפט אויסווייזן באקאנט. דעמאלט פארשטייט זיך, וואָלט איך מיך ניט געהאַט אריינגעשטעקט אין גאנצן עסק. קארקאס — אַ שאַנטאַזשיסט? אָט דער דורכויס־ערלעכער קאָ־רעקטער מענטש? ניין, אזוי שטאַרק קאָן קיין כאראקטער זיך ניט בייטן. בכן, האט די שיינע פרוי געזאגט ליגן. גאָט ווייס, צוליב וואָס, איבער וואָסער קאַפּריז. צי איז דאס ניט געדרונגען דערפון, וואס זי האט איצט געשוויגן און האט מיר מיט קיין מינדסטן וואָרט ניט געהאָלפן? אמת פרייליך האָט זי ניט אויסגעזען, נייערט זייער ערנסט, האָט געהאַלטן כסדר אין איין ביי‌כן די אונטערשטע ליפּ. וואָס פאַר אַ פלאָנטער. געוויס האָט קאַרקאָס מיך אויך גע־האַט דערקענט, ווי איך אים. שול־חברים! ס'קאָן ניט געמאָלט זיין, אַז ער זאָל מיר, דעם מאירעדער ערווין פון פריי וואַלדאַו, טאַקע גלויבן די עוותדיקע קאָמעדיע, אַז ער האַלט מיך טאַקע פאַרן ברודער פון רוסלאַנד. איך האָב די שפּיל פארלאָרן. איז דאָס גאַנצע געווען פאַר מיר אַ פּאַסטקע? זאָל איך איצט אַליין מודה זיין? איך בין געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט. פאַרביי דער בלומען־וואַזע האָט די פרוי געקוקט אַף מיר.

„קומט איר פון דער סאַנאַטאָריע בעלזאַסאָ?" האָב איך נאָך

אַ וואָרף געטאָן אָן כּחות. און צו איר: „פֿון דאָרט האָב איך געהאַט, סטאַשאַ, די לעצטע ידיעות פֿון דיר. האָסטו זיך פֿאַרריכט אינגאַנצן?“

„געוויס“, האָט ער געענטפֿערט פֿאַר איר. „אָבער דאָס איז, זעט איר, אייער טעות, וואָס דאָס אינטערעסירט אייך. איר ווילט וויסן, איינאָרדענען. געאָגראַפֿיש, אַזוי צו זאָגן, אָדער געזעלשאַפֿטלעך (מיינטוועגן). אַזוי ווי מען פֿרעגט אַ גלייכגילטיקן רייזנדער אין קופּע: פֿון וואַנען קומט איר? קומען און גייען — ווי גלייכגילטיק דאָס איז, ווי שכלדיק און ווי באַוווּסטזיניק צופֿיל! אַנטקעגן אַן אמתן לעבן — קעגן דעם אויסבראָך פֿון אונטערערדישע כּחות, קאָן דאָס ניט באַשטיין“.

דאָס וואָרט האָט געווירקט. איך האָב אמת געשפּירט דעם אָנשטעל, אָבער איך האָב אויך געפֿילט דעם וואָגיקן אינהאַלט, וואָס איז געווען גענוג מיך אַנידערצוּוואַרפֿן. איך בין געווען געבראָכן, מיין פּלאַן אויפֿגעדעקט. אַז איך נעם גרינג איטלעכע זאַך — דאָס ווייס איך גוט. איך האָב זיך געפֿילט אַלץ מער שולדיק. אָבער איצט האָט דער דאָקטאָר זיך שוין געשפּירט ווי דער זיגער. אַז ער האָט אינעווייניק אויך געדאַרפֿט דורכמאַכן אַ קאַמף, דאָס בין איך ערשט אַ סך שפּעטער דערגאַנגען. איצט האָט ער ניט אויפֿגעהערט צו ריידן. דערביי האָט ער מיט דער רעכטער האַנט געגלעט דעם גלאַנציקן זיידענעם לאַץ פֿון זיין שוואַרצן לאַנגן ראָק. עס איז מיר געווען דערווידער, און דאָס האָט מיך אויפֿגעוועקט פֿון מיין אָפּגעלאָזנקייט. שוין דאָס, וואָס ער האָט אַזוי פֿיל גערעדט, האָט מיר צוריקגעגעבן אַ טייל פֿון מיין כּח. און צולעצט, אַז ער האָט נאָך גענומען ריידן וועגן דער „קאַלטקייט פֿון מיין ברודער־ליבע“, וואָס מוז אָפּטרעטן קעגן דעם אומבאַוווּסטן געפֿיל, איז מיר קלאָר געוואָרן: ער האָט מיך גאָרניט דערקענט! דערדאָזיקער מענטש, וואָס רעדט אַזוי פֿיל פֿון אינסטינקטן, האָט אַליין בעצם קיין ברעקל אינסטינקט ניט. דערפֿאַר מיינט ער, אַז ער מעג זיך פֿאַרלאָזן אַף סטאַשאַ, אין דער אמתן איז זי נאָר איינגעשראָקן... האָפּלאַ, איך בין געוואָרן לעבעדיק. גראָב האָב איך

אָנגעכאַפּט זיין האַנט צוזאַמען מיטן לאַץ, וואָס ער האָט נאָך אַלץ געגלעט.

„קורץ און גוט" האָב איך געזאָגט הויך, און די גראָבקייט האָט זיך מיר מיט איין מאָל איינגעגעבן אויסגעצייכנט. „די מעשה איז מיר חשודיק. איך גלויב אייך קיין איין וואָרט ניט. ניט די אומשולדיקע רייזע, ניט אַז מיין שוואָגער וואַרט אין קעלן. איך וועל טעלעגראַפיש אָנפרעגן ביי אים. אָדער אין בעלזאַסאָ, פון וואַנען איר האָט — אַזוי מיין איך — אַוועקגעפירט מיין שוועסטער אָן הסכם פון איר מאַן. בין איך טאַקע געקומען צו דער ריכטער צייט, אייך צו שטערן". סטאַשאַס אויגן האָבן אויפגעבליצט. און צוגלייך איז מיר איינגעפאַלן: אוודאי האָט ער מיך ניט דערקענט. ער איז דאָך געווען מיט דריי קלאַסן העכער! די קליינע אינטערעסירן זיך שטענדיק מיט די עלטערע שילערס, און ניט פאַרקערט. אָט דעם גליקלעכן פאַל מוז מען אויסנוצן, האָב איך זיך אונטערגעשריבן. די שרעק, טאָמער וועט ער מיך סוף כל סוף דערקענען, האָט מיך ממש ווילד געמאַכט. איך בין אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו סטאַשאַ, וואָס איז געזעסן נעבן דאָקטאָר אף דער סאָפע ביים זייל.

„אָפּפאָרן איצט!" האָב איך זיך צעשריען אַפן דאָקטאָר.

„און דו — אַהער". זי האָט געדאַרפט פאַרנעמען מיין אָרט ביי דער זייט פון מישל, זי האָט זיך שוין געקווינקלט... „וואָס ביסטו אַזוי שטום, פאַרוואָס זאָגסטו ניט, ווי איז די מעשה? האָט ער דיך טאַקע אַזוי איינגעשראָקן? זעט איר, זי וואָלט דאָך גערעדט, אויב איך וואָלט אינגאַנצן געווען אומגערעכט. זי וואָלט דאָך מיך אויסגעלאַכט".

איצטער בין איך געווען געניוג שטאַרק אויסצונוצן אפילו סטאַשאַס שוויגן פאַר מיין טובה וועגן. דער דאָקטאָר האָט אפילו אַרויסגעשיפּעט: „וואָס דערלויבט איר זיך" — ער האָט אָבער נישט געהאַט דערגעגן, אַז איך זאָל זיך זעצן אף סטאַשאַס אָרט אף דער סאָפע. און איצטער האָט ער געקאָנט ריידן ווי לאַנג ער וויל מכּח דעם, אַז מיין כּעס איז געמאַכט און אַז ער איז געקומען צו שפּעט, אַז עס וואָלט אף אים מער געווירקט,

ווען איך וואָלט באַלד פֿון אָנהייב אָן אינטואיטיוו, פֿון אַן אינעוויניקסטן געפֿיל אַרויס תּופֿס געווען די לאַגע און וואָלט אים אָנגעכאַפּט בײַם גאָרגל. איצט איז דאָס נאָר חשבון פֿון שׂכל, און דאָס אַרט אים ניט... דאָס אַלץ האָט מיר אויסגעוויזן פּוסטע רייד, קליין און פּחדנותדיק. עס איז שוין געווען קלאָר, אַז איך האָב די איבערהאַנט. און מיט אַמאָל האָב איך דערשפּירט, אַז איך ווייס אַלצדינג, וואָס איך האָב מיט אַ מינוט פֿריער ניט געוווּסט. „צי איך וועל אײַך פּוגע כּבֿוד זײַן צי ניט, דאָס איז מיר אַלץ איינס! אָבער דאָס פּאַפּיר וועט איר אַרויסגעבן — יאָ, פֿאַרשטייט זיך דאָס צייגניש פֿון אַנטמינדיקונג, וואָס אָן דעם וואָלט איר ניט געקאָנט באַהערשן מײַן שוועסטער אַזוי — איך ווייס דאָס, לייקנט ניט — אַזוינער ווי איר אַנטלויפֿט ניט פֿון אַ שטעלע אָן אַ דאָקומענט, וואָס זאָל אים קאָנען דעקן אין פֿאַל פֿון נויט — אין אַ פֿאַל פֿון נויט וואָלט איר זיך אַרויסגעשטעלט פֿאַר אַ באַגלייטער פֿון אַן אָרעמער קראַנקער, וואָס איר דאַרפֿט זי אַריבערברענגען פֿון בעלזאַסאָ אין אַן אַנדער אַנשטאַלט" — גאָט מײַנער, האָב איך געטראַכט, פֿאַרוואָס האָט סטאַשאַ מיר דאָס אַלץ ניט געזאָגט? דאָס וואָלט דאָך געווען דאָס וויכטיקסטע. אָבער אין דער מינוט בײַם ליפֿט האָט ניט געקלעקט קיין צײַט און ניט די קאָנצענטראַציע פֿון די געדאַנקען. אָבער אַז איך האָב ריכטיק געטראָפֿן, האָט באַוויזן דער דערשראָקענער בליק פֿון דאָקטאָר, וואָס האָט זיך אָפּגערוקט פֿון מיר אין ווינקל סאָפֿע. דאָס האָט מיך געשטאַרקט. „גיט אָפּ!" און איך האָב אַ רוק געטאָן די האַנט צו דער אינעווייניקסטער קעשענע אין ראָק אונטער דעם זיידענעם לאַץ. דאָ האָט טאַקע געקנאַקט פּאַפּיר... האָב איך קאַרקאָס ווידער אַמאָל ניט דערשאַצט. אין עצם איז ער געווען אַן אויסגעצייכנטער מענטש און איז געווען גרייט אויף דאָס ערגסטע. אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט, האָט ער טאַקע (ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט געענוי) געמיינט און געפֿילט דורכויס ערנסט. און אָט דעם ערנסט האָט ער באַוויזן איצט אויך. פּלוצים האָט ער געהאַט אַ רעוואָלווער אין האַנט. ניט זײַן שולד, וואָס איך האָב בעתן מיליטער־דינסט געהאַט זיך אויסגעלערנט אייניקע קונצן פֿון

דזשיאו־דזשיטסו און בין בכלל געווען פלינקער. דער רעוואָלווער איז אַראָפּגעפאַלן אַף דער ערד... און דאָס איז געווען ווי אַ סיג־נאַל פאַר סטאַשאַ. „יאָ, נעם ביי אים צו דאָס פּאַפּיר, גרענגאָר, ליבסטער" האָט זי געבעטן, און זי האָט נאָך געהאַט דעם איינ־פאַל אין דעם מאָמענט אומצוּוואַרפן דעם שאַמפּאַניער־קוּפל, אַזוי אַז איך האָב געקאָנט אומבאַמערקט אופהייבן דעם רעוואלווער. פון דערבייאיקע טישלעך האָט מען באַמערקט דעם סקאַנדאַל, און אייניקע האָבן געוואָלט שוין רופן פּאָליציי. אָבער סטאַשאַ האָט עס דערקלערט ליבנסווירדיק: עס איז דאָך נאָר פריילעכקייט, און דער אייזקוּפּל איז אומגעפאַלן אומגעריכט. אין מיטן אָט דער מהומה האָב איך באַוויזן אַרויסצוצייסן ביים דאַקטאַר פון קעשענע א דאָקומענט — עס איז געווען דער געפערלעכער שיין פון משוגעים־הויז. איך האָב אים איצט געהאַלטן פעסט און מער ניט אַרויסגעלאָזט פון האַנט.

אָן רעוואָלווער, אָן דאָקומענט, באַרויבט און שוואַך איז ער געזעסן — ס'איז געווען אַ רחמנות. סטאַשאַ איז געווען ווי אומגעביטן. איצט האָב איך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זי האָט ביז איצט געשוויגן. געווער איז א פאַקט, און איין זאַך האָב איך גע־לערנט פון סטאַשאַ: פאַקטן זיינען פאַקטן. איצט איז סטאַשאַ גע־ווען פריי, זי האָט זיך געריסן אין קאַמף; „דער זשוליק! אַרעס־טירן דאַרף מען אים! אַ פאַרברעכער — וואס האָט אויסגענוצט מיין שוואַכקייט".

„רואיק" האָב איך באַמערקט שטרייננג, זי זאָל ניט מאַכן קיין איבעריקן טומל, דאָס וואָלט ניט געטויגט. — צוגלייך האָב איך געפילט, אז די אינטימקייט, וואָס איז געלעגן אין מיין מוסר זאָגן איר מוז שוין בלייבן צווישן אונדז.

טרערן זיינען געשטאַנען ביים דאָקטאָר אין די אויגן. ער איז באַשיימפּערליך געווען איבעראַשט. „סטאַשאַ—איך פאַרשטיי ניט"

וואָס פאַרשטייסטו ניט? דו האָסט אפשר געגלויבט, איך האָב דיך ליב? צו עפענען מיר די תפיסה — דערוף ביסטו מיר גע־ווען גוט גענוג — אָבער זיך לאָזן פון דיר ווידער איינשפּאַרן

אין אַ נייער תּפֿיסה? ניין, דידאָזיקע צוויי טעג האָבן מיר באַוויזן, וואָס עס וואַרט אויף מיר"...

„איר פּאָזיציע, האָב איך געפֿילט, איז ניט געווען זייער שטאַרק. באַלד בין איך געקומען צו הילף. „עס איז אַלץ איינס, פֿאַרוואָס דו ווילסט ניט זיין מיטן דאָקטאָר. אין יעדן פֿאַל איך נעם דיך צו זיך — און איר, הער דאָקטאָר, וועט מסתּמא האַלטן פֿאַר בעסער תּיכּף צו פֿאַרלאָזן בערלין. איך וועל אייך „אַליין" אַרויסבאַגלייטן צום באַן".

„יאָ, טו דאָס, טו דאָס", האָט סטאַשאַ געטאַנצט פֿאַר פֿרייד. אָ, ווי שיין זי איז איצט געווען. די שטראַלנדיקע אויגן, וואָס אין זיי פֿלעגן געוויינטלעך פֿירהאַנגען פֿון גרינער זייד גיין אַרויף און אַראָפּ — איצט זיינען אַלע געווען אַרופֿגעצויגן — און אויך דער בלוט־רויטער מויל האָט געשטראַלט, און איבער דעם־דאָזיקן פּנים דער ווייסער שטערן, וואָס אין דער ברייט האָט זיך אָנגעצייכנט אַ בלאָלעכע אָדער.

אָבער קאַרקאָס האָט זיך נאָך ניט אונטערגעגעבן: „פֿאַר־קערט — איך בלייב און איך וועל מעלדן דער פּאָליציי".

„דאָס וועט איר ניט טאָן. איר וועט זיך פֿרייען ווען איך וועל אויף אייך ניט אָנווייזן אין דער געזעלשאַפֿט, אין דאָקטוירים־פֿאַרוואַלטונג. איר זייט אַפֿן גראָבסטן אופֿן עובֿר געווען אויף אייער חובֿ, הער אַסיסטענט". איך האָב אַנגעווענדעט אַלץ, וואָס איך האָב געוווּסט. איך האָב אָבער נאָך מער באַנוצט, איך האָב אויסגעקלערט — און אויסגעקלערט פֿאַקטן! גאָט ווייס פֿון וואַנען דאָס האָט זיך גענומען, אַז איך האָב אין יענע מאָמענטן גע־זען אַלץ אַזוי דייטלעך פֿאַר מיר. „און ניט נאָר דאָס האט איר געטאָן. אייער מענטשלעכער חובֿ, הער קאַרקאָס, וואָלט געווען צו רעספּעקטירן דאָס פֿאַמיליע־לעבן פֿון אַ קריגס־געפֿאַנגענעם, וואָס איז בכלל עלול צו אַלע צרות. מיין שוואָגער וואָס סטאַשא האט אים געראַטעוועט פֿון רוסלאַנד, פֿון דער געפֿאַנגענשאַפֿט, וואָלט געווים ניט געווען מרוצה און וואָלט אייך לחלוטין ניט באַ־דאַנקט"...

דאָ איז טייל געווען פאַלש. אבער טייל איז געווען ריכטיק. סטאשא האט מיר קיין איין ווארט ניט געזאָגט וועגן קריגס־גע־פאַנגענשאַפט. איך האָב דאָס אַזוי קאָמבינירט. אמת, איך האָב געזען באַלטיש לאַנד, דייטשע שיפן וואָס ראַטעווען — ניט אַזיען און סאַמאַרקאַנד, וואָס סטאשא האט מיר שפּעטער דערציילט פון זיי. אָבער אין דעם פאַל האָט דאָס ניט אויסגעמאַכט. איך האָב וועגן די פּרטים ניט באַדאַרפט ריידן. און דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט, איז געווען דורכויס געננג, מען זאָל מיינען, אַז איך ווייס אַלץ, אַזוי אַז דעם דאָקטאָר האָט גאָרניט געקאָנט איינפאַלן, אַז איך בין ניט סטאשאס ברודער. איך האָב דאָס געפילט, זיכער ווי אַ פעלז, און דאָס האָט מיר צוגעגעבן העזה. „איטלעכער דאַרף זיך מיען צו היילן די וווּנדן וואָס דער קריג האט אָנגעמאַכט" האָב איך געטענהט און מיר האט אויסגעוויזן, אַז איך מאַך אויף זיך אַליין אַ פּאַראָדיע — „עס איז נידעריק, צו פאַרשאַרפן די צרות פון דער מלחמה (דערצו געהערן אויך שידוכים, איבער־איילט געשלאָסענע)." דער דאָקטאָר האט אופגעציטערט. אָן צו וויסן, דורך אַ צופאַל האָב איך דאָ געטראָפן אַ ווייטיקדיקן אָרט. דער קריג האט אין זיין וועלט־בילד ניט אריינגעפּאַסט...

„איך בין" — האָט ער ארויסגעשטאַמלט, פאַרלאָרן שוין אינגאַנצן דעם מוט — „הגם אין אַלע אַנדערע זאַכן אַן אינ־סטינקט־מענטש, נאָר איך בין אַ געגנער פון מלחמה".

דער שמועס האָט גענומען זיך אַראָפּלאָזן צו אַ טעאָרע־טישער דיסקוסיע. דאָס אָבער האָב איך ניט געטאָרט דערלאָזן. „זייער אינטערעסאַנט. אָבער עס איז קיין צייט ניטאָ. ווען איר פאַרט איצט נאָך צום באַן — זייט איר געקומען צוריק, איידער עס האָט זיך געענדיקט אייער אורלויב"...

מיטן וואָרט „אורלויב" האָב איך ווידער געטראָפן אין פּינטל אַריין. אָ, איך האָב געהאַט מזל! — „ווי קאָנט איר דאָס זאָגן", איז דער דאָקטאָר אופגעשפּרונגען, ווי מיט פרישע כּחות — ס'איז אָבער געווען אַן אילוזיע.

איך האָב נאָך ניט פאַרשטאַנען, וואָס איך האָב דאָ געהאַט אָנגעטאָן; האָב בתמימות געפרעגט, וואָס האט אים פאַרטשעפּעט.

„אורלויב, אורלויב!" — האט ער זיך געווענדעט ווי מיט א בקשה מער צו סטאשא, ווי צו מיר — „אזוי ווי דאס וואלט געווען א רייזע אף אורלויב — און ניט א נסיעה אין נויט און טויט אריין — אָן שום זיכערקייט! אזוי ווי איך וואלט פריער געבעטן דערלויבעניש — און ניט געצווונגען אין איין מאמענט, דאָס הארץ אָפּן פאר אלע שפּיזן פון לעבן, ניט באקלערט באַוועלטיקט פון ליבע, פון דיר — פון דיר"...

ער האט געציטערט מיטן גאנצן גוף. מיר איז אבער געווען גוט צו מוט, ווי אן אכזריות'דיק קינד. איצטער האָב איך אים געכאפּט! אָן דערלויבעניש — געוויס. און נאך ערגער: מיט א גענבעטן דאָקומענט", איך האָב געקלאפּט מיטן פּאפּיר אפן טיש. „אט דא — דער פּראָטאָקאָל פון פּאָליציי, אנטמינדיקונג, דער פּראָטאָקאָל וועגן דעם אופנעם אין משוגעים-הויז. לייענט, אויב איר קענט. איך וועל די פּאפּירן אָפּשיקן קיין בעלזאַסאָ און פרעגן, צי דער שעף-דאקטאר האט אייך די דאקומענטן ארויסגעגעבן אדער — איר האט זיי געקראָגן אף אן אנדער אופן".

„דאס מעגט איר... אויב דאָס פאַרשאַפט אייך פארגעניגן. און דיר סטאשא. איך האב מיך דאָך געבראַכט א קרבן".

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן; דעם פּנים אף די הענט, וואָס זיינען געלעגן אפן טיש-ברעטל. איצטער האָב איך אף אים רחמנות געהאט. האָב אים באַרואיקט. איך פארשטיי זיין אידעלע כוונה, זיין ליידנשאפט קען מען מוחל זיין. איך וואלט, אמת, געקאנט אים איינגאנצן דערשלאָגן. אָט די פּאפּירן אין מיין האנט באַטייטן דאָך אזוי און אזוי פיל יאָר קאַטאָרגע. דאָס דארף אים דאך זיין קלאָר. אָבער ווען ער פאָרט תיכף אוועק...

„פיר אים אליין אָפּ צום באַן" — האט סטאשא געפאָדערט. זי איז געווען פארנומען מיט באקוקן אירע ליפּן און האט נאר קורץ אַ ווארף געטאן א בליק איבער איר האנט-שפּיגעלע.

„ניין — מאַכט אַ סוף מיט מיר" — האָט קאַרקאָס געקרעכצט. „אונטערגאנג איז געווען איינגעשלאָסן אין מיין פּלאַן — קאטאָרגע — אונטערגאנג איבער איין ווילדער מינוט — איך פארלאנג מער גארנישט."

דער ווילער בחור — איך האב אים געמוזט איינשטילן. איך האב אים געמוזט אויסטייטשן, אז עס איז ניט כדי צו ברענגען זיך פאר א קרבן — בעת עס איז ניטאָ קיין גאָט, וואס זאָל דעם קרבן אָננעמען. סטאשא האט אים דאך ניט ליב. און זיין ווילדע אונטערנעמונג האט דאך ניט אפגעגליקט, אין אנהייב אָן — אין סוף כל סוף האָב איך אים דאָך געכאפּט.

„ווילדע אונטערנעמונג" — ווייל איך האב דאס אזוי אנגערופן, האָט דאס אים קענטיק בארואיקט. א מאדנע זאך — איך האב געשפּילט אף זיין נשמה ווי אף א פּיאנאָ.

„אויסהאַלטן אין אזא זאך ביז צום ביטערן סוף, יא דאָס איז מיגלעך, דאס איז גרויס", האב איך געזאָגט און האב אים געמונטערט — „אָבער ווען די זאך איז שוין פארפאלן, וואס העלפט שוין אייער גאנצע העלדישקייט, וואס נוצט אייער אונטערגאַנג?"

ער איז געווען אינגאַנצן געבראָכן. ער האָט זיך געהאַלטן פעסט אָן מיר, בעת איך האב אים ארויסגעפירט פון לאָקאל. אזוי האָב איך אים צוגעפירט צום אויטאָ. א שוואכקייט, וואס איז אים פּלוצים אנגעפאַלן נאָך אזוי פיל טעג פון דער שטארקסטער אנשטריינגונג, האָט געצווונגען דעמדאזיקן קלוגן מאַן נאכצוגעבן. שוואכקייט — וואָרום ווי אזוי וואלט ער געקאנט אננעמען מיין סאָפיזם, אַז זיין אונטערגאנג פאסט ניט, אזוי צו זאָגן, צו דער רעכטער צייט? איז דען אונטערגאנג ווען עס איז ניט צו דער צייט?— אך, מען דארף דעם ארעמען דאקטאר קארקאָס ניט אויסלאכן, ווען ער האט ניט געפונען אין זיך דעם לעצטן מוט און האט זיך געלאָזט איבעררעדן. איבער אזעלכע זאכן איז גרינג צו ריידן—אבער קומט אמאל אליין אין אזא סיטואציע, און מיר וועלן זען, צי איר וועט ניט הענדום פענדום לויפן צום באן און אוועקפארן! איך ווייס דאס, ווייס דאס צו גוט. איך ווייס דאס פון זיך גופא. ווארום סוף כל סוף — צי נעמט זיך ניט מיין גאנצער עלנט דערפון, וואס אויך איך בין ניט בייגעשטאנען דעם שרעקלעכן נסיון און האב ניט ארייגענומען ערלעך אין מיין חשבון אונטערגאנג און טויט? אבער דערפון שפּעטער — דער=

ווייל אייל איך מיט דאקטאר קארקאָס אין אויטא צום באַן, פּאַק אריין דעם פאַריאושטן מענשן אין קופּע פון ווינער נאכטצוג און האָב — אין מיין פריילעכקייט און גוטהארציקייט איבער מיין גליק — ניט פארגעסן צו לאָזן אים איינפּאַקן אין באַן=בופעט עטלעכע בוטערבראָדן און צו דערלאנגען אים דורכן פענצטער.

ער האט געדאנקט ווי אין חלום.

סטאשא איז געבליבן אין פאפוגאַ׳יען=באר. אָן א געזעגן=וואָרט פארן געשלאגענעם שונא.

אַלץ איז געגאנגען אַזוי גרינג.

... די שיינע פרוי האָט געוואַרט אַף מיר אין פּאָפּוגאַיען=באַר. איך האָב זי אָבער ניט געפונען אין יענער שטאָלצער, כמעט אכזריותדיק=פעסטער שטימונג, ווי איך האָב זי געלאָזן. אמת איר גלאַנץ=בליק האָט געוואַרט אַף מיר, צוגעווענדט צו דער טיר — איך בין אַריינגעטראָטן אין אָט דעם פאַר מיר צוגעגרייטן בליק, ווי מען גייט אַרויס פון שאָטן אין אַ זוניקער גאַס, וווּ די ליכטיקייט ליגט אויסגעשפּרייט ווייך ווי סאַמעט אַפן ברוק. — נאָר מיין העלדין איז געווען מיד, אָפּגעשוואַכט, ווי איינגעבראָכן דורך די אַלע אופרעקונגען. צי איז מיר גראָד דאָס געפעלן אזוי אָן אַ שיעור? עס וואָלט מיר מסתמא אויך געפעלן פאַרקערט, אויב זי וואָלט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן שטאַרק. אָבער איך ווייס, אַז איך האָב איר שוואַכקייט איינגעפונען באַזונדערס זיס און מענטשלעך. זי האָט מיך באַגעגנט כמעט מיט אַ געוויין.

„איך בין אזוי או—ו—ומגליקלעך“. — „נאך אַלץ“? האב איך געפרעגט — זי האט מיר געדאנקט מיט איר בליק און האנט. „אַז דאס האט געקאנט געשען, אַז מען קעמפט איבער מיר מיט אזעלכע מיטלען —“

„דער גורל פון דער שיינקייט“, האָב איך פאַרריכט דאָס וואס איך האָב פארפעלט אַף די טרעפּ.

זי האט געשמייכלט: „ווייל איך בעסער ניט זיין שיין“.

„מיאוסע פרויען איז שלעכט פון אַן אַנדער זייט“.

— „אָ, דאָס לעבן“— אינגאַנצן הכנעהדיק, אונטערגעגעבן דעם

גורל. און איך ניט ווינציקער. „סטאשאַ" האָב איך אַ זיפּ־ געטאָן. צום ערשטן מאָל ארויסגעאטעמט איר נאָמען ניט ווי אַ ליגן, נאָר ווי אן אמת. און דערנאָך זי אַ טפּל־זאַך, אבער פאַר מיר זייער פריינטלעך: „איר האט אייער ראָלע געשפּילט גלענצנד".

„בין איך אפשר ענלעך צו אייער ברודער?"

„איך האָב גאר ניט קיין ברודער".

„און דער דאָקטאָר" —

„פון זיכערקייט וועגן האב איך שוין אַ צייט פריער, אין דער סאַנאַטאָריע, אויסגעקלערט אַ ברודער. דערציילט וועגן אים אַסך".

„ווי איר האָט דאס אלץ פאָרויסגעזען — צום באַוווּנדערן".

„עס איז געווען פאר מיר אַ פראגע פון לעבן. און איך האב דאך געהאַט צייט חדשים לאַנג איבערצוקלערן אלע פרטים.— אבער דאס איז נאָך מער חידושדיק: ווי האט איר געקאָנט טרעפן, אז איך האָב זיך באַקענט מיט מיין מאַן אין סאַמאַר־ קאַנד, ווו ער איז געווען אַ קריגסגעפאַנגענער"?

„אין סאַמאַרקאַנד?"

„איר האט דאס געזאָגט?"

„ווייס ניט פון וואס צו זאגן. איך הער צום ערשטן מאל, אז איר זייט געווען אין דערדאָזיקער שטאָט. אבער איר האט דאך געוואלט עפּעס דערציילן — וואס איז דאס?"

„איר האט דאך גערעדט פון קריגס־געפאַנגענשאַפט!"

„יא איצט ווייס איך שוין — איר האט געוואלט זאגן, ווי אזוי איר האט שוין אין סאנאטאריע ארומגעקלערט אלע פרטים פון אייער פּלאַן צו אנטלויפן".

„דאס איז געווען אַזוי... ניין — הערט איר: טאָסקאַ". זי האט זיך צוגעשפּארט צום לען און האט אַ ווײַלע זיך צוגעהערט צום דזשאַז־באַנד, פאַרמאַסקירט פאַר אַ סאַלאָן־ארקעסטער. „ווי לאַנג האב איך ניט געהערט קיין מוזיק..."

איינער פון די שמועסן, ווען מען האט איינס דעם אנדערן אזוי פיל צו זאגן, אַז מען האקט זיך כסדר איבער און מען פאַלט דעם אנדערן אריין אין די רייד. פון אויסווייניק איז מען

רואיק, מען באַמיט זיך צו האַלטן אָרדענונג און צו פאַרבינדן די געדאַנקען: ,,איר האָט דאָך געוואָלט ריידן פון דעם און פון דעם, לאָמיר דאָס ניט פאַרגעסן, לאָמיר בלייבן ביי דער טעמע‘‘... אָבער אין האַרצן שטורעמט עס בלוט־רויט, ניטאָ קיין איין פעסטע זאַך, דאָס ניט־געוויינלעכע קלאַפּט אין פּויק, און געפילן און געדאַנקען מישן זיך אויס...

,,מיר וועלן איינס דעם אַנדערן רק העלפן‘‘, האָב איך געזאָגט. ווידער אָנגעהויבן פון אָן אַנדער זייט, אַזוי ווי דער שמועס וואָלט געהאַט צו ווינציק עקן, וואָס זיינען געבליבן אָן המשך. — „צי מוז דאָס זיין דווקא אַזוי, אַז צוויי מענטשן זאָלן איינס דעם אַנדערן אָנטאָן רק שלעכטס, אָדער אַז שיינקייט אָדער אַן אַנדער מעלה זאָל דינען נאָר צו שעדיקן דעם צווייטן? צי קאָן דען ניט געמאָלט זיין אַ דורכוים גוטע פאַראייניקונג, ווו איטלעכער טוט, וואָס עס איז גוט פאַרן אַנדערן!“ נאַרישע רייד, אָבער אין יענעם מאָמענט האָב איך אין זיי געוואָלט גלויבן. אונטער דעם הויך פון ליידנשאַפט בייט דאָך איטלעך וואָרט זיין באַטייט, יעדער פאַרלאַנג זיין שווערפּונקט. דאָס, וואָס איך האָב געפילט צו סטאַשאַ, איז געווען מער איידער פריינטשאַפט, מער איידער פיבער פון די חושים — עס איז געווען ליבע, מיט איין וואָרט — די גרויסע געזוכטע ליבע — אַ דריטס, וואָס הייסט ניט שׂכל און ניט תּאווה — אַ הייליק פאַרכאַפּט־זיין דורך דער מהות פון דער פרוי. אַ מיסטישער סוד. „אָבער איר האָט דאָך געוואָלט דערציילן פון דער סאַנאַטאָריע“. האָב איך גערופן פון די לעצטע כּוחות, בכדי זיך צו באַפרייען פון דעם ניאַגאַראַ־פאַל פון טויזנט איינפאַלן.

גאָר גענוי האָב איך ניט געקאָנט זיך צוהערן, פונדעסטוועגן בין איך געוואָר געוואָרן, אַז אַנאַסטאַסיאַ פאָן לוווענהוק איז געווען די טאָכטער פונם גובערנאַטאָר פון סאַמאַרקאַנד. אין סאַמאַרקאַנד האָט סטאַשאַ זיך באַקענט מיט אַן עסטרייכישן קריגס־געפאַנגענעם אויבער־לייטענאַנט שטינצער. זי האָט געקראָגן פאַלשע פּעסער, אָפּגענאַרט אַ פאָלקס־קאָמיסאַר. דערנאָך זיינען זיי אַנטלאָפן דורך פּערסיען, בעלודזשיסטאַן קיין אינדיען, דורך מדבריות, וואָס זיינען

פאַרבונדן מיט דער וועלט נאָר דורך צעוואָרפענע ענגלישע גאַר־ניזאָנען (די אָפיצירן האָבן געשפּילט מיט זייערע דאַמען אין טעניס און ציוויליזאַציע). פון טעניס־פּלאַץ צו טעניס־פּלאַץ. כסדר אַ קייט פון טרעפענישן: בלאָנדזשעניש, דאָרשט, פעסט און אָנפאַלן פון רויבערס. געפאַנגען אין אַ געצעלט, ווו עס האָבן אונטער אַ טייערן טעפּיך געפוילט שפּייז־אָפּפאַלן פון אַ יאָר. אויסגעלייזט פון געפאַנגענשאַפט און צולעצט נאָכן שלום אָפּגעפירט אויף אַ פראַנצויזישן דאַמפער אַהיים. נאָך אַט דער גאַנצער העראָאישער אַפּקומעניש חתונה געהאַט, אָבער אָן מזל. דער מאַן, וואָס איז געווען אַ באַנקיר, האָט זיין פאַרמעגן געפּטרט ביי אַ ווינער שווינדל־באַנק. סטאַשאַ האָט ניט געוואָלט אַרויסגעבן איר צירונג, וואָס אַ געטרייע דינערין האָט באַוויזן אויף נאָך פאַנטאַסטישערע וועגן אַרויסצוראַטעווען פון רוסלאַנד.

„מיין גאַנץ לעבן איז ביז איצט געווען אַ טורמע. צוערשט פאַרשפּאַרט אין פּעטערבורג אין אינסטיטוט פאַר פריצישע מיידלעך, „קסעניייסקי אינסטיטוט". דאָרט האָבן מיר זיך איין פרימאָרגן אויפגעכאַפּט פון דער שיסעריי פון קוילנוואַרפערס — קערענסקי איז אַראָפּגעפלויגן, און די באָלשעוויקעס האָבן מיט אונדז קיין מחזקות ניט געמאַכט — געהייסן פּשוט גיין אַהיים. דערנאָך איז מיין פאָטער געוואָרן דער טורמע־וועכטער. דערנאָך מיין מאַן. צולעצט דאָקטאָר קאַרקאָס".

„אייער מאַן?"

„איך האָב צוליב זיינע ספּעקולאַציעס קיין זאַך ניט געוואָלט מקריב זיין. איינמאָל אינאָוונט — איך האָב געהאַט אַ ביסל צופיל אויסגעטרונקען — האָט זיין אַדוואָקאַט מיך אָפּגעפירט אין אַן אויטאָ פון אַ פריילעכער געזעלשאַפט גלייך צום פּאָליציי־דאָק־טאָר. יענער איז געווען אונטערגעקויפט. האָט מיך געהייסן אַרי־בערפירן אין אַ פּסיכיאַטרישער קליניק. צוויי פּראָפעסאָרן זאָגן יאָ. מען אַנטמינדיקט מיך, בכדי איינצושרעקן, פּאַקט מען מיך אַריין אויף אַ וואָך צייט אין אַ משוגעים־הויז — יאָ, דאָס האָב איך אויך איבערגעלעבט. און איצט פאַרשטייט איר שוין, פאַרוואָס איך האָב זיך אין יאוש פאַר אייך אָנגעכאַפּט — דעם ערשטן

בעסטן אין האָטעל, אַזוי האָב איך געהאַט באַשלאָסן, אָבער אַזוי איז ניט געגאַנגען. עטלעכע מאָל אין די צוויי טעג, וואָס דער דאָקטאָר האָט מיך אַרומגעשלעפּט מיט זיך, האָב איך דאָס געפּרוּווט. עס איז ניט געגאַנגען — איך האָב קיין איין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען, ווען איך האָב געוואָלט זיך ווענדן צו אַ מענטשן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מענטשן־פרעסער".

מיט אַ צוטוליענדיקער באַוועגונג דריקט זי צו איר אָרעם צו מיינעם אין דער גאַנצער לענג. איך האָב איר אויסגעוויזן, הייסט דאָס, אַנדערש — און זי האָט דערויף ניט קיין חרטה. אָבער מאָרגן: איך האָב איצט אונטער דעם קלאַנג פון דער מוזיק (וואָס האָט מיר איצט אויסגעוויזן אָן אַ שיעור זיס און ווייך) ניט אָנגענומען מיט דער האַנט סטאַשאַס אָרעם, דעם גלאַטן, שיין־געצייכנטן, ווי איך פלעג דאָס שפּעטער אַזוי גערן טאָן. אַזוי ווי מיר וואָלט שוין דעמאָלט אין באַר געווען באַוווּסט, אַז אָט דער פון גאָר דער שיינקייט שטראַלנדיקער קערפּער געהער צו מיר און קאָן שוין פון מיר ניט אָפּגענומען ווערן (געוווּסט אָבער האָב איך גאָרנישט, איך בין געווען אָן זינען), אַזוי האָב איך זיך אַ ביסעלע גאָר אָפּגערוקט פון איר איינגעהאַלטן. יאָ, אַזוי זיכער און גוט איז מיר דעמאָלט געגאַנגען. אַזאַ טאָג פון גליק איז גאָרנישט באַזונדערס — אַזוי קלערסטו — און דו פילסט, אַז דו שטייסט ערשט ביים אָנהייב, אַז עס דאַרף נאָך קומען דער עיקר, אַ לאַנגע ריי פון די בעסטע טעג. און האַלב מיט אַ כיוון האַלסטו איין דאָס האַלב־דערשטיקטע געפיל, אַזוי ווי דו וואָלסט דערוואָרגן די פרייד, וואָס וויל זיך אַרויסרייסן. אָט דאָס פאַרכאַפּנדיק־זיסע איז געווען דער טאָג פון גליק, וואָס קערט זיך קיין מאָל ניט אום, אָדער ער חזרט זיך איבער, ווי ביי מיר, דעם איבערגליקלעכן, אַ קורץ שטיקל צייט, אין משך פון עטלעכע וואָכן, כּדי אַף שטענדיק צו פאַרשווינדן.

דערווייל בין איך געבליבן רואיק, זאָגנדיק: „עס איז דען אַזוי פּשוט, פּטור צו ווערן אין מיטן דער גרויסער שטאָט פון אַן אומבאַקוועמען מענטשן?"

„גאָר פשוט. אַ חידוש, וואָס דאָס טרעפט ניט אָפטער. עס טרעפט אָבער אָפט גענוג. די ציי‌טונגען ברענגען דאָס ניט. אַ מענטש פאַרשווינדט פּלוצים. קיינער ווייס ניט וואוהין. פאַראַן פריוואַטע אנשטאַלטן וואָס פאַר אַ ספּעציעלן געצאָלט האַלטן זיי מענטשן אַ סך שטרענגער, ווי אין טורמע. פאַרשטייט זיך, עס מוז זיין אַ שיין פון פּאָליציי צו לעגאַליזירן דאָס. דעמאָלט מעג דער געפאַנגענער שרייען, וויפיל ער וויל. קיינער הערט אים ניט. בריוו גייען דורך דער צענזור פון דער אנשטאַלט. פאַראַן אויך אַ באַגלייטעריןן, ווערט אויך באַצאָלט — ווי אַ זשאַנדאַרם, לאָזט זי דיך קיין איין מאָמענט ניט זיין אַליין". זי האָט זיך פאַרשטעלט דעם פּנים מיט די הענט. „אָ אַ שאַנד, וואָס מען איז אויסגעשטאַנען אַזאַ נידערטרעכטיקייט. אַ שאַנד!".

אַכט טאָג צייט איז זי געווען אין אַן אמתן משוגעים-הויז, און דערנאָך איז געקומען די פּריוואַט-אנשטאַלט, וואָס האָט זיך גערופן סאַנאַטאָריע. זי האָט זיך שוין ניט געבונטעוועט. אָבער זי איז אַריין אין אמתן גיהנם. מען האָט זי דאָרט געפּייניקט — מען האָט דאָך געוואָלט איבער גוואַלד אַרויסקריגן פון איר די פאַמיליען-צירונג, וואָס איר דינסטמיידל האָט געהאַט באַהאַלטן אין אַ זיכערן אָרט. צי קאָן מען איר פאַרדיינקען, אַז אַלע מיטלען זיינען איר געווען כּשר, אַבי צו אַנטלויפן? האָט זי אין זיך איינגעליבט דעם אַסיסטענט-דאָקטאָר. דאָס איז ניט געווען שווער. זי האָט צו אים גאָרנישט ניט געשפּירט. ער אָבער, דאָקטאָר קאַרקאָס...

„ער האָט דאָך געוואָלט אייער געלט, האָט איר געזאָגט".

„הויבט זיך ניט אָן. ער האָט דערפון גאָרניט געוווסט. די צירונג האָב איך אפּגענומען דערנאָך אין ווין. דער דאָקטאָר איז געווען אינגאַנצן איבערראַשט".

„אָבער סטאַשע, איר האָט דאָך מיר דערציילט — ביים ליפּט — אַז דער דאָקטאָר איז נאָר אויסן געווען אייער געלט. פאַרוואָס האָט איר דאָס געזאָגט?"

„פון פשוטקייט וועגן. איך האָב דאָך ניט געקאָנט דעם גאַנצן פּלאָנטער פונאַנדערוויקלען"...

איצט האבן מיר געלאכט. „אָבער ווייסט איר, סטאשא, אַז אַט דידאָזיקע פאַראײנפאַכונג האט מיך כמעט אָפגעשראקן? וואָרום איך קען דעם מענטשן פון פריער".

„אַך!"

„ער האט מיך ניט דערקענט, צום גליק. איך אָבער אים יאָ, און איך ווייס, אַז ער איז אַן ערלעכער מאַן, מיט אַ פעסטן כאַראַקטער".

„אַזוי פעסט? איר זייט מגזם. דאָס ווייס איך בעסער". איך האב געזען די געווער פון שײנקייט ווילד אויפבליצן אין איר פנים, אפשר איז דאָ געווען אפילו חוזק, חוזק פון אלע מאַנסבילן. „ווילט איר טאַנצן?"

קיין מאָל וועל איך אַט דעם טאַנץ ניט פאַרגעסן. זי איז געווען ווי ווייכע וואַקס אָנגעגאָסן אָן מיין קערפער — און ביי איטלעכן טריט, וואָס מיר האָבן געמאַכט אַזוי ווי פון איין גוף אַרויס, האט מיר אויסגעדוכט, אַז מיר טרעטן אַרויף אַפן קאָפ פונם אַרעמען אונטערגעטאַנגענעם דאָקטאָר קאַרקאָס. פון פאַרקעמ־דיל האָט זיך כסדר אויפגעהויבן דער בלייכער פנים.

„לאָמיר זיך אפשר ווידער צוזעצן?"

„ניין, ניין — מען האט מיך דאָרט געוואָלט לעבעדיק באַגראָבן אַף שטענדיק".

זי האָט געפינקלט אין שכרות פון פרייהייט.

„עס איז גוט, סטאַשאַ, וואָס איר דערמאָנט אָן דעם, סטאַשאַ. גאַנץ רעכט, דאָס טאָר מען ניט פאַרגעסן. ווי לאַנג זייט איר געווען אין דעם גיהנום?"

„כמעט אַ יאָר".

איך האָב זי פעסטער צוגעדריקט צו זיך. די טריט זיינען געוואָרן נאָך חניפותדיקער און דאָס בראַזגען און פויקן פון דער מוזיק האָט געקלונגען מיט זיסקייט. אָ, אַלץ גוט און שיין! אַלץ אין דער אָרדענונג, אַלץ פאַרענטפערט. אין אירע בליענדיקע אויגן איז געלעגן איר ליידן און איר גליק, אַלץ פאַרענטפערט. אויך אַט דער רייכער באַר, אַט דער לוקסוס אין מיטן דעם דייטשלאַנד, וואָס ווערט אויסגעוויגט דורך דער אינפלאַציע. פאַר אַנ־

דערע איז אָט דער לוקסוס אַ זינד. פאַר אונדז ביידן ניט. מיר האָבן דאָך אַזוי געהונגערט, אַזוי געליטן, סטאַשאַ און איך. דאָס איז געווען דער לוין נאָך אונדזער פּיין, דאָס איז געווען דער קבלת פּנים צו דער הימלישער אויסלייזונג. אוים צער פון ליבע, אוים אַלע סוראָגאַטן!

שפּעטער — מיר זיינען ווידער געזעסן — האָב איך נאָך אַמאָל געפּרווט אַ ביסל פאַרטיידיקן דעם דאָקטאָר. נאָר סטאַשאַ איז מיר אַריינגעפאַלן אין די רייד: „פאַרוואָס האָט ער מיטגענומען דעם פּראָטאָקאָל פון דער פּאָליציי? מיר האָט ער געזאָגט — עס זאָל זיין שווערער נאָכצוויאָגן. ביי דעם ערשטן שטרייט אָבער קלאַפּט ער אַפן פּאַפּיר און לאָזט וויסן, אַז איך בין אינגאַנצן אין זיין רשות און אַז דורך דעם ערשטן בעסטן פּאָליציסט... איך האָב ניט ליב די מענטשן, וואָס האָבן פאַר אַלץ צוויי טעמים"...

„איר טוט אים אומרעכט. אפשר לײדט ער ביטער".

עס איז שוין געווען מיין מזל — שפּעטער — צו שפּירן באַזונדערס שטאַרק דעם דאָקטאָרס מעלות. דעמאָלט אָבער איז געווען גענוג, סטאַשאַ זאָל זאָגן „נאַרישקייט" און לייכט אַ טופּע טאָן, און אַלץ איז ווידער געגאַנגען גוט און שיין. מען האָט זיך דאָך טאַקע ניט געקאָנט אופהאַלטן ביי דאָס און יענס.

ביים דערמאָנען דעם דאָקטאָר איז אונדז אופגעקומען דער געדאַנק וועגן דער גרויסער סכנה: מען קאָן אונדז דאָך וועלן כאַפּן! — „אונדז" האָב איך געפילט, וואָרום אַז מיין לעבן קאָן שוין ניט אָפּגעשיידט ווערן פון סטאַשאַס לעבן, איז מיר געווען קלאָר.

אָבער די סכנה האָט מיט גיכע טריט פאַרביי אונדז פאַרביינגעטאַנצט און האָט קיין טיפן שאָטן אַף אונדז ניט געוואָרפן. דער מאָמענט צו אַנטלויפן איז געווען זייער אַ גינסטיקער. סטאַשאַס מאַן איז געווען קראַנק מיט קרעפּס. האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן. ניט ער, ניט זיינע פריינט האָבן געקלערט וועגן יאָגן זיך נאָך אונדז. דער דאָקטאָר? — דעם איז געווען דער מויל פאַרשטאָפּט. מיר האָבן געהאַט אין די הענט דעם באַווייז פון

זיין גנבה — דעם אַנטמינדיקונגס=אַקט. האָט נאָך די סאַנאַטאָריע געקאָנט מעלדן דער פּאָליציי. אָבער זי וועט זיך היטן דערפון! ניט דער סקאַנדאַל=פּראָצעס, וואָס וואָלט אַרויסגעקומען, און ניט דער פאַקט גופא פון אַנטלויפן, וואָלט דער אונטערנעמונג ניט געמאַכט ניט קיין פאַרגעניגן ~~און~~ ניט קיין רעקלאַמע. אַזוי האָט מען געקאָנט אף געווים רעכענען, אַז די גאַנצע זאַך וועט ווערן פאַרשוויגן.

„פונדעסטוועגן איז בעסער" האָב איך געפּרוווט איינרייד‏ן, „אַז איר וועט זיך באַהאַלטן".

איך האָב ניט באַדאַרפט איינריידן. „פאַרשטייט זיך, איך קלער גאָרניט אַנדערש" האָט סטאַשאַ געזאָגט. „באַהאַלטן זיך — אַנטלויפן — נאָר ווייט, ווייט פון דאַנען". און אין דעם אויס=שפּרייטן אירע אָרעמס איז שוין געווען, אַזוי ווי זי וואָלט מיך אַרומגענומען.

דאָס איז געווען די בעסטע זאַך. א נסיעה אין דער ווייט — מען דאַרף זיך ניט באַהאַלטן — ניטאָ וואָס מורא צו האָבן — נאָר מען באַהאַלט זיך דאָך — מען טוט דאָס פון קלוגשאַפט, פון פאָרזיכטיקייט — אָדער (דאָס ווערט ניט גאַנץ קלאָר), בכדי צו זיין נעענטער אינאייִנעם, בכדי צו געהערן איינס דעם אַנדערן אינגאַנצן אָן שטער פון אויסוויניק?

„צי האָט איר טאַקע געוואָלט מיט אים אַריבער די האָ=לענדישע גרענעץ?"

„איך ווייס ניט".

„מיר בייטן די ריכטונג. מיר פאָרן קיין דרום. באַלד ווי איך האָב געזען אייער זוידענע הוט, האָב איך אַ טראַכט געטאָן פון דרומדיקע ימים און די פּאָפּוגאַיען דאָ — "

אַ געגוגער באַוויז!

זי האָט אַפילו ניט געזאָגט „יאָ", נאָר האָט תיכּף גענומען ריידן וועגן די שטעט, וואָס מיר וועלן זען. מיר זיינען ביידע נאָך ניט געווען קיינמאָל אין איטאַליען, דאָס הייסט, איך בין געווען בעת דער מלחמה, דאָס הייסט צוויייענדיק „קיין מאָל ניט". מיר האָבן גלייך באַשלאָסן, אַז די געגנטן, וווּ איך בין געווען בעת

מיין מיליטער-דינסט, מיידן מיר אוים. יאָ, שוין וועגן אַזעלכע פּרטים האָבן מיר דעמאלט גערעדט. און דאָס איז געווען דאָס שיינע! אַז אַלץ איז געווען פון אָנהייב אָן באַשטימט און זעלבסט-פאַרשטענדלעך. איך האָב ניט געאיילט, זי האָט זיך ניט אונ-טערגעגעבן. ווי פון זיך איז איין צושטאַנד אַריבער צום צווייטן, מען האָט ניט באַדארפט אונטערשטופּן. עס איז אַלץ געגאַנ-גען אַזוי לייכט. פון אָנהייב אָן האָט געקיניגט די גרויסע לײדנ-שאַפט און האָט געטריבן אַהין, ווו מיר האָבן אַליין געוואָלט. — צולעצט האָט אַ גוטער צופאַל צוגעוואָרפן מויל צו מויל. יאָ, אָט די אווטאָטאַקסים האָבן די טבע צו שליידערן טיילמאָל ביים פאַר-קערעווען — און, צי מען וויל אָדער ניט, מען פאַלט איינער דעם אַנדערן אַרום האַלדז. — דאָ, אין טירגאַרטן ערגעץ האָט אַגנעס מיך אָנגעגלאָצט מיט דערשראָקענע אויגן. היינט? יאָ, עס איז טאקע געווען היינט, מיט עטלעכע שעה צוריק. עס דוכט זיך, אַז אַן אייביקייט האָט פאַרביי-געבריוזט זינט דעמאָלט. דאָס איז מיר גראד דורכגעפלויגן דורכן קאָפּ, בעת דער וואָגן האָט געגעבן אַ שפּרונג אויף, און באַלד האָט גענומען עפּעס רוישן, און אין דעם מאָמענט האָט שוין אַרום מיר גערוישט סטאַשאַס באַק, איר אָרעם, דאָס אינעווייקסטע פון איר מויל...

טעג פון גליק.

און איך, איך האב אַמאל געמיינט, אז עס איז ניט מיג-לעך צו ליבן — אין אלע זייטן זיינען פאַרשפּארט די וועגן צום קיניגרייך פון ליבע!

אָ, עס מוז קומען די גרויסע לײדנשאפט, וואס רייסט דיך אַרוים מיט איין הויב פון דעם פלאַך פון די אוממיגלעכקייטן — דעמאָלט איז דיר קלאָר די נייע מיגלעכקייט, דאָס נייע לעבן און אָט דאס נייע לעבן (דאס איז דאס מערקווירדיקסטע) איז דאָס פּשוטסטע, וואָס דו קאָנסט אויסקלערן. עס איז פאַראַן דערפאַר א זייער פאַסיקער נאָמען: די חכמה פון דער טאַווטאָלאָגיע.

טאַווטאָלאָגיע — אויסדריקן דאָס זעלביקע, דורך דאס זעל-ביקע. איך רוף אַ קאַץ — קאַץ. צי קאן זיין עפּעס איינפאַכערס?

און פארט האָב איך געדארפט האבן סטאשא און די גאנצע איבערקערעניש, בכדי צו קומען צו דעם געדאנק.

אַף מארגן האבן מיר באַדארפט אסך אופטאן: רייזע־ביוראָ, באַנק. פארשטייט זיך, אַז מיר האבן ניט איבערגענעכטיקט ניט אין מיין האָטעל, ניט אין אירן — מיר האבן דאך ניט געוואָלט קומען אין באַרירונג מיטן פריערדיקן לעבן. באלד נאכן ארויסגיין פון באַר האָב איך אפגענומען סטאשאס זאכן און מיר זיינען אריבער אין אַן אנדער האָטעל אין א ווייטן עק שטאט. יאָ, מיר זיינען געווען קלוג. און מיר זיינען געווען אַנטשלאָסן עס צו פאַרטיידיקן. צווישן די פארטיידיקונגס־מיטלען איז געווען איין איינפאל, וואס האָט שפעטער אונדז פארשאפט צרות — אָבער ווער האָט דאס געקאנט וויסן. סטאשא גופא האט מיר דערציילט וועגן איר שוועסטער, וואס וווינט אין שטאָקהאלם. און דערוף איך: „דו מוזט איר שרייבן. זאָל זי געבן צו וויסן דיין פאמיליע אָדער דיין מאַן, אז דו ביסט ביי איר אין שטאקהאָלם”. „א וווּנדערפולע אידיי!” האָט סטאשא אויסגערופן. „ווי נאָר מיר קומען צוריק אין האטעל, נאך היינט, פאַרן פאָרן שרייב איך דאָס”. איך: „אזוי אייליק איז דאס נאך ניט. מיר קאנען דאס טאן אין מינכען”. דערנאך זיינען מיר געקומען צו ריידן, פאָרנדיק אין אויטאָ, אויך וועגן מיין פאמיליע. מכּח „ראָקענהויז טוּדי” האָב איך נאטירלעך גאָרנישט געזאגט. איך האָב איר דערציילט איין מעשה פון פריער יוגנט־צייט, וואָס איז מיר אַרופגעקומען אפן זכּרון — אַ מעשה מיט באָקסער.

אַז מיר זיינען געווען קינדער, פלעגט מען אונדז, מיין ברודער און מיך, שטענדיק שיקן שפאצירן. איטלעכן טאג. מיט דער גוווערנאנטין. די דאָזיקע שפאצירן זיינען געווען דאס פיינלעך־לאַנגווייליקסטע, וואס מען קאן זיך נאָר אויסמעלן. פלעגן מיר אויסקלערן פארשיידענע שפילן, פלעגן דערציילן איינער דעם אנדערן מעשיות פון ביכער, וואָס מיר האבן געלייענט, אָבער דערציילן פלעגן מיר דאס ווי א מעשה פוןווירקלעכן לעבן, מיט המשכים, וואס מיר פלעגן צוקלערן, אריינגענומען כּסדר אלע אונדזערע באקאנטע, מיט פארענדערטע נעמען, טאָג־געשעענישן,

נײס פֿון צײַטונגען, אַלץ װאָס אונדז האָט אינטערעסירט. מײַן ברודער, װאָס איז געװען ניט נאָר עלטער פֿאַר מיר, נײַערט האָט אױך פֿאַרמאָגט מער פֿאַנטאַזיע, איז געװען דער פֿירער. דאָס האָט ער אױסגענוצט פֿאַר זײַן טובֿה אױך אין אַנדערע זאַכן. די גו־װערנאַנטין פֿלעגט אונדז קױפֿן אַמאָל באָקסער. אַ משונה־טרוקע־נע זאַך מיט גאָר װײניק צוקער־זאַפֿט, אַסך שאָלעכץ, אַסך קער־נער. הײַנט װאָלט איך דאָס מסתּמא ניט אָנגערירט. דעמאָלט האָבן מיר זיך געריסן דערפֿאַר. און פֿון גרױס גלוסט האָט מײַן ברודער אױסגעקלערט אַזאַ שפּיל: עסן אױף געװעט. װער עס װעט דער ערשטער פֿאַרטיק װערן מיט זײַן באָקסער, דער געװינט. פֿלעגט ער זײַן העלפֿט האָבן אין האַנט, פֿלעגט ער אױף דער גיך עס אױפֿעסן. בײַ מיר איז דאָס אַזױ גיך ניט געגאַנגען. האָט ער מיר אָבער דערבײַ שטילערהײט פֿאַרגעשלאָגן אַזאַ שװינדל, אַזױ װי דאָ װאָלט געװען אַ דריטער, װאָס האָט צו משפּטן אין אונדזער געװעט, און דער האָט דאָס ניט געטאָרט הערן: איך זאָל אים גיך, אַז קײנער זאָל ניט מערקן, אָפּגעבן אַ טײל פֿון מײַן פּאָרציע, װעט ער נאָך האָבן צו קײַען — און איך קאָן נאָך געװינען. די באַװעגונג פֿון זײַן האַנט הינטערן רוקן (ער איז גע־גאַנגען דער ערשטער) האָט באַטײַט װי אַ באַפֿעל. װײַטער, בשעת אַט די שײנע „שפּיל“ האָט זיך איבערגעחזרט, פֿלעגט ער שױן גאָרנישט זאָגן, פֿלעגט נאָר אױסשטרעקן די האַנט. און איך האָב קײן אַנדער זאַך ניט געװוּסט — אין אָט דער אױסגעשטרעקטער באַפֿעלערישער האַנט מוז איך מיט אַ שװערן האַרצן אָפּגעבן אַ טײל פֿון דער געליבטער נאַשערײַ, װאָס קומט מיר, כּדי צו האָבן דאָס געװינס; װאָרום דעמאָלט בין איך געװען דער ער־שטער פֿאַרטיק. און איך האָב נאָך געמוזט זײַן צופֿרידן, װאָס מײַן ברודער האָט מיך געלאָזט געװינען. אַזױ בין איך געװאָרן גענאַרט.

— און עפּעס פֿון דעם איז אפֿשר געבליבן שטעקן בײַ מיר אױפֿן גאַנצן לעבן. צוליב כּבֿוד װעגן מוז איך שטענדיק מותּר זײַן אױף עפּעס, װאָס מיר איז זײער ליב: אַלץ שטרײַנגער װערן די פֿאָ־דערונגען, װאָס איך שטעל צו מיר, כּדי אױפֿצוטאָן גבֿורות, װאָס האָבן קײן זין ניט.

„ווי האָט מען דיך געמוטשעט, ליבער", האָט סטאַשאַ געהויכט בײַ מײַן אויער, אַזוי אַז איר וואַרעמער אָטעם האָט מיר אַרײַנגעשטראָמט ביז אין האַרץ אַרײַן. „איצט אָבער וועסטו ווערן געפּיעשטשעט. איך וועל דיך פֿאַרצערטלען."

דאָס איז געווען אַזוי שיין, דאָס האָט אויפֿגעשווינקט אַלע ווייטיקן. איך האָב געמיינט, אַז איך הויב אָן אַ נײַ לעבן.

אין מײַן זכּרון קאָן איך ניט אונטערשיידן די פֿיל צימערן און די האָטעלן, מינכען, קאָנסטאַנץ, ציריך, פֿליעלען, לוגאַנאָ. מיר זײַנען אַרומגעפֿאָרן כּמעט אָן אַ פּלאַן. צולעצט זײַנען מיר אָנגעקומען צו דער אָזערע קאָמאָ, אין אַ שיינעם ווײַסן האָטעל, וואָס איז געלעגן אין אַ שטילן פּאַרק אויפֿן ברעג אָזערע.

איך ווייס ניט צי ערשט איצט, צי שוין פֿריִער איז דאָס געקומען צו די רייד. איך האָב דערמאָנט מײַן פֿאַבריק „ראַקענהויזן טוך". און סטאַשאַ האָט זיך געוווּנדערט. זי האָט געמיינט, אַז איך לעב פֿון אַ רענטע. עס איז איר גאָר אין חלום ניט אײַנגעפֿאַלן, אַז איך האָב עפּעס אין דער היים צו טאָן, אַז איך דאַרף זאָרגן פֿאַר אַ ריזיקער זאַך, ווי אַ פֿאַבריק. „מיט וויפֿיל געבײַדעס?" האָט זי באַלד געפֿרעגט און האָט זיך צעלאַכט. „און מיט וויפֿיל קוימענס? נײַן, דאָס האָב איך ווען דיר ניט געקלערט, דו קינד", און האָט מיך געקושט. זי האָט גאָר ניט געקאָנט גלייבן, אַז איך בין ניט אָפּגעריסן פֿון גאָר דער וועלט און אינגאַנצן פֿרײַ — אַזוי פֿרײַ און אָפּגעריסן פֿון אַלץ, ווי זי איז פּאַקטיש געווען. — אין וואָסערן פֿון די האָטעל־צימערן מיר האָבן דאָס געזאָגט איינס דעם אַנדערן, איז מיר מער ניט קלאָר. אפֿשר שוין אין ציריך. אָבער דאָס איז אויך ניט וויכטיק, וואָרום עס איז געווען נאָר אַ לײַכטער שמועס, וואָס איז אַריבער קוים צום מערקן אין דער כוואַליע, וואָס האָט מיך געטראָגן.

בשעת מיר זײַנען אַוועקגעפֿאָרן פֿון בערלין, איז מיר אײַנגעפֿאַלן אַ געדאַנק צו פֿירן די פֿאַבריק ווײַטער דורך בריוו. אַ געדאַנק אָן שום זינען, דאָס ווייס איך ווײַל, מען דאַרף מיר דאָס ניט אויסטײַטשן. אפֿשר איז דאָס געווען די לעצטע באַוועגונג פֿון

מיין חוב=געפיל, וואס איז פארשווונדן צוזאמען מיט אלע מיינע ווייטיקן.

נשתּומם צו ווערן, ווי איך האב אפילו ניט געהאט קיין צייט זיך אריינצוקלאָן אין אזעלכע חוב=געפילן. סטאשא האט מיך באַהערשט אינגאנצן: די פיל טשעמאדאנעס, די נאטור=בילדער, דער וואַגאָן=רעסטאָראַן, אלע באמערקונגען, וואס מיר האבן גע=האט צו מאכן וועגן די איבעריקע פאסאזשירן און וועגן אונדז, דערציילן איינס דעם אנדערן צוואַנציק יאָר פון לעבן — דאס איז ניט קיין קלייניקייט. אין די שטעט האבן מיר באדארפט איינקויפן. א הוט האט נאך געפעלט, א לייכטע קלייד פאר איר, פאר מיר כמעט אלץ (איך בין געווען צוגעגרייט נאר צו א קורצער נסיעה). וואס פאר א פארגעניגן איז דאס געווען פאר איר אויסצוזוכן פאר מיר זיידענע העמדער, א קאפּע. דאס איז געווען איינע פון סטאשאס אייגנטימלעכקייטן, אז זי פלעגט געבן מיר צו טראגן אלצדינג און אליין איז זי געגאנגען מיט ליידיקע הענט. אפילו איר האנט=בייטעלע פלעג איך אָפּט טראגן און איך האב דאס געטאן גערן. עס איז מיר געווען ליב, וואס זי האט פאר זיך צוגענומען אלע מיינע כּחות. דערנאָך האבן מיר געקויפט א פאָטאָ=אפּאראט. איצטער זיינען אלע מיינע קעשענעס געווען פול מיט פאטאגראפישע פילמס, נייע און אזעלכע, וואס מען האט באדארפט אנטוויקלען, דאס פונאנדערצושיידן, דרייען דעם וואַלץ אין אפּאראט, וואס איז כּסדר געבליבן הייגגען, פאָטאגראפירן — דער קאפּ און די הענט זיינען געווען פול, און דערצו דאס הארץ! ווו זיינען דאָ געבליבן די נעבעכדיקע חוב=געפילן!

איין זאַך האב איך נאך געוווּסט: אז ביים אפּפארן פון בערלין זיינען זיי זיך פונאנדערגעגאנגען אין עטלעכע גרופּעס — די פאבריק, די פאמיליע, אגנעס. — אגנעס האט געמאגט זיין צופרידן, וואָס זי איז פּטור געווארן פון מיר און פון מיין קאלט=קייט. זי איז געראטעוועט געווארן פון א מוראדיקן אומגליק און מען האט געמאגט משער זיין, אז זי וועט באלד דערגייין, וואס זיינען געווען די עגאָאיסטישע מאטיוון פון מיין שדכנען זיך (גוטע לייט וועלן נאָך מיען זיך, צו פארגרעבערן

די זאך, ווי עס טרעפט שוין אין לעבן), און זי וועט מיך פאַר־געסן. איך האָב ניט געשפּירט קיין חרטה, נייערט הנאה האָט עס מיר געטאָן, וואָס איך האָב פאַרשפּאָרט דאָס ערגסטע, — צו מסרן איר פאָטער. דאָס האָט אויך געהערט צום גליק פון די סטאַשאַ־טעג: אַז מיין ליבע — אַזוי האָט מיר אויסגעוויזן אין יום־טוב־שיין — ברענגט קיינעם קיין שאָדן ניט, זי שטופּט נאָר אַפּ אומגערעכטע תביעות, ווי דעם דאָקטאָרס, אָבער זי גיסט אויס אין אַלע זייטן נאָר גוטס. — אויך מיין פאַמיליע האָט קיין שאָדן ניט געליטן. צו האַלטן „ראָקענהויז טוך" מיט אַלע כּחות, אַפילו צו ראַטעווען דעם כּבוד פון דער פאַמיליע — דאָס איז גע־ווען אַ פאַלשער וועג. איך האָב דער ערשטער זיך אָפּגעקערט. איצט וועט דער ברודער אויך קומען צום שכל: איך האָב אים נאָר געשיקט א קורצע ידיעה, אַז איך זאָג זיך אָפּ פון צו פירן ווייטער די פאַבריק. איך האָב אים געבעטן צו ליקווידירן אַלצדינג און אָפּצוגעבן וואָס מיר פאַרמאָגן אַף צו פירן אונדזער מאַיאָנטעק. איך האָב אין א בריגער באַנק געהאַט א שטיקל קאַפּיטאַל, דעם רעשט פון מיין פאָטערס ירושה. איך האָב דאָס געלאָזן מיר אַרי־בערשיקן קיין לוגאַנאָ, און אַזוי אַרום האָב איך דאָס אַרויסגעראַטע־וועט פון דער אַלגעמיינער שׂרפה. איך האָב מיר אויסגעמאָלט, אַז ווי מיר וועלן קומען צוריק פון אונדזער נסיעה, וועל איך מיט דעם, וואָס מיר איז געבליבן, גרינדן א נייע געזונטע אונטערנעמונג און דערמיט בעסער העלפן דער פאַמיליע.

אין צירוך איז דאָס משמעות געווען. דאָרטן האָב איך צום ערשטן מאל גערעדט מיט סטאַשאַ וועגן „ראָקענהויז טוך" און האָב געוואָרפן ליכטיקע בליקן אין דער צוקונפט אריין.

„און צוליב מיר האָסטו דאָס אַלץ אַוועקגעוואָרפן — אמת?"

„ליבסטע, עס איז גאָרנישט — גאָרנישט".

„ניין, דאָס איז אומגעהייער פיל. ביז אַהער האָבן מיר גע־רעדט נאָר וועגן מיינע ענינים. וועגן בעלזאַסאָ און מיין מאַן. אַז דו קענסט אויך האָבן דאגות — דער געדאַנק איז מיר גאָרניט איינגעפאַלן. אָ, איך בין שלעכט צו דיר. איך בין א שלעכט קינד. זאָג אויפריכטיק, בין איך ניט א מרשעת?" זי איז געוואָרן אינ־

גאנצן טרויעריק. אין איר פנים, וואס זיין כישוף איז אלעמאל באשטאנען אין א מישונג פון הארטקייט און אן א שיעור זיסקייט, האבן פלוצלונג די שאטנס גובר געווען. „אבער איך האב דיך געווארנט פאר מיר. איך האב דיר געזאגט, אז איך בין מיאוס און ווילד, אז איך פארלאנג אסך — ניין, אלצדינג! איך האב דיך געווארנט. אדער האב איך דיר ניט גלייך אינאנהייב געזאגט, אז איך בין פארשאלטן?"

איך האב זי געבעטן מיר צו דערקלערן, ווי אזוי קומט זי צו אזא מאדנער מיינונג. צוערשט האב איך געמיינט, אז דאס איז א קאטאוועס, אבער איצט האט מיר דאך אויסגעוויזן, אז דא שטעקט עפעס ערנסטס.

זי האט געשוויגן, געביסן זיך די אונטערשטע ליפ, דאס מויל פארמאכט, אזוי אז מען האט דאס נערוויזע צופן פון די ציין ניט געזען, מען האט זיך אבער געקאנט אנשטויסן לויט דעם ציטערן פון גאנצן פנים.

דעם צווייטן טאג איז געקומען דער גאטארד-טונעל. לאנגע טרייסלענדיקע פינצטערניש, אזוי ווי די ריזן וואלטן פון אלע זייטן געהאמערט מיט זייערע פלעקענער אפן צוג, אז גלאז און אייזן-שפליטערס זיינען געפלויגן. דא האט סטאשא דערשראקן אנגעהויבן צו דערציילן פון דער קללה. גאנץ הארט ביי מיין אויער — מיר זיינען געווען אליין אין קופע, און זי האט געקאנט מיר אריינשרייען אין אויער. אירע ווערטער האבן זיך אויסגעמישט מיטן ביזן געפילדער... דאס איז געווען אין יענעם פעטערבורגער אינסטיטוט. איין מאל אין יאר פלעגט קומען די קיסרינעס באקוקן די קלאסן פון די אדעליקע פריילנס. מיט איר די לייט פון איר סוויטע. איינער פון זיי — שפעטער איז זי געוואר געווארן, אז דאס איז געווען פירשט פעטרישטשעוו — א הויכער עלטערער מאן מיט א גראלעכער לאנגער בארד, זייער א שיינער, האט זיך באזונדערס פאראינטערעסירט מיט סטאשא, געשטעלט איר איינציקע פראגעס, געלויבט זי פאר אירע ענטפערס. נאך מער האט ער זי געלויבט נאך דער תפלה — ער האט אונטערגעשטראכן, אז די שילערין אנאסטאסיא פאן לוווענהוק האט די איינציקע כמעט

ריכטיק געזונגען די אַלטע שווערע קירכן־ניגונים. כמעט ריכטיק? יאָ, עס וואָלט אים הנאה געטאָן, ווען זי וואָלט זיך נאָך צוגעלערנט, דערגרייכט צו דער לעצטער שלמות. ער אַליין איז גרייט בײַ געלעגנהייט צו קומען און דורכצושמועסן מיט איר די לידער. די דירעקטאָרין פֿון אינסטיטוט האָט אים געבעטן דאָס צו טאָן. מען האָט אָפּגערעדט אַ טאָג, ווען דער פֿירשט פּעטרישטשעוו האָט געדאַרפֿט קומען אין אינסטיטוט לערנען זינגען די אויסגעצייכנטע שילערין סטאַשאַ.

צום באַשטימטן טאָג איז דער פֿירשט געקומען. זיי זײַנע אַרײַן אין דער קאַפּליצע. זיי זײַנען בײדע געפֿאַלן אױף די קני, זיי האָבן צוזאַמען מתפּלל געווען, זייער פֿרום; דער פֿירשט איז געווען באַוווּסט מיט זײַן פֿרומקייט און גוטסקייט. קיינער איז אין דער קאַפּליצע ניט געווען. אין דער דבֿקות פֿון דער תּפֿילה האָט דער פֿירשט זיך צוגערוקט אַליין נעענטער צו סטאַשאַ, ער האָט זייער שיין און הויך געזונגען, גענומען זיך שטאַרק צו פֿאַרריכטן איר אייניקע פֿעלערן אין דער אינטאָנאַציע, און גלײַכצײַטיק האָט ער זי אַרומגענומען. באַלד האָט ער זיך דערלויבט אַ באַוועגונג, וואָס האָט זי געמאַכט אויפֿציטערן. זי האָט געוואָלט אַנטלויפֿן, האָט אָבער דער פֿירשט זי אָנגעכאַפּט מיט דער רעכטער האַנט בײַ איין ברוסט און האָט זי אַזוי פֿעסט צוגעדריקט, אַז עס האָט איר פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם. דערבײַ האָט סטאַשאַ געהאַט דאָס געפֿיל, אַז דער פֿירשט איז פֿונדעסטוועגן זייער פֿרום און אַז ער האָט אַ געוויסע רעכט צו טאָן מיט איר אַזוי. גראַד דאָס האָט אין דער האַלב־פֿינצטערער קאַפּליצע, פֿאַר דער גאָלדענער וואַנט פֿון די הייליקע בילדער אַרײַנגעיאָגט אַזאַ אימה, אַז זי האָט, ניט געקוקט אױף איר גאַנצן רעספּעקט צום פֿירשט, אָנגעהויבן שרײַען. איצט איז ער ברוגז געוואָרן און האָט איר געהייסן שווײַגן. אַז זיי האָבן זיך ווידער אַראָפּגעלאָזן אױף די קני און ער האָט ווידער אַמאָל געפּרוּווט מאַכן אַ ווילדע באַרירונג, און זי האָט זיך ווידער אַנטקעגנגעשטעלט, הגם שוואַכער, דערשראָקענער — איז ער האַסטיק אויפֿגעשפּרונגען און אָפּגעלאָפֿן פֿון איר, ווי זי וואָלט געווען דער טײַוול אַליין. „דו פֿאַרשאָלטענע" — האָט ער געשריען, צי־

טערנדיק מיטן גאנצן קערפּער, „פּאַר גאט און פּאַר לייט פאַר־שילט איך דיך און דו זאָלסט זיין פאַרשאלטן ביזן סוף פון דיין לעבן".

„אבער דאס איז דאך א ווילדע נאַרישקייט", האב איך גע־טרייסט, „דער פירשט איז געווען אַן אלטער בעל תּעווהניק, אפשר מיט מיסטיש־סעקטאַנטישע נטיות, אבער דאך א מיידל־יע־גער — און ער איז געווען אין כּעס, וואס דו האסט זיך ניט געלאזט נעמען".

סטאַשאַ איז געבליבן ביי דאס איריקע. „ניין, ניין — אזוי ניט. דער פירשט איז טאַקע מיט אן אמת געווען זייער פרום און ניט נאר לפנים".

„און מיינסטו טאַקע, אז ער האט נאָר געוואלט דיך לערנען זינגען פרומע געזאנגען, און מער גאָרנישט?"

זי האט מודה געווען, אז דאס שרעקלעכסטע אין דער גאַנ־צער מעשה איז דאס, וואס ער איז אַזוי האַסטיק אופגעשפּרונגען — גראָד אין דעם מאָמענט, בעת איר ווידערשטאַנד האט גענו־מען נאָכלאָזן (לכל הפּחות אינעווייניק)...

„אָבער דאס האט ער דאך ניט געקאָנט באַמערקן. דו זאָגסט דאָך, אַז דו האסט אויך דאס צווייטע מאָל זיך אַנטקעגנגע־שטעלט".

„אפשר האט ער דאס פארט באמערקט". און עטלעכע מאָל האט זי איבערגעחזרט, גאר שטיל, בעת דער צוג איז שוין ווידער געלאָפן צווישן פרייע פעלזן: „דו פאַרשאָלטענע, פּאַר גאָט און לייט פארשילט איך דיך"...

„ס'איז נאָר א פּראַזע!"

„אָבער זינט דעמאָלט האָט מיר קיין זאך מער ניט אָפּגע־גליקט, אַלץ האָט געהאַט א שלעכטן סוף".

„גלויבסטו נאָך אַלץ דערין?"

אירע אויגן, גראָגרין ווי אַקוואַמארין, הארט ווי איידלשטיין און דאָך מיט דעם רעטענישפולן זונען־גלאַנץ פון ים־כוואַליעס אין דורזיכטיקן שטיין, אירע אויגן האָבן מיך מיט פונקען באַשאָטן, האָבן מיך אַרומגעכאַפּט, ווי נאָך קיין מאָל ניט. „אַלץ האָסטו

איבערגעלאָזט פון מיינטוועגן", האט סטאַשאַ געשטאַמלט אין דבקות, „דו ביסט מיינער, נאָר מיינער. אַלצדינג האָסטו אַוועקגעוואָרפן, בכדי מיך צו ראַטעווען. דאָס באַפרייט מיך פון דער קללה. — איך האָב דאָך ניט געוווּסט, אַז דו האסט מיך אַזוי ליב".

צי איז דאָס ניט געווען רירנד, אַז זי האָט זיך געמיט צו באַווייזן איר איבערגעבנקייט און דאַנקבאַרקייט אפן פשוטסטן און נאַטירלעכסטן וועג, ווי אַ פרוי קאָן נאָר. — אַז מיר זיינען אָנגעקומען אין לוגאַנאָ און מיר האָבן געזוכט א וווינונג — אַלע מאָל איז סטאַשאַ געווען א גרויסע איבערקלייבערין אין דירות — איצטער אָבער איז זי ניט געגאַנגען פון איין האָטעל אין צווייטן, ביז עס האָט זיך געפונען דאָס פּאַסיקע, — נאָר גלייך דער ערשטער איז געווען דער בעסטער. — געהייסן האָט דער האָטעל „באָריוואַזשי" — שיינער ברעג, אָבער דאָס איינציקע פרייע צימער, (מיר האָבן עס באַלד פאַרנומען) האָט ארויסגעקוקט אפן הויף. פאַר אונדזער קליינעם פענצטער האָבן מיר געהאַט א שוואַרץ־געפאָרבענע געמויערטע וואַנט מיט עפעס מאָדנע צייכנס געטינקעוועטע פון קאַלך אף איר, וואָס האָבן געקאָנט זיין אותיות — דערנאָך עפעס זייער אַ מיאוסע זאַך: אַ פייער־טרעפּ, אַ גאַנץ שמאָלע, פון אייזן וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין זיגזאַגן איבער גאָר דער שוואַרצער וואַנט. דאָס איז געווען דער אַרויסקוק פון אונדזער פענצטער. קיינמאָל האָבן מיר נאָך ניט געוווינט אין אזא שלעכטן צימער. אָבער וואָס פאַר א קושן! „איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אַז דו האָט מיך אַזוי ליב, מיין האַרץ" האָט זי געשעפטשעט. „און פון דיר — האָב איך דאָס ניט געוווּסט" האָב איך צוריק געגליט. „צי האָט זי מיך ליב אַזוי, ווייל זי ווייס, אַז ביי מיר אינדערהיים גייט אַלץ צו גרונט"... האָב איך אופגעציטערט אינמיטן די קושן. אָבער דאָס קאָן דאָך ניט זיין, זי האָט דאָך צוגעזאָגט... מיר איז איינגעפאַלן, וואָס זי האָט געזאָגט נאָך מיין מעשה מיט די באָקסער. וועגן צערטלען און פיעשטשען. און „מיין קינד" האָב איך בסדר געהערט. באמת מוטערלעך איז געווען איר צוטוליען; עפעס זאַנפטס, הייליקס אין

איר צערטלען, ווי עס וואָלט איבער ווארעמע כוואַליעס געבלאָזן אַ מילד, קיל ווינטל...

ביינאַכט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. ווייל איך האָב געהערט, אַז זי שלאָפט אומרואיק, קרעכצט.

„סטאַשאַ!"

פון שלאָף אַרויס האָט זי געמורמלט: „ער איז געווען אַזוי בייז".

„ווער?"

„דער פירשט. איך האָב באַדאַרפט דעם אַלטן מאַן עפּעס צו-ליב טאָן." פויזע. אַ זיפץ. „ווען איך וואָלט נאָר געוווּסט, וואָס." און דערנאָך אַ לאַנגע צייט גאָר נישט. און דערנאָך: „עס איז אַזוי שווער".

זי איז ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן, זי איז גאָר נישט געווען אינגאַנצן וואַך. דער אויסדרוק פון רחמנות, וואס איז געלעגן אויף איר שיינעם פנים, האָט אים געמאַכט צום פנים פון אַ מלאך.

זי איז מיט אַן אמת געווען אַ מלאך. אין עטלעכע טעג אַרום, שוין ביי דער אָזערע קאַמאַ, האָט זי אַליין אויפגעהויבן אַ שמועס וועגן מיינע עסקים. „עס פאַרשטייט זיך דאָך פון זיך, אַז מיר וועלן איצט באַזאָרגן דיינע ענינים, ווי ביז אַהער מיינע. עס איז ניט גערעכט, זיך אינגאַנצן אָפּצוגעבן נאָר מיר. האָסטו שוין געשריבן אַהיים? טו דאָס. איך וועל דיך גאָרניט שטערן. איך זיץ איצט שטיל נעבן דיר און דו שרייבסט דיינע בריוו. אַלץ, וואָס איז שייך דער פאַבריק, דאַרף מען ברענגען אין אָרדענונג. דו טאָרסט זי ניט לאָזן אונטערגיין, עס וואָלט געווען אַן עוולה, אַ פאַרברעך!"

צי האָט גאָר געקאָנט זיין אַ בעסערע פרוי! איך האָב זי געבענטשט, איך האָב געקושט אין גייסט איר קלאָרן שטערן. ווי האָט זי מיך פאַרשטאַנען! עס האָט זיך געעפנט דאָס פאַרבאָרגנסטע אין האַרצן.

מיר גייען, הייסט דאָס, אין שרייב-צימער, ווייל סטאַשאַ הייסט.

„און דו" האָב איך געזאָגט און געמאַכט אַ שטרייַנגען פּנים, „שרייַבסט גלייַכצייַטיק אין שטאָקהאָלם צו דייַן שוועסטער". דאָס איז נאָך ביז איצטער ניט געטאָן געוואָרן. „מיר מוזן דאָך אָנהייבן דעם פּלאַן צו פאַרמעקן אונדזער שפּור, טאָמער נעמט מען אונדז זוכן".

זי איז געווען מסכּים. עס האָט זיך אָבער, צום באַדויערן, אַרויסגעוויזן, אַז דאָס שרייַב-צימער איז אין דער צייַט, נאָך וועטשערע, שוין געווען פאַרמאַכט. האָבן מיר געבעטן בייַם פּאָרטיע דעם שליסל. האָט אים אָבער געהאַט מיטגענומען דער טאָג-פּאָרטיע.

אונדז האָט, איבעריקנס, שטאַרק ניט פאַרדראָסן, וואָס אָט די ערנסטע אַרבעט איז געוואָרן אָפּגעלייגט נאָך אויף אַ טאָג. אונדז האָט געצויגן דער פּאַרק, גיין שפּאַצירן אין פּאַרק, בעת אַ לעפּלעכער נאַכטווינט האָט די בלומען גערירט, איז געווען באַשטימט אָנגענעמער, איידער שרייַבן געשעפט-בריוו, אָט דאָס לייַדיקגיין נאָך אַלע די מלחמות אין אונדזער לעבן איז אונדז ביידן וויל באַקומען.

אין דער שטאָט אַרייַן פלעגן מיר גיין נאָר, כּדי צו קויפן נייַע פילם-ראָלקעס פאַר אונדזער אַפּאַראַט, אָדער אַ געשטיקטע ווענעציאַנער טוך מיט פרענדז, אָדער אַ קלייד פאַר סטאַשאַ, וואָס האָט דערקלערט, אַז זי האָט האָט דאָס שטאַרק נויטיק. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט זי מיט אַסך רייד טענען, אַז זי האָט גאָרנישט וואָס אָנצוטאָן.

זייד איז אין איטאַליען וואָלוול. האָבן מיר געקויפט אַ טויבן-גראָע פליסע-קלייד פון קרעפּ זשאָרזשעט, איין קאָסטיום אַ גאָבלען-בלאָען, איינעם, וואָס איז געווען ים-גרין ווי די נעכט פון דרום, און איינעם אַ צונטער-רויטן, דאָס אַלץ צונויפגערעכנט, איז זייד אין איטאַליע סוף כּל סוף אויסגעקומען היפּש טייער. אָבער פון סטאַשאַס איין באַמערקונג איז מיר אייַנגעפאַלן: זי האָט דאָך אַזוי לאַנג קיין זאַך ניט געטאָרט קויפן, ערשט מיטן דאָקטאָר אין ווין האָט זי ווידער אָנגעהויבן אייַנצוקויפן — פריער אַ יאָר צייַט... געפאַנגען. צי איז דורך דעם ניט אַלץ געווען פאַרענט-

פערט? אפילו מיט דעם ביסל גוטמוטיקן שפּאָט אין מיינע געדאנקען בין איך שוין קענגן איר באַגאַנגען אַן עוולה.

פרײַלעך האָבן מיר שפּאַצירט איבער די קראָמען, געטרונקען קאַווע אונטער א געצעלט=דאַך אין גאָרטן פון א האָטעל אין שטאָט, דערנאָך זײַנען מיר געגאַנגען צוריק איבערן וועג פּאַזע ברעג; און אין ווינטל, וואס איז געקומען פון דער אָזערע האט געשמעקט מיט באַלזאַם=ריחות אפילו דער ווייסער שטויב, וואס פארבײַ=יאָגנדיקע אווטאמאבילן פלעגן אויפהייבן.

גאָר גוט אָבער איז געוואָרן ערשט, ווען מיר פלעגן פארמאכן הינטער אונדז דעם גראַמע=טויער פון אונדזער פּאַרק. מיר האָבן אונדזער האָטעל מיטן פּאַרק אמת ליב געהאַט. מען האָט זיך געקאָנט אין אים פארטיפן, ווייט פון יעטווידן טומל. — מען האָט גאָרניט געדאַרפט צוגיין נאָענט צו יענעם, מיט בעטאָן אויסגעבעטן קיילעכדיקן פלעצל, ווו עס האָט אלע אוונט איצט, מיטן אנהייב פון סעזאָן, געשפּילט אַ דזשאַז=באַנד און פּאָרלעך האָבן געטאַנצט. איז מען מען אמאָל צוגעקומען נענטער, האָט מען געזען באַדע=געסט זיצן ארום טישלעך און טרינקען וויסקי=סאָדע אָדער טיי, קעלנערס, וואס לויפן ארום מיט טאַנצנדיקע טריט, צו דערלאַנגען די אייז=געטראַנקען. קיין צופיל געסט האָט דער האָטעל נאך ניט געהאַט. איז געפאלן אין אויג סימבאַ, דער איינטענצער. ער איז בעת די פּויזעס געזעסן ביים ארקעסטער, אָבער באַלד ווי מען פלעגט אנהייבן שפּילן, פלעגט ער צוגיין צו די טישלעך מעשה דזשענטלמען און פלעגט די עלטערע דאמען איינלאַדן צום טאַנץ. אזוי האָבן זיי פאַר זייער געלט געקאנט אויך טאַנצן — דאס איז נאטירלעך ניט געווען גאר געשמאק אנצוזען. דערדאזיקער איינטענצער איז געווען אינגאנצן אנגעברענט, ווי בראָנזע. ער פלעגט דעם גאנצן טאג אָפּליגן ביים ברעג — צו לערנען שווימען און צו באַווייזן קונצן. ער איז געשטאַנען פריי אויף א ברעט, וואס איז מיט א לאנגער שטריק געווען צוגעבונדן צו א מאָטאָר=שיפל. דאס שיפל איז געשוווּמען מיט דער גרעסטער גיכקייט, און ער האט זיך באַלאַנסירנדיק געהאַלטן פעסט פארן שטריק אין אַן עלעגאַנטער פּאָזע, בעת דאס שיפל האט

ארומגעשלעפּט אים אין דער לייִנג און אין דער ברייט איבער דער אוזערע. גאר זעלטן פלעגט ער אריינפאלן אין וואסער. אינאָוונט ביים טאנץ האט ער געשוויצט אונטער שווארצע האר און א שווארצן סמאקינג. אלעמאל האָט ער אויסגעזען עלעגאנט, אבער גראָב, ווי א באקסער. — אָבער דאס אלץ האט מען געקאנט אויסמיידן. דער פארק איז געווען גרויס, אז מען האט זיין עק ניט געזען. פון דערווייטנס האבן די טאנצנדיקע פארלעך אויסגעזען ווי קליינע טאנצנדיקע ליאלקעס, און די בונטע לעמפלעך זיינען געווען ווי די פארצירונג פון א מאריאָנעטן-בינע. און דעמאלט איז אלץ געווען גוט.

איינמאל באַטאג האב איך געזען, ווי סימבא גייט ארום פארטיפט אין א שמועס מיט עפּעס א פרעמדן. זיי האבן זיך פארנומען פון דעם פלאץ פאַר דעם באד-אנשטאלט אין פארק אריין. קיין שפּאציר איז דאס ניט געווען. ווארום זיי האבן אויסגעקליבן דעם קירצסטן וועג, הגם ער איז געלעגן אינגאנצן אונטער דער זון, בכדי וואס גיכער אוועקצוקומען אונדז פון די אויגן. דאס האט מיר אויסגעזען חשודיק. אין יענער צייט, ארום האלבן טאג, לעכצט שוין איטלעכער נאָך קילקייט, און מען קלייבט אויס וועגן, לויט דעם שאטן, וואס זיי פארמאגן.

דער פרעמדער פארשוין— לויטן גאנג איז דאס געווען ניט קיין אנדערער, ווי איך האב דאס ניט געוואלט דערלאזן, נייערט אלאיס לופּערצעל, דער דעטעקטיוו פון „ראָקענהויז טוך". אבער דערנאך האב איך געלאכט דערפון. די פאבריק פון אנזעצערס האט געהאט אַף וויכטיקערע זאכן צו פארווענדן איר געלט! וואס פאר א זין האט עס געהאט פאר איר מיר נאכצושיקן א שפּיאָן!— אויב די סענאטאריע בעלזאסא טוט דאס ניט! — אמת, לופּערצעל האט געקאנט ביטן זיין שטעלע. און דאס, וואס איך האב ניט באמערקט זיינע אונגארישע וואנסעס, האט מיך לחלוטין ניט בארואיקט.

בכל אופן האב איך באשלאסן סטאשא וועגן דעם גארניט צו זאגן.

נאכמיטיק ביים טיש האב איך א פרעג געטאן ביי סימבא, ווער איז געווען דער הער.

זייער צוגעגרייט האָט ער געענטפערט: „אָ, סיניאָר פּאַרפּולקאָ, מיינער אַ גוטער פריינט. אַ לאַנדסמאַן פון טרעמעצאָ, דאָ ניט וויטי". מיר איז ניט געפעלן געווען די גרייטקייט צו ענטפערן און דער גענויער ענטפער.

באַוויזן אָבער האָט זיך גאָרנישט געלאָזט.

איך האָב געוואָלט זיין אַליין, בכדי אַרומצוקלערן די נייע סיטואַציע, „איך וויל אביסל מאָלן", האָב איך געזאָגט צו סטאַשאַ. זי איז געבליבן ביים טיש, אַריינקוקנדיק אַמאָל אין איר בוך און אַמאָל וואַרפנדיק גרינגע בליקן אַף די טאַנצנדיקע. איך בין אַוועק צו די קיפּאַריסן אפן בערגל, וואָס איז געלעגן נאָענט ביים ברעג אָזערע. שוין עטלעכע מאָל האָב איך געוואָלט פון דאַנען אויסמאָלן דעם ברעג פון אַנטקעגן, דעם וועג און די הויכע פעלזנוואַנט. אין דער לעצטער צייט, אופגערירט דורך דער נסיעה, האָט גענומען אין מיר זיך אופכאַפּן א קליינער טאַלענט, פאַרלאָזנט די קינדער־יאָרן. אבער גראָד איצט בין איך גאָר ניט געווען אופגעלייגט צו מאָלן, בין געווען אופגערעקט און האָב געצייכנט, נאָר בכדי באַוויזן פאַר סטאַשאַ, אז איך האָב טאקע געפרווט מאָלן. אָבער מאָדנע, די סצענע איז געווען געראָטן און האָט מיך אפגעצויגן און אַרויסגענומען פון אַלע דאגות און פחדים, וואָס איבער זיי האָב איך זיך דאָס געפרווט אויסבאַהאַלטן אין מיין ווינקעלע. בעת איך האָב זיך געמיט נאָכצוציען גענוי אַלע קאַנטורן פונם שטומען בארג, האָב איך אַריינגענומען אין זיך איטלעכן שפּיל זיינעם, איטלעכן בויג, דאָס קליינע וועלדל אף זיין זוניקן לען און די דערפער ביי זיין פוס. אַלע דידאָזיקע פרטים, וואס זיינען געווען ביז איצט פארהוילן פאר מיר, האָבן זיך איצט פאר מיר אנטפלעקט. עס איז צעגאנגען דאס געפיל פון פרעמדקייט, אפילו פיינטשאפט, וואָס די אַלע זאַכן און די גאַנצע געגנט האָט אף מיר געמאַכט. ערשט איצט, אז איך האָב זיך פארטיפט אין דער לאנדשאפט, האָב איך באַנומען איר רואיקע שיינקייט. צי זאָל דאָס אמת זיין — האָב איך געטראכט, — וואָס טיפע

דיינקער און ערנסט = מאָראַלישע מענטשן זאָגן שטענדיק: אז נאָר בײַ א פּאַרטיפֿנדיקן ערנסטן באַטראַכטן די וועלט אנפּלעקט זיך איר גוטער עכטער מהות, בײַם אויבנאויפֿיקן צוקוקן לאזט זי זיך ניט תּופֿס זײַן?...

סטאַשאַ איז געשטאַנען צווישן די בוימער פֿון דער בערגל=פּלאַטפֿאָרמע. דאָס בלאָנדע האָר, געטײלט אין מיטן, ארומגעזוימט פֿון זון, האָט לײַכט וויבּרירט אין ווינטל, וואס איז געקומען פֿון אָזערע. עס האָט זיך געוויגט ארויף און אראָפּ — ווי אָטעם איז עס געוועז. און ווי ריינסטער אָטעם, צו קרישטאָל פֿאַרגליווערט, איז געלעגן דאָס ווײַסע פֿון ברייטן קײַלעכדיקן האלדז=אויסשניט, אײַנגעבעט אין ברוינעם סאַמעט=קלייד, ווי א דימענט אין זײַן גאָלד=אײַנפֿאסונג. ווי שיין זי איז געווען! איך וועל זי אויך מאָלן, איך וועל זי ליבן נאָכמער, נאָך הארציקער ווי ביז איצט... נאָר באַלד האָט סטאַשאַ באַוויזן עפּעס אזוינס, וואס האט אריבערגעוווגן אַלץ דאָס גייסטיקע, דאָס הויכע, וואס איז מיר דורכגעגאַנגען דורך דער נשמה, און איך בין ווי אָן זינען פֿון פֿרייד געפֿאלן איר צו די פֿיס. „איך האָב אָקאָרשט שטודירט די לאנדקאַרטע אין באַד=אנשטאלט", האָט זי געזאָגט. „אַרקאָ איז דאָך ניט ווײַט פֿון דאַנען. איך וואָלט וועלן, מיר זאָלן באַזוכן דײַן שוועסטער".

איך האָב איר געהאַט דערציילט פֿון ליזערל. די זאָרג וועגן דער פֿאַבריק, וועגן די געלט=עסקים פֿון מײַן פֿאמיליע — דאס האָב איך געקאַנט אראָפּרעדן; אָבער וועגן ליזערל האָב איך אָפֿט געטראַכט — א העלפֿט פֿון ירושה, וואָס איך האָב ארויסגעפֿאָדערט קיין לוגאנאָ, האָב איך אָפּגעשיקט קיין ארקאָ — דאס האָב איך סטאשא ניט געזאָגט, וואָרום עפּעס וואָס אין מיר האָט געמיינט, אז איך האָב געדאַרפֿט נאָר איר אַליין דינען מיט אַלצדינג, וואָס איך פֿאַרמאָג. און איצט איז סטאשא געקומען מיך צו היילן פֿון אָט דער, אפשר עטוואָס קראַנקער, מיינונג. איך האָב דערשפּירט די גוטסקייט פֿון דער וועלט. איך האָב סטאַשאַ ארומגענומען: „וועלן מיר דאָס טאַקע טאָן?"

„איז דען דאָס בעצם ניט זעלבסטפֿאַרשטענדלעך?"

אויך דערין האָב איך איר צוגעשטימט. א רגע איז מיר געווען, אזוי ווי גאר מיין אינעווייניקסטע רוקט זיך ארויס מיר אין דער קעל. — איצטער וויינען אָדער שרייען אָדער קושן — עס איז ניט געווען אויסצוהאלטן. איך האָב געקניט פאר סטאשא, ארומגענומען אירע קני — זייד, זיסער ריח, גוטסקייט, גליק, שלום בית, אלץ איז געווען. קיין מאָל, נאָר דעמאָלט אונטער די קיפּאריסן, האָט מיך דורכגענומען איינגאנצן פון קאָפּ ביז די פיס־זוילן יענער „דריטער געפילי", יענער סוד, וואס איך האָב וועגן אים שטענדיק געחלומט אונטערן נאָמען אמתע ליבע...

מיר האָבן אָפּגערעדט, אז אין איינעם פון די נאָענטסטע טעג פאָרן מיר. איך האָב געשריבן מיין שוועסטער, אנגעזאָגט, אז איך וועל קומען. איך האב געשריבן אין קילן שרייב־צימער. סטאשא איז געווען נעבן מיר.

„סטאשאַ", האב איך געזאָגט, „איצטער וואלסטו אויך גע־קענט אנשרייבן דיין שוועסטער אין שטאקהאָלם".

זי איז געווען גלייך גרייט דערצו. אָבער זי האָט זיך ניט לאנג געהאט פארשטאָכן א פינגער מיט א דארן פון אַ רויזן־שטאק. דעם דארן האב איך ארויסגענומען, אָבער דער וווּנד האָט נאך וויי געטאָן, און סטאשא האט די פעדער ניט געקאנט האַלטן.

די שוועסטער.

אונדזער נסיעה האט זיך אביסל פארהאַלטן. וואָרום אז מיר זיינען אינאוונט ארויף אין אונדזער צימער, האָבן מיר באַ־מערקט, אז דער שליסל שליסט ניט. עמיצער האט געהאט גע־מייסטערט ביים שלאס. איך האב עס תיכף געמאלדן דעם פּארטיע, וואס איז געווען, ווי עס האט אויסגעדרוקט, איבערגעגעבן זיינע פּאַ־סאזשירן מיט לייב און לעבן — איך האב מער קיינמאל ניט באגעגנט נאך אזא מענטשן, וואט זאָל האָבן אזוי אָפּגעזאגט זיך פון אייגענעם „איך". אויך דאסמאל איז ער תיכף ארויף מיט אונדז אין צימער און האט גענומען אנגעשטריינגט ארומקלערן, וואס האָט דאָ געקאנט געשען. עמיצער איז אריינגעדרונגען אין אונדזער

צימער מיט א נאכשליסל; א סימן — דער פארדארבענער שלאס. און סטאשא האָט מיט אירע שארפע אויגן באמערקט, אז איניקע קליידער ליגן אנדערש, ווי זי האט זיי געהאט אוועקגעלייגט. מיר האבן אלצדינג ארומגעזוכט, אָבער עס האט גארנישט ניט געפעלט. מען האט קיין זאך ניט געהאַט געגנבעט. איז ווידער געווארן א ספק, צי איז דאס געווען א גנב. עס האט אמאל געקאנט זיין, אז דאס שטוב־מיידל האט פארביטן די שליסלען אדער האט אזוי קאליע געמאכט דעם שלאָס. האט מען זי גערופן. האָט זי געשווארן, אז זינט אינדערפרי, ווען זי האט צוגעראַמט די חדרים, איז זי אויבן ניט געווען. יאָ, זי האט געזען, ווי נאכמיטיק איז עפעס א פרעמדער האסטיק געגאנגען אראָפ די טרעפ. דערפון האט אָבער דער פאָרטיע ניט געוווסט. אַזוי איז די זאך געבליבן ניט אופגעקלערט.

מיר איז פון דער מעשה געוואָרן נאך מער פריקרע. פון דעם ערשטן מאָמענט אָן האב איך צונויפגעקניפט דעם פארדארבענעם שלאָס מיט יענעם פארשוין וואס איז אוועק אין פארק מיטן איינטענצער. קיין רעכטן חשד האָב איך אמת ניט געהאט — פון אנדזוערע זאכן איז דאך גארנישט פארפאלן געווארן. דאָך איז קיין רו ניט געווען. אינדערפרי בין איך אוועק צום בורגמיסטער, האב אים דערציילט אלצדינג, האָב געבעטן אויסצופארשן יענעם פארפולקא פון טרעמעצאָ, וואס האט ער באדארפט האבן אין פארק פון האטעל. דעם אנדער טאג איז געקומען אן ענטפער: דער נאָמען איז אין טרעמעצאָ און אין די שכנישע געמיינדעס ניט באקאנט.

נאָכמיטיק האב איך געמאכט אן אנשטעל, אז איך וויל זיך אויסלערנען ביי סימבא דעם נייעם פא פון טשארלסטאן. סטאשא, וואס האט מיינע פחדים ניט געוווסט, האָט זיך געוואונדערט אף מיין גרויסן חשק צום טאנץ. בעת סימבא האט מיך געפירט, האב איך פלוצים א זאג געטאָן: „לופערצעל — ער איז אויך אן אויסגעצייכנטער טענצער".

ער האט געקוקט פארביי מיר, אזוי ווי ער וואלט זיך צוגעהערט צו עפעס א גערויש אין די צווייגן; דערנאך האט ער

ווייטער געציילט: „ביטע, איינס—צוויי—די קני אריין, ביטע—דעם פוס פריי, שלינקער־שלאנקער"...

„קענט איר הערן לופערצעל?" האָב איך איצט געפרעגט גלייך.

„איך ווייס ניט, פון וועמען איר רעדט", האט ער געענטפערט זאנפט זיך פארנייגנדיק מיט דער גראציע פון א באקטער, און זיינע האָריקע ארעמס זיינען ארויסגעקראכן פון די מאנזשעטן.

אזוי איז דאס ניט געגאנגען. האָב איך אים אנגעבאטן פינף הונדערט לירעס, אז ער זאל מארגן פאָרמיטיק באווייזן זיין קונץ מיטן ברעט. ער האט גדאנקט מיט שמחה. אז איך האב גע־מיינט, אז ער איז ווייך געגוג, האב איך ארויסגעפלאצט, אז קיין פארפולקא פון טרעמעצא איז גאָר ניטאָ. האָט ער געענטפערט: אוודאי איז ער איצט ניטאָ, יענער איז אמך יארן צוריק אוועקגע־פאָרן קיין אמעריקע. איצטער פארט ער דאָ דורך אין דער שווייץ, האָט ער זיך ביי אים זיין יוגנט־פריינט, אופגעהאלטן איין טאג.

דערביי האָט ער געפינטלט מיט די אויגן אנטקעגן דער זון. דאס האט דאך געקאנט זיין אמת אויך... אף דער וועלט ווייס מען גארנישט, ניטאָ קיין זיכערע זאך, אלץ נאר שלינקער־שלאנ־קער...

מסתמא איז דאס געווען די מעשה מיטן פארדארבענעם שלאָס, וואס האט מיך אריינגעבראכט אין א שלעכטער שטימונג. „בכל אופן האב איך פארהאלטן די נסיעה קיין אַרקאָ. סטאשא האט געטריבן. מיר האט אָבער אויסגעוויזן, ווי א בגידה, לכל הפחות, אן עוולה קעגן איר צו באזוכן די שוועסטער. אָבער סטאַ־שא איז באשטאנען אף פארן, און מיר זיינען געפארן. מיר זיינען אנגעקומען אין אַרקאָ פארנאכט אף מארגן אינדערפרי האט סטאַ־שא געזאָגט איך זאָל גיין אליין צו דער שוועסטער. זי וועט ווארטן אין האטעל.

„פארוואס ביסטו דען מיטגעפארן?"

„כדי דיך צו באגלייטן, כדי דיר דאס גרינגער צו מאכן".

„דו מאכסט מיר דאס גרינגער. ווען דו קומסט איצט מיט".

„אפשר מאך איך דיר נאר שווערער. דו ווייסט דאָך ניט, וואס דיין שוועסטער קלערט וועגן אונדז".

איך האב זיך דערשראקן, וואס זי האט דאָס ארויסגעזאגט אזוי דייטלעך. פארזארגט האב איך זיך געלאָזט גיין.

אָ, מיין שוועסטער איז געווען א מענטש אָן פאָראורטיילן. און בכלל אן אויסגעצייכנטער מענטש. איך האב אפשר געריכט זיך אף טענות, ווייל איך האב אזא צייט ניט געזאָרגט וועגן איר. אָבער ליזערל, די קלוגשאַפט אליין, האט געוווסט, וויפיל די פאמיליע האט געליטן בעת דער מלחמה און נאָך דער מלחמה און אז מיר האָבן אלע געהאט שווער צו קעמפן און מעגן זיין צופרידן, וואס מיר זיינען אריבערגעקומען ווי עס איז די שווערע צייט. און סוף כל סוף בין איך דאך דער ערשטער פון דער פאמיליע, וואס איז צו איר געקומען נאך די אלע שרעקלעכע יארן. פארוואס זאל זי גראד צו מיר אויסגיסן די טענות? דאס האָט זי מיר געזאָגט באלד ביים זען זיך, — מיט פרייד, מיט דאנקבארקייט, אָן הינטערגעדאנקען. עס גייט אלץ אזוי לייכט, האב איך ווידער געטראכט; עס פאַסט צו די סטאשאַ=צייט. „דאס איז ניט גאר שיין פון אונדז", האָב איך געזאגט. „מיר האבן דיר אלץ געשיקט געלט ליזערל, אָבער קיינער איז ניט געקומען דיך באזוכן. גאָר ניט שיין".

אויך דערויף האט זי געהאט אן ענטפער — ווי עס ווייזט אויס, האט זי שוין פריער וועגן דעם געקלערט: „ביי אונדז איז ניט אזוי, ווי אין אנדערע פאמיליעס. די געלט=שיקעריי איז ביי אונדז טראדיציע. „ראָקענהויז טוך" גיט די סאלדאטן פון דער פאמיליע. איצט זייט איר אלע פאבריקאנטן און איך אייער איינציקער סאלדאט — אף דעם פראנט פון שווינדזוכט" — האָט זי פארענדיקט און זיך צעלאכט.

מיר איז ניט געווען גאר געשמאק צו דערמאנען זיך אָן „ראָקענהויז טוך". אבער איך בין דאס איבערגעקומען, איצט, אז די שוועסטער האט גערעדט וועגן איר קראַנקייט, איז מיר איינגעפאלן, אז איך האב זיך געריכט צו טרעפן אַן אויסגעדארטן שוואכן נפש — און אָנשטאָט דעם איז פאר מיר געשטאנען א

רונדע פּולבּלעכע מיידל. ליזערל איז ניט געווען שיין, דאָס דיק ווערן האָט איר פּנים נאָך גרעבער געמאַכט, אָבער די וואַסער־העלע אויגן האָבן געבּליצט פרייליך און אָפן. דער שמועס איז פאָרגעקומען אַף דער וועראַנדע פון דער ווילע — ליזערל האָט געהאַלטן דעקעס אין האַנט. „איצט וואַרט א רגע. איך מוז צו די פּאַציענטן".

„צו די פּאַציענטן?" האָב איך געפרעגט, אַז זי איז געקו־מען צוריק.

„האָסט זיך ניט פאַרהערט. איך בין נאָר אַף דער העלפט פּאַציענטין. האַלב פּאַציענטין און האַלב קראַנקען־שוועסטער. אַז איר האָט מיר לאַנג ניט געשיקט, האָט זיך דאָס אַזוי געמאַכט. די פאַרוואַלטערין האָט מיך ליב. איך העלף מיט, דערפאַר האָב איך שוין פריי פּאַנסיאָן. איצטער מאַך איך נאָך דורך א קורס. באַלד וועל איך אייך מער גאָרניט קאָסטן".

„און דו ווערסט געזונט?" — מיט שמחה האָב איך אָנגע־נומען אירע הענט.

„בכל אופן געזינטער, איידער ווען איך וואָלט כסדר גע־טראַכט וועגן מיין עלנט".

מיר האָבן איינס דאָס אַנדערע גוט פאַרשטאַנען. — ליזערל האָט מיך געפירט צו דער פאַרוואַלטערין, צום הויפּט־דאָקטאָר. האָט מיר באַוויזן די צימערן, די לאַבאָראַטאָריע, די אָפּעראַציע־זאַלן. דערנאָך זיינען מיר לאַנג געזעסן אין איר צימער. מיר האָבן גערעדט וועגן דער מוטער, וועגן ברודער. ליזערל האָט אויך שוין א צייט ניט געהאַט קיין ידיעה פון זיי. דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן: „איך בין דאָ ניט אליין. מאַך די רייזע מיט א פרוי, וואָס איך ליב זי מער פון מיין לעבן. זי איז אויך מיטגע־קומען קיין אַרקאַ"...

„דיין כלה?" — דערין איז געלעגן אַ מין פרוּוו זיך צו שיצן קעגן אַן אָנפאַל.

איז דען דאָס ניט געווען צו פאַרשטיין. יאָרן לאַנג האָט זי געקעמפט, האָרט ביים ברעג פון טויט, פאַר איר עקסיסטענץ. אָפּגעריסן פון דער פאַמיליע, האָט זי געמוזט באַווייזן איר פייאַ־

קיינט אופצוהאַלטן זיך ווי עס איז. זי האָט געמוזט פאַרטיידיקן
איר איינג, באַגרענעצט וועלטל. — און דאָ אין מיטן דערינען
מיר מיט אונדזער רייכקייט, מיט אונדזער טראָפּישער פאַרשווענ=
דערישקייט פון גליק — זיינען מיר ניט געווען פיינט, וואָס האָבן
צעבראָכן איר נוס=שאַלעכץ?

„איך וואָלט וועלן אייך באַקענען, איר וועט איינע דער אַנ=
דערער געפעלן", האָב איך געזאָגט, שוין מיט א שלעכטן געוויסן.

„אדרבא. — אויב דיר איז ליב... מיט פאַרגעניגן".

דער טאָן, ווי דאָס איז געזאָגט געוואָרן האָט בײַ מיר
אָפּגעשלאָגן יעדער חשק צו ברענגען סטאַשאַ אַהער.

אונדזער שמועס איז דערבײַ איבערגעריסן געוואָרן. די פאַר=
וואַלטערין האָט מיך געלאָזט רופן...

זי האָט אָנגעהויבן פון וויטנס. דער אַנשטאַלט, געגרינדעט
לכתחילה פאַר דייטשע און עסטרייכישע אָפיצירן, איז א פּריוואַ=
טער. אַרקאָ, ווי אַ קוראָרט, איז איצט שטאַרק געפאַלן. בקיצור,
די רעכנונג וואַקסט שטאַרק — זי האָט מיר באַוויזן מיין שווע=
טערס קאָנטאָ, וואָס איז געלעגן אויף איר שרייבטיש ריין איבער=
געשריבן אויף א באַזונדער פּאַפּיר. איך האָב זיך דערשראָקן, ווען
איך האָב דערזען די סומע, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבן פאַר א
סך חדשים. זי איז ניט געווען אַסך קלענער פאַר מיין גאַנצן
מזומן=געלט. וואָס איך האָב נאָך פאַרמאָגט. אמת, עס איז געווען
אַראָפּגערעכנט דאָס געצאָלט פאַר ליזערלס אַרבעט ווי א
קראַנקען=שוועסטער, אָבער דאָס איז געווען ווייניק און האָט זיך
גערעכנט ערשט זינט די לעצטע צוויי וואָכן.

„ס'איז דאָך אָבער ניט לאַנג איבערגעשיקט געוואָרן א
גרעסערע סומע — פון לוגאַנאָ".

די פאַרוואַלטערין האָט א קלער געטאָן. „יאָ, ריכטיק,
שוועסטער עליזאַבעט האָט מיט א קורצער צייט פריער געקראָגן
געלט. זי האָט, אויב איך האָב ניט קיין טעות, עס אַריינגעטראָגן
אין שפּאָר=קאַסע. אָפּגעצאָלט האָט זי ניט".

זי ראַנגלט זיך פאַר לעבן און צוקונפט. הפלאדיקע איינ=
געשפאַרטקייט. ניטא קיין טענות. פאַרקערט, איך האָב זיך געפרייט

איבער אזויפיל לעבנס־קראפט. — אז איך בין אריין אין דער קאסע, בין איך דאך געווען א ביסל נידערגעשלאגן. „די רעכע־נונג, זייט אזוי גוט". דער קאסיר נשתומם: „אקארשט געווען דאָ אַ דאמע און האט באצאלט".

איך האָב מיך געלאָזט לויפן צו סטאשאַ. עס איז געווען קלאָר. אַ גרויס הארץ, פארשווענדעריש־אָפן, ברייט! זי האָט גאָר ניט געלייקנט. זי האָט געוואָלט מיר אָנטאָן פארגעניגן און האט ריכטיק אָנגעטאָפּט ווו דער שוך קוועטשט. די לעצטע טעג — אזוי האָט זי געזאָגט, איך אַליין האָב דאָס נאָך ניט באַמערקט, — האָב איך שוין דייטלעך אָנגעהויבן שפּאָרן. און צו וואָס דאַרף זי האָבן איר צירונג? האָט זי פאַרזעצט ביים פּאָרטיע.

„ווי פארשיידן זי איז פון ליזערל" — האָב איך געטראַכט, „אָן זאָרג און אָן איבערצוקלערן". אמת, פאַר אַ שיינעם, געזונטן מענטשן איז גרינגער ניט צו שפּאָרן און אָוועקצוגעבן דאָס לעצ־טע — איך האָב געוואָלט געקענט זיין, אָבער וואָס העלפט גע־רעכטיקייט: ס׳קאָן גאָר אַנדערש ניט זיין, נאָר דווקא אַזאַ זיך אָפּגעבן אינגאַנצן, אָן איבערצוקלערן, איז דאָס עכטע און דאָס גוטע לעבן. איטלעכע שפּאָרעניש איז אין בעסטן פאַל נאָר אַ סוראָ־גאַט פון לעבן. איצטער איז שוין געווען קלאָר, אַז סטאַשאַ, וואָס האָט אויך געוואָלט זיך באַקענען מיט ליזערל, איז נאָכמיטיק מיטגעקומען אין דער סאַנאַטאָריע. איך האָב קיין איין רגע ניט געוואָלט זיין אָן איר.

אונטערוועגס האָט זי געקויפט אַ בוקעט צאַרטע, נאָך האַלב־געשלאָסענע, העל־רויטע רויזן.

פון אָט דעם בוקעט רויזן האָט זיך דאָס אָנגעהויבן. אַלע מאָל, ווען איך קלער וועגן מיין אומגליק, וועגן מיין אונטערגאַנג, דוכט זיך מיר, אַז דער בראָך איז געווען פאַרבאַהאַלטן אין די שמע־קעדיקע רויזן. — זינט דעמאָלט קאָן איך קיין רויזן ניט ליידן. זיי זיינען דייטלעך די שענסטע, פּוינעמסטע בלומען. דאָס טאָר ניט זיין. די גאַנצע וועלט איז דאָך אַזוי אומדייטלעך. דאָס איז איר הויפּט־סימן. און מיט אַמאָל דייטלעכקייט איז אַזאַ טפל־זאַך

— דאָס פּאַסט ניט, עס איז אַ חוזק איבער אונדזער אָרעמען נעפּלדיקן לעבן.

„דאָס איז ליזערל״, האָב איך פאַרגעשטעלט אין גאָרטן פון דער סאַנאַטאָריע. „און ווען זי וועט זיך גוט אויפפירן, וועלן מיר זי ביים צוריקפאָרן אָפּנעמען אַהיים״.

די פרויען האָבן זיך געגריסט פריינטלעך, זיי האָבן אָבער ווייניק גערעדט. איך האָב באַשטעלט אַ וואָגן צו פאָרן שפּאַצירן. איך האָב זיך געזעצט אַפן הינטערשטן ביינקל מיטן פנים צו די דאַמען.

„גיב איר די רויזן, דו האָסט דאָך פאַר איר געקויפט״.

אַ מאָמענט האָט מיר אויסגעוויזן, אַז אין סטאַשאַס אויגן האָט אויפגעבליצט עפּעס ווי שנאה. אויך האָט זי זיך אַ ביסל אָפּגערוקט פון ליזערל. עס האָט אָבער אויך געקאָנט זיין אַ שטויס פון וואָגן אַפן שטיינערדיקן וועג. באַלד האָט זי דערלאַנגט דעם בוקעט. מיין שוועסטער האָט אים ניט געוואָלט נעמען. „די שיינע רויזן — אַ גרויסן דאַנק — זיי פּאַסן ניט פאַר מיר״ און מיט אַן אמת, די צאַרטע קנאָספּן האָבן גוט געפּאַסט צו סטאַשאַס שיינעם ראָזיקן פנים, אָבער לחלוטין ניט צו ליזערלס בלאַסע אויפגעבלאָזענע שטריכן. און טאָמער איז דאָס געווען פון איר זייט אַ קאַפּריז, האָט מען אַמאָל געמעגט אַן אָרעמער קראַנקער מיידל אַמאָל נאָכגעבן. נאָר סטאַשאַ האָט זיך צעהיצט און האָט כמעט איבערגעוואַלד געוואָלט אָנבינדן דער מיידל די בלומען. כמעט אַ העלפט פון דאָס שפּאַציר האָט מען גערעדט נאָר וועגן די רויזן. ביז מיר איז דאָס דערעסן געוואָרן און איך האָב זיי געכאַפּט און אַריבערגענומען צו מיר. דערמיט האָט זיך דער שטרייט געענ־דיקט און מען האָט גענומען ריידן וועגן וועטער, וועגן שפּאַצירן, וועגן די איטאַליענישע עסנס, וואָס זיינען ביידע דאַמען ניט גע־פעלן. אונדזערע פּערזענלעכע ענינים זיינען אַפילו ניט דערמאָנט געוואָרן. „ווי האָט איר זיך באַקענט?״ איך האָב אַלין געוואַרט, ליזערל זאָל שטעלן די פראַגע. זי האָט דאָס ניט געטאָן. עס האָט געקאָנט זיין פיין־געפיל פון איר זייט, ס׳האָט אָבער אויך געקאָנט זיין קאַלטקייט. איך האָב זיך גאָרניט צוגעהערט, וואָס זיי

פלוידערן. מיט אַמאָל האָב איך אַ זאָג געטאָן: „איצט וועל איך דערציילן פון פּאָפּוגאַיען־באַרי". סטאַשאַ האָט געענטפערט מיט אַ שטראָפנדיקן בליק. מאָדנע, ווי נאָר ליזערל האָט באַמערקט דעם בליק, איז זי געוואָרן ווי אופגעלעבט — צי איז דא געווען אַ מין דערלעבן נקמה? איך ווייס דאָס ניט. סטאַשאַ האָט געשוויגן. פריער האָט זי געהאַט זיך שטאַרק געמיט אונטער־צוהאַלטן דעם שמועס. איך בין געווען צופרידן, ווען מיר האָבן פארקירעוועט צוריק. „איך וואָלט געוואָלט נאָך אהין" — סטאַשא האָט אָנגעוויזן אף אַ שיינער גרופּע קיפּאַריסן. נאָר ליזערל האָט געוואָלט פאָרן צוריק. „ביסטו דען פארנומען? עס איז דאָך באַלד"— האָב איך זיך אריינגעמישט. „איך וויל צוריק". „איך בעט, לאָמיר נאָך צופאָרן צו יענעם שיינעם פּאַרק", האָט סטאַשאַ געזאָגט. „איר ווינט שוין לאנג אין אָט דער הערלעכער געגנט, איך וועל אפשר קיינמאָל מער ניט קומען אַהער". און: „קוטשער אהין! איך שפּרינג ארוים פון וואָגן, אויב איר פארקערעוועט ניט גלייך!", „וואָס איז געשען?" האָב איך געפרעגט. „וואָס איז מיט דיר?" מיט אַ צאָרן ניט צו באַשרייבן אפן פנים, די ציטערנדיקע האַנט געווענדעט צו די קיפּאַריסן, האָט ליזערל ארויסגעקייכט: „דער צווינטער!"

דערויף האָט מען זיך אין אט דער לאַנדשאַפט ניט געקאָנט ריכטן. קיפּאריסן־וועלדלעך זיינען געווען אסך. אָדער מוז מען מיט קראַנקע זיין מער ווי פארזיכטיק?

בעתן פארן צוריק האָבן מיר געשוויגן אַלע דריי.

צולעצט אין גאָרטן זיינען די פרויען געווען זייער ליבנסווירדיק קעגן אַנאַנד. אָבער אַ שטייפקייט איז געבליבן.

גאָר צום סוף איז געקומען הילף. „אַ בריוו פאַר דער שוועסטער עליזאַבעט" האָט די טויער־וועכטערין אַריינגערופן.

אַ בריוו פון מיין ברודער. אַ ידיעה פון דערהיים. און גוטע נייס — אַזוי האָט לכל הפחות אויסגעוויזן ביים ערשטן בליק. נאָר באַלד האָב איך גענומען אַנדערש אויסטייטשן: איך האָב געקענט מיין ברודערס פאַנטאַסטישן אופן צו ריידן, ער איז שטענדיק געווען נוטה צו איראָניע.

אין דעם בריוו איז געשטאַנען אַן ערך אַט וואָס: „זינט ערווין איז אַוועק, גייט עס אונדז גלענצנד. דו וועסט נשתּומם זיין, ליזערל, די פֿאַבריק גייט טאַקע. יאָ, זי גייט איר נאָרמאַלן, פֿאָרויס־באַשטימטן גאַנג — עס איז ניט צו גלויבן. איך האָב נאָר ניט קיין צייט — אַניט וואָלט איך געקאָנט דיר דערציילן זאַכן, וואָס דו וואָלסט זיך געוווּנדערט איבער זיי. וואָס וואָלסטו, אַ שטייגער געזאָגט, ווען איך וואָלט דיר דערציילט, אַז עס האָט זיך באַוויזן אַן אמתער מלאך, וואָס האָט באַשטימט אונדזער גורל. היינט איז ניטאָ קיין צייט, מאָרגן אויספֿירלעך". (אַזוי פֿלעגט מיין ברודער ענדיקן אַלע זיינע בריוו, הגם ער פֿלעגט נאָכדעם חדשים לאַנג ניט שרייבן).

ליזערל איז מיטגעגאַנגען מיט אונדז אין האָטעל, זי האָט געוואָלט אונדז העלפֿן פּאַקן, אַרויסבאַלייטן צום באַן. זי האָט אויסגעוויזן באַזונדערס אויפֿגעלייגט. צי איז דאָס געווען איבער דער גוטער בשׂורה פֿון דער היים? איך אָבער, בעת מיר זיינען געפֿאָרן איבער דעם שטיינערנעם בריק צום וואָקזאַל, האָב געטראַכט גאָר אַנדערש וועגן מיין ברודערס ווערטער. מיר איז געווען קלאָר, וואָס זיי באַטייטן: די פֿאַבריק איז געגאַנגען איר „פֿאָרויס־באַשטימטן גאַנג" — דאָס הייסט, צום באַנקראָט — און צו „נאָרמאַל" האָט געהאַט אַ שייכות דער זייער צווייטייטיקער אויסדרוק: „עס איז ניט צו גלויבן". געוויס, אַז „ראָקענהויז טוך" איז איצט, נאָך אַלץ, וואָס איז געשען, געגאַנגען נאָרמאַל, דערין האָט קיינער ניט געקאָנט גלויבן. דערנאָך איז געשטאַנען: „זאַכן, וואָס דו וואָלסט זיך געוווּנדערט איבער זיי" — דאָס הייסט אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ. מיטן זאַץ „זינט ערווין איז אַוועק" איז אויף מיר אַרויפֿגעוואָרפֿן געוואָרן די שולד פֿאַר אַלץ, און „גייט עס אונדז גלענצנד" איז געווען אַן אַנצוהערעניש אויף ברודערס געוויינלעכער ריידווענדונג: „גלענצנדער עלנט", אָדער עס האָט אויך געקאָנט זיין שאַרפֿע איראָניע. אומקלאָר איז נאָר געווען, וועמען האָט ער געמיינט מיטן נאָמען „מלאך" — סיידן דעם מלאך המוות. ווייזט אויס, אַז עס איז שוין טאַקע געווען נאָך אַלעמען.

איך בין איינגעזונקען אין טיפֿן טרויער.

ערשט אַז מיר האָבן זיך געהאַט געזעגנט מיט ליזערל און זיינען געזעסן אין קופּע אַליין, איז די שטימונג געוואָרן אַ ביסל פרייער. סטאַשאַ, סטאַשאַ! ווי איז שוין ווידער אַוועק גאָר די געדריקטקייט! — אָן שרעק האָט מען געמעגט ריידן וועגן אַלץ, וואָס האָט געוועקט זאָרג. מיר האָבן געשמועסט וועגן ליזערל, און סטאַשאַ האָט געריימט איר׳ע גרויסע מעלות, איר קראַפט, איר לעבנס־ענערגיע. איך האָב שוין געמיינט, אַז די גאַנצע מעשה איז געענדיקט — פּלוצים עפנט סטאַשאַ איר נעסעסער: דאָרט איז געלעגן, איינגאַנצן צעקוועטשט (מיאוס אָנצוזען), דער בוקעט רויזן.

„צוליב דעם האָט זי געוואָלט העלפן פּאַקן!"

„פאַרגין איר דעם נצחון, קראַנקע זיינען ווי קינדער". אַליין אָבער האָב איך געטראַכט, אַז עס איז ניט גרינג צו נעמען די זאַך אַזוי אומשולדיק. בכל אופן איז סטאַשאַ ליידער ווייט געווען פון צו באַציִען זיך לייכט צו דעם ענין. „מיאוסע עקשנות!" האָט זי געמורמלט, אַ כאַפּ געטאָן די רויזן און אַרויסגעוואָרפן זיי דורכן פענצטער.

איך האָב ליזערל ניט פאַרטיידיקט. זי האָט געווים געוואָלט אונדז באַליידיקן: איך דאַרף ניט אייערע מתּנות! פאַרוואָס עפּעס? איך האָב עס פאַרשטאַנען און האָב עס ניט פאַרשטאַנען — עס איז כמעט געווען אָפּגעהאַנגען פונם בליק אויף דער לאַנדשאַפט. פאַרביי אונדז זיינען געלאָפן חורבות. מיר זיינען געפאָרן דורך אַ געגנט, ווו עס איז געווען די מלחמה, האָבן מיר דען ניט גע־וואָלט אויסמיידן די ערטער פון דער מלחמה? און דאָ זיינען מיר ניט ווילנדיק אַריינגעפאַלן אין מיטן געוועזענעם פראָנט־געביט. אַ שלעכטער סימן? —

סטאַשאַ האָט געשוויגן. איך האָב אויף איר אַ קוק געטאָן. זי האָט געוויינט.

„וואָס איז דיר מלאך?"

„און דו ווילסט זי נאָך ביים פאָרן צוריק"... זי האָט געכליפּעט, „ביים פאָרן צוריק ווילסטו זי נאָך מיטנעמען".

„ווען דו ווילסט עס ניט, וועל איך דאָס געוויס ניט טאָן".

פלוצים האָט זי זיך אויסגעגלייכט: „וואָס איז דאָס פאַר אַ פאָרן צוריק? ווען וועט דאָס זיין? ווי שטעלסטו זיך דאָס פאָר?"

אוודאי האָב איך שוין אַמאָל געקלערט וועגן אָט דער פראַגע, האַלב־באַוווסטזיניק. זי האָט דאָך געמוזט געשטעלט ווערן. אָבער גראָד אין דעם מאָמענט האָב איך ניט געוווסט, וואָס צו זאָגן.

„ווי שטעלסטו זיך פאָר דאָס גאַנצע, רייד דאָך", האָט זי געמאָנט נאָך אַ מאָל.

האָב איך געפּלאָגט און גענומען אויסמעלן די זאַך: אונדזער רייזע האָט דאָך קודם כּל דעם צוועק צו באַהאַלטן זיך פון מיגלעכע נאָכיאָגער. ווען מיר וועלן וויסן, אַז די סאַנאַטאָריע בעלזאַסאַ האָט אָן איר פאַרגעסן, און אַז עס וועט זיין אויך פאַר־שוונדן די סכּנה מצד איר מאַן, ווייל אַלע טאָג קאָן מען דאָך וואַרטן, אַז ער וועט שטאַרבן, דעמאָלט איז אפשר געקומען דער מאָמענט...

„און ווי וועלן מיר דאָס דערגיין?"

נו, עמיצער מוז דאָך דאָס געבן צו וויסן, אפשר איר שוועסטער פון שטאָקהאָלם...

סטאַשאַ האָט געוויינט שטאַרקער, געווענדט צום פענצטער.

„ניטאָ וואָס צו איילן זיך", האָב איך געפּרווט זי איינצושטילן.

זי אָבער, פאַרזונקען אין זיך, האָט מיך ניט צוגעהערט: „קיינער וועט מיר ניט שרייבן", האָט זי געשטאַמלט אינגאַנצן צערודערט.

אויב אַזוי מוז זי מאַכן אַן אנהייב, האָב איך גענומען אַ ביסל צושטיין. זי מוז שרייבן סוף כּל סוף צו דער שוועסטער אין שטאָקהאָלם, זי האָט דאָך שוין לאַנג צוגעזאָגט, און דאָס איז זייער וויכטיק צוליב איר זיכערקייט. דאָס מוז באַלד געשען. אפשר תּיכּף ווי מיר וועלן קומען אין האָטעל צוריק. איצטער איז דאָך

קיין שטער ניטא. ווי באַלד איר פינגער איז שוין אויסגעהיילט...
און איך האָב אים אַ גלעט געטאָן.

„לאָז מיך", האָט זי אויסגעשריען הויך, אַזוי ווי איך וואָלט איר אָנטאָן אַ ווייטיק.

שווייגן. וויינען.

ערשט אַז מיר זיינען אין ווערא־נאַ אַריבער אין אַן אַנדער וואָגאָן, האָב איך ווידער גענומען ריידן צו איר. מיר האָט אויסגעוויזן, אַז זי מוז צוערשט פון זיך אַליין זיך באַרואיקן, אַז איך קאָן דערווייל גאָרניט העלפן. אין ווערא־נאַ האָב איך אַנגענומען איר אָרעם און געבעטן, זי זאָל מיר גוט אַריינקוקן אין די אויגן. קיין שום בייז איז דאָך ניט געשען. זי האָט ניט געענטפערט. האָב איך שטיל געפרעגט, צי זי איז באַליידיקט, און וואָס האָב איך דען בעצם אַזוינס געטאָן. זי דאַרף זיך דאָך דערמאָנען, אַז דער בריוו צו דער שמאַקהאַלמער שוועסטער איז דאָך איר אייגענע המצאה, נאָך דעמאָלט אין בערלין, און אַן דעם וואָלט איך דאָך בכלל ניט געוווּסט, אַז זי האָט אַ שוועסטער אין שטאַקהאָלם. און חוץ דעם, איז די גאַנצע זאַך ניט אַזוי וויכטיק. לויט מיר מעג דער בריוו אינגאַנצן ניט זיין, און אויב זי וויל, וועלן מיר פון דעם ענין שוין קיינמאָל מער ניט ריידן. עס איז מיר נאָר צופעליק געקומען אין זינען, בעת מיר האָבן גערעדט וועגן ידיעות פון דער וועלט...

„אָבער עס איז גאָרניט דאָס", האָט זי צולעצט געבראָכן דאָס שווייגן.

„וואָס זשע דען?"

מען האָט זי ניט געקאָנט ברענגען צום ריידן. אומזיסט האָב איך געטענהט, אַז אַפילו דעם ערגסטן פאַרברעכער פאַרמשפּט מען ניט, איידער מען זאָגט אים, אין וואָס ער ווערט באַשולדיקט. זאָל זי מיר אויך זאָגן, מיט וואָס איך האָב זי באַליידיקט. און אַז זי האָט נאָך אַלץ געשוויגן און נאָר שטיל פאַר זיך געוויינט (עס האָט שוין געדויערט עטלעכע שעה), האָב איך זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און בין אַרויס מיט אַ גאַנץ גראָבן קאַטאַוועס:

צי די הערן פון סאנאטאריע זיינען סוף כל סוף ניט געווען גערעכט, וואס זיי האבן זי געוואלט האלטן פארשפארט, און צי איז זי טאקע ניט אראפ פון זינען.

דערמיט אבער האב איך, ניט צו וויסן דאס, אנגערירט א וונד. אין דעם ענין האט סטאשא קיין קאטאוועס ניט פארשטאנען: זי האט דאך דערפון צופיל געליטן.

„יא, איך וויים דאס, דאס איז טאקע דיין אמתע מיינונג וועגן מיר", איז זי באלד אריינגעפאלן אין די רייד. דעם ערשטן מאל האט זי זיך געשטעלט קעגן מיר. אירע אויגן, איר גאנצער אויסזען האט געוויזן פארביסנקייט.

איך האב אופגעציטערט פון שרעק. „אבער סטאשא, דו מיינסט דאך ניט ערנסט?"

„איך מיין דאס אין פולן ערנסט".

„אַז איך האלט דיך פאר משוגע?"...

„אדער יאָ אדער נאך ערגער: דו מאכסט אַן אָנשטעל, ווי דו וואָלסט דאָס מיינען. און דערפאַר האָסטו צוגענומען און באַהאַלטן מיינע דאָקומענטן — וועגן דער אַנטמינדיקונג. וואָס איז דען דער אונטערשייד צווישן דיר און דאָקטאָר קאַרקאָס? ער האָט מיך געהיט און דו היטסט מיך. דער אַטעסט גיט דיר די מאַכט איבער מיר — דו קענסט טאָן מיט מיר וואָס דו ווילסט — אָדער אַזוי דוכט זיך דיר לכל הפחות!"

צו וואָס זיינען מיר דערגאַנגען, צו וואָסערע אָפּגרונטן! „ווי גאָט איז דיר ליב, סטאַשאַ — ווי קענסטו דאָס מיינען?" — באַלד ווי מיר קומען צופאָרן גיב איך איר אָפּ די פאַפירן, וואָס האָבן פאַר מיר קיין שום ווערט ניט, און דערפאַר האָב איך אָן זיי פאַרגעסן. וועגן איבערגעוואַלד קאָן בײַ מיר גאָר קיין געדאַנק ניט זיין — אַזוי ווייט דאַרף זי מיך דאָך קענען...

איך האָב געזוכט אירע הענט, ביז זי האָט מיר זיי סוף כל סוף געלאָזן. דאָס איז געווען אונדזער ערשטע מחלוקת. נאַמירלעך האָבן מיר געמאַכט שלום. אָבער צי קאָן מען דען פאַרגעסן די ערשטע מחלוקת אין דער ליבע.

די ערשטע מחלוקת פרעסט איין אף דער ליבע א בראַנד־פלעק ניט אָפּצוווישן.

פריער איז זי געווען אָן א פלעק, ניט ערדיש, הייליק ניט אָנצורירן.

די ערשטע מחלוקת קאָן שוין קיינמאָל ניט אינגאַנצן פאַר־ריכט ווערן. געוויס, עס קומען נאָך שפּעטער שיינע טעג פון ליבע, אָבער זיי זיינען שוין גאָר אַנדערע, ווי די פריערדיקע. דער גן־עדן איז שוין מער ניטאָ.

שלעכטע סימנים.

נאָך אַלעמען איז סטאַשאַ איבערגעקומען דעם באַזוך ביי מיין שוועסטער גרינגער ווי איך: פאַר איר איז די נסיעה קיין אָרקאַ געווען אַן עפּיזאָד, וואָס זי האָט אים גערן איבערגעלעבט פון ליבע צו מיר. און געוויס וואָלט זי גערן אוועקגעגעבן איר אייגן געזונט, אויב זי וואָלט דורך דעם געקאָנט העלפן מיין שוועסטער.

פאַר מיר אָבער האָבן זיך אָנגעהויבן א ריי טעג פון שרע־קעניש. טעג — און דער עיקר — נעכט פון שרעקעניש.

זינט דעם באַזוך ביי מיין שוועסטער, זינט איך האָב גע־לייענט מיין ברודערס בריוו, האָב איך ווידער אָנגעהויבן מיר לעבעדיק פאָרשטעלן דעם חורבן פון מיין פאַמיליע. איך האָב ממש זיך געפאָדן אין הארצרייסנדיקע סצענעס — איך האָב געזען מיין מוטער טויט, מיין ברודער, וואָס האָט ניט געקאָנט צאָלן זיינע ראַטעס, ווידער אַרעסטירט. די פאַבריק איז נאַטירלעך שוין לאַנג פאַרקויפט, און פון אונדזער ירושה־מאַיאָנטעק האָבן מיר שוין אויך מער גאָרנישט געהאַט. און אין דער זעלביקער צייט האָב איך געלעבט די זוניקסטע טעג מיט א שיינער פרוי ביי א קילער איטאַליענישער אָזערע. וואָס פאַר א נבלה — און זאָל דאָס מיין געוויסן כאָטש אַף א האָר אָנרירן. איצט האָט דאָס מיר אויסגעוויזן פאַרברעכעריש. איצט האָב איך שוין אויך א טראַכט געטאָן וועגן אַנגעס. אַזוי ווי זי וואָלט נאָך איצט גע־זעסן אין זאַל פון יענעם בערלינער האָטעל, וווּ איך האָב זי

געלאָזט — אַזוי איז זי פֿאַר מיינע בליקן אַרויסגעשוווּמען, פֿאַרצרהט, אויסגעהונגערט און בלאַס. זי האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט, אויסגעקוקט מיט אירע קורצזיכטיקע אויגן נאָך איטלעכן, וואָס גייט אַראָפּ פֿון די טרעפּ אָדער לאָזט זיך אַראָפּ מיטן ליפֿט. ערשט אין לעצטן מאָמענט ווענדט זי אָפּ איר בליק פֿאַריאושט, און אויף איטלעכער באַק אירער גלאַנצט אַ פֿאַרגלי-ווערטער טרער פֿון וואַקס, ווי מען קאָן זיי זען אין שלעכטע פֿילמעס... אַ גאָט, עס איז דאָך געווען אַ מוראדיקע אכזריות פֿון מיר. וואָס האָב איך געטאָן!

און אויב אַנגעס האָט זיך גענומען דאָס לעבן, וואָס איז דעמאָלט! עס איז ניט געווען אוממיגלעך. ניט אַזוי איבער מיין פֿאַלשקייט, — איר גאַנצער וועלט-סדר איז דאָך חרוב געוואָרן. ווי האָט דאָס, דאָס יונגע אומשולדיקע האַרץ געקאָנט אַריבער-טראָגן...

איך האָב ניט געקאָנט שלאָפֿן. איך האָב געוועקט סטאַשאַ, אַז עס איז שוין ניט געווען צו דערהאַלטן. איך האָב געדאַרפֿט האָבן אַ גוט וואָרט.

„האָסטו געהאַט אַ שלעכטן חלום?‟ האָט זי געפֿרעגט ליבלעך.

„יאָ, ליבסטע‟.

„און איך אַזאַ גוטן — איך בין געווען ביי מיין פֿאָטער אין סאַמאַרקאַנד, נאָך אַ קינד — איך וועל דיר דאָס מאָרגן דערציילן‟. זי האָט גערעדט ווי פֿון שלאָף אַרויס.

„דערצייל עס גלייך‟.

„איצט ניט‟. האָט זי געזיפֿצט. „מיר וועלן ביידע ווערן וואַך — בעסער שלאָפֿן... יאָ?‟

„דו האָסט רעכט. זיי מוחל, וואָס איך האָב דיך געוועקט‟ — אָבער דאָס האָב איך גערעדט נאָר צו איר קישן, ווארום זי גופֿא איז שוין ווידער געשלאָפֿן איר קינדערשן שלאָף.

עס איז ניט געווען פֿיין, וואָס איך האָב געטאָן. הינטער סטאַשאַס רוקן האָב איך געשריבן צו מיין שוועסטער. איך האָב דאָס מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן, איך האָב געמוזט האָבן

גענויערע ידיעות. אַליין צו שרייבן אַהיים האָב איך זיך ניט דערוועגט, זינט איך האָב געוואָרפן די פאַבריק, און ווײַסן האָב איך געוואָלט ניט, וויאַזוי האַלט מען דאָרט פון מיר, וואָס מען האָט מיך אַלעמאָל גערעכנט פאַר אַ לייכטזיניקן. עס האָט מיך אָבער בּרענדיק אינטערעסירט, ווי האַלט די פאַמיליע, וואָס דאַרף אַזוי פיל ליידן, ווי גרויס איז דער חורבן. צי האָב איך געוואָלט העלפן? צי האָב איך געקאָנט עפּעס טאָן? אַלץ איינס. זינט דעם באַזוך בּײַ דער שוועסטער, האָב איך זיך געשפּירט פאַרבּונדן מיטן גורל פון דער פאַמיליע דורך טויזנטער פעדים. האָב איך געשריבּן אַ לאַנגן בּריוו צו ליזערל, אויסגעטײַטשט איר, וואָס עס באַטײַט דער בּלומרשט־גינסטיקער בּריוו דעם בּרודערס, און האָב פון איר פאַרלאַנגט זי זאָל מאָנען פון דער היים נײַע אויספירלעכע ידיעות.

איך האָב דאָס אַלץ בּעצם געקאָנט זאָגן סטאַשאַ. אָבער זי איז אַזוי אויפגערייצט געווען קעגן ליזערל, האָב איך מורא געהאַט פאַר אַ צוזאַמענשטויס. אייפערזיכטיק צו דער שוועסטער האָט זי דאָך ניט געקאָנט זײַן. און דאָך האָב איך געהאַט אַ געפיל, אַז דאָ איז עפּעס פאַראַן פון אייפערזוכט. איז דעריבּער, אַז סטאַשאַ האָט מיך בּאַגעגנט: „וואָס האָסטו געטאָן אַזוי לאַנג אין שרײַב־צימער?“ האָב איך געליגט: „רעווידירט די רעכענונגען“ און האָב אַרויסגענומען פון קעשענע די וואָך־רעכענונגען, וואָס זײַנען געווען צוגעגרייט צו דעם תּירוץ. „איך געפין איין, אַז מען בּאַשווינדלט אונדז“, האָב איך ווײַטער גערעדט: „אייער־נעכטן האָבּן מיר גאָר קיין ווײַן ניט געטרונקען, און דאָ איז צוגערעכנט“.

„דו בּיסט אַ קליינער שפּאָרער“, האָט סטאַשאַ פון מיר געשפּעט (מיר האָבּן פאַר קורצן געהאַט געלייענט אַן אַרטיקל אין דער צײַטונג וועגן די „קליינע ראַנטיעס און קליינע שפּאָרער“).

— „איך האַלט, אַז מיר לעבן זייער בּאַשיידן. מיר זײַנען זיך, למשל, נאָך קיין מאָל ניט דורכגעפאָרן אויף אַן אויטאָ“.

האָבּן מיר נאָכמיטיק געמאַכט אַ טור מיט אַן אויטאָ. אײַנעם פון יענע טורן, וואָס מען זעט בּײַ זיי ניט דורכן שטויבּ אפילו די קאָנטורן פון די בּערג, וואָס מען פאָרט פאַרבּײַ זיי. אינאָוונט

האָט סטאַשאַ באַשטעלט שאַמפּאַניער. „איך וויל אַמאָל זיין פּריילעך". דעם צווייטן טאָג האָט זי געוואָלט קויפן אַ רודער־שיפל און אַ ספּאָרט־קאָסטיום. איך האָב באַמערקט, אַז שיפלעך קאָן מען נאָר דינגען, עס וואָלט דאָך געווען קאַפּויער מיטצונעמען דאָס שיפל אַהיים.

„אַך דו — מיט דיין אייביקן גלייכן שכל". איך האָב זי מער ניט געקאָנט פאַרשטיין. עפּעס איז זי געווען מאָדנע אויפגערעגט. „וועלן מיר טאַקע דאָס שיפל לאָזן אַף זיין אָרט און זיך באַזעצן דערביי, צו היטן דאָס. אָדער ווילסטו שוין מאָרגן פאָרן צוריק?"

איך האָב געשפּירט די שמייכל־גרימאַסע, וואָס האָט פאַרדעקט מיין פּנים ווי אַ מאַסקע. איך האָב זיך איינגעהאַלטן, האָב גאָרנישט געענטפערט. פּלוצים אָבער האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ חשק צו וויינען. גראָד אין שווייגן האָב איך דערשפּירט די אָפּגעפרעמדטקייט, וואָס האָט זיך פּלוצים אויפגעעפנט ווי אַ תהום צווישן אונדז. „אַוודאי האָב איך גאָרנישט קעגן דעם, דו זאָלסט קויפן דאָס שיפל".

„איצט האָב איך קיין חשק מער ניט דערצו".

„פאַרוואָס"?

זי האָט געשוויגן.

דעם אַנדער טאָג בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דאָס איז געגאַנגען וועגן אַ שיין ניי שיפל מיטן נאָמען „סאַוואָיאַ" און סטאַשאַ האָט שוין ערנסט זיך נאָכגעפרעגט וועגן פּרייז. דער אַלעמאָל גרייטער פּאָרטיע האָט געוואָלט זיין דער מעקלער. אָבער סטאַשאַ איז צוגעקומען בעת איך האָב מיט אים גערעדט. זי האָט עס אָן טענות פאַרבאָטן. „איך וויל נימיי".

„דו ביסט אין אַ שלעכטער שטימונג?"

זי האָט געלייקנט. אָבער זי האָט דערציילט, אַז זי האָט היינט אינדערפרי געשפּירט אַ ווייטיק ווי פון אישיאַס. אפשר האָט י זיך צוגעקילט באָדנדיק.

אַף מאָרגן אינדערפרי האָט זי שוין ניט געקאָנט אויפשטיין. זי האָט געשריען פאַר ווייטיק, ווען זי האָט זיך באַוועגט. — מען

האט גערופן א דאָקטאר. ער האט גארנישט געקאָנט קאנסטאטירן. אַ מאָדנע קראנקייט, וואס מען מוז זיך פארלאזן נאר אף די רייד פון חולה. איך בין געווען אַזוי נידערשלאָגן, אַז איך האָב נאר געקאָנט מיט מי זיך צוהערן צו דעם, וואס דער דאקטאר האט גערעדט. ער האָט געזאָגט, אַז עס איז פאראן אן ארגאנישע אישיאַס און היסטערישע. צווישן ביידע קאָן מען כמעט ניט אונ-טערשיידן. מען קאָן ניט וויסן, צי די ווייטיקן זיינען אמתע, צי גאָר איינגערעדטע. — בכל אופן דארף די היילונג געדויערן אַסך וואכן. מען דארף ליגן אין בעט, ביי בעסערונג זיינען גוט זון-בעדער.

„איך בין אַן ארעמע קאַליקע", האט סטאַשא געיאָמערט, אַז דער דאָקטאָר איז אַוועק. „איצט קאָנסטו שוין מאָרגן אוועק-פאָרן, אויב דו ווילסט. איך מוז בלייבן — אבער איך וויל ניט, דו זאָלסט זיך פארהאַלטן צוליב מיר".

אין דער רגע האָט מיר אָנגעהויבן קלאָר צו ווערן. „סטאַ-שאַ, איך פארשטיי דיך", האָב איך געזאָגט. „איך האָב עס שוין געשפירט צוריקוועגס פון אַרקאָ און ווערעָנאַ, בעת דו האָסט בסדר געוויינט. עס פאַרדריסט דיך, בשעת עס שווימט ארוף אפילו פון דערווייטנס דער געדאַנק וועגן פאָרן אהיים. דו ליבסט מיטן היינט. און וואָלסט וועלן, ער זאָל קיין מאָל זיך ניט ענדיקן. די פראַגע: ווי לאַנג? און: וואָס דער נאָך? רירן דיך אָן ווי באַליידיקונגען. אַזוי ווי זיי וואָלטן פאַרמינערן די אומענד-לעכקייט פון דער ליבע. איך, סטאַשאַ, פיל אויך דאָס זעלביקע, וואָס דו. איך לייד די זעלביקע קלעמעניש. איך ליב פונקט אַזוי ווי דו, און מיר ביידע וויסן, אַז עס איז ניטאָ וויכטיקס אַף דער וועלט, חוץ ליבע. און וויל מיר ביידע פארשטייען ניט, ווי אַזוי קאָן מען זיך אינטערעסירן פאַר עפּעס אַנדעריש, פאַר נסיעות צו די אינזלען אין דרום-אָקעאַן, אנשטאט נסיעות צו דער נשמה, דערפאַר האָבן מיר דאָך געפונען איינס דאָס אנדערע; מיר ביידע, אין אַ וועלט אָן ליבע, וואָס האָט אונדז ביידן געלאָזט האַרט געגנוג פילן דאָס אויספעלן פון ליבע. און איצט דאַרפן מיר זיך פעסט האַלטן פאַר אונדזער גליק, איז דאָס ניט אַזוי?

און זע נאָר, סטאַשאַ, פאַרוואָס זאָלן מיר דאָס ניט רויִק אַרומ=
ריידן? אויך מײַנע אייגענע ענינים, די פאַבריק און אַלץ איבע=
ריקע, וואָס ליגט הינטער די בערג, קאָן איך און וויל דורכפירן
נאָר, ווען דו ביסט מיט מיר. איז פאַרוואָס פאַרגינסטו מיר דאָס
ניט? דו האָסט דאָך מיר אַליין אָנגעבאָטן — מיר דוכט, דאָס
איז געווען אין ציריך — צו טיילן מיט מיר מײַנע זאָרג. איך
בין געווען אַזוי צופרידן, אַזוי דאַנקבאַר דיר, בשעת דו האָסט
דאָס געזאָגט. און צו פאָרן קיין אַרקאָ — איז דאָס אויך געווען
דײַן אויפטו. איצטער אָבער שטייסטו כמעט מיט פײַנטשאַפט קעגן
מיר, און אַלץ וואָס איז נוגע מײַן פאַמיליע, דוכט זיך דיר, ווי
עס וואָלט עפּעס בײַ דיר אָפּגענומען, סטאַשאַ. איך געהער נאָר
צו דיר. הער נאָר מיר צו. אַלצדינג וויל איך אָוועקוואַרפן, איך
האָב נאָר דיך, נאָר דיך וויל איך באַהאַלטן. אויב איך האָב דיר
ווי געטאָן — איך ווייס ניט ווי אַזוי, אָבער עס האָט דאָך
געקאָנט זײַן ווי עס איז אומגערן — בעט איך דיך מיר מוחל
זײַן. זײַ מיר מוחל, איך קאָן ניט לעבן אָן דיר. פאַרלאַנג פון
מיר וואָס דו ווילסט, נאָר זײַ צו מיר ניט פײַנטלעך. איך בעט
דיך, זײַ ווידער גוט מיט מיר!"

„פײַנטלעך?" האָט זי געפרעגט — אין אירע אויגן האָבן
זיך צעשמייכלט אַלע ליכטעלעך. אין דעם מאָמענט איז אַלצדינג
געווען איבערגעגעבנקייט, ווי די טונקעלע גראָ=בלאָע אָזערע
אין אָוונט=שטילקייט. „פײַנטלעך?" האָט סטאַשאַ געפרעגט מיט אַ
זיפץ און האָט האַלב צוגעמאַכט די אויגן, בעת אַ שמייכל איז
דורכגעלאָפן איבער איר שיינעם מויל. „מיינסטו דאָס טאַקע?"

„אין האָב דאָס געפילט די לעצטע טעג" האָב איך גע=
זאָגט כמעט וויינענדיק.

„ליבער!" איך בין געפאַלן איר שטיל אַפן האַלדז. דער
בלומען=צאַרטער ריח פון אירע האָר האָט מיך אַרומגענומען.
אַלץ איז געווען ווי פאַרגעסן, ווי קיינמאָל ניט געווען. עס זײַ=
נען מער קיין דערקלערונגען ניט נייטיק געווען.

דער אָנפאַל פון אישיאַס איז צום גליק באַלד פאַרבײַגע=

גאַנגען. שוין דעם אַנדערן טאָג איז סטאַשאַ געווען פולקום געזונט, און געלאָפן מיט מיר איבערן פאַרק.

דערוויל האָב איך געמוּטט זיך אָנטאָן אַ כּח, בּכדי ניט אַרײַנצולאָזן אין טאָג אַרײַן די פּחדים פון דער נאַכט, וואָס האָבן מיר כּסדר געפּײַניקט. אזוי פיל בּעל־הבּית איבער מיר בּין איך נאָך געווען, כּדי סטאַשאַ בּײַנאַכט ניט צו וועקן. אָבער עס איז געוואָרן אַלץ ערגער; ליזערל האָט ניט געענטפערט. פאַר זיך קיין חידוש ניט, ווארום אין אונדזער פאַמיליע זײַנען מיר שטענדיק געווען אָפּגעלאָזן אין דער קאָרעספּאָנדענץ, אָפּט האָט מען זיך גאַנצע פערטלען יאָר ניט געשריבּן. וואָס זשע איז דאָ דער בּרען (אזוי האָט ליזערל זיך געקאָנט קלערן). האב איך אבער נאך דעם ערשטן בּריוו קיין אַרקאָ אפּגעשיקט נאך צוויי — איך האב ווידער אויסגענוצט מאמענטן, ווען סטאַשאַ האָט מיך געלאָזן אַליין. אומזיסט האָב איך געמאנט בּיים פאָרטיע — קיין זאַך איז ניט געווען. ווען מיר האָבן זיך אמאָל איבּערגעוואָרפן מיט אַ וואָרט, האט דאָס געקאָנט זײַן אָדער מחמת מײַן נערוויזקייט אָדער מחמת סטאַשאַס טרויעריקייט, וואָס פלעגט טייל מאל הויערן אַף איר.

„וואָס איז דיר, סטאַשאַ?“

„איך בּין פאַרשאלטן“ פלעגט זי א מאל קרעכצן. ווידעראמאל האט זיך בּאַוויזן דער פירשט פעטרישטשעוו, דער זינדיקער צדיק, וואס זי וואלט גערן געווען אים צו העלפן, נאָר זי האָט ניט געוווּסט מיט וואס. — אַ סך פון דאס שווערע, וואס זי האט איבּערגעלעבּט, איז ארויסגעשווומען. דערנאך איז געקומען צו די רייד, ווי אַזוי האט די ליבּע צו איר מאַן געקראַנגן דעם ערשטן קלאפּ. בּשעת דער קריגסגעפאַנגענשאַפט האט זי אים זייער ליבּ געהאַט. זיי זײַנען אנטלאפן קיין פערסיען. די געלט און טײַערע זאַכן האבּי צוגענומען די רוסישע סאָלדאַטן. פיר טעג זײַנען זיי געגאַנגען צופוס איבּער בּערג, סטאַשאַ אנגעטאַן אין טענים־שיך. אַזוי זײַנען זיי אנגעקומען אין ערשטן פערסישן דאָרף. דארט האבּן זיי די פערסער ארעסטירט און געוואלט אפּשיקן צוריק קיין רוסלאנד. בּיידע מאנסבּילן האבּן געווײַנט (מיטן אייבּער־ליטענאנט שטינצער איז מיטגעקומען נאך זײַנער

א חבר). סטאַשאַ האָט דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל געזען, ווי מאַנסבּיל װײנען. סוף כּל סוף האָט מען געפּועלט בּײ די פֿערטער, זײ זאָלן אָנפֿירן אין דער נאָענטסטער שטאָט, אין מעסכבֿער. צוױי װאָכן זײנען די פּליטים דערנאָך געזעסן פֿאַרשפּאַרט אין אַ קלײנעם שטיבל, װאָס זײנע דילן זײנען געװען הײלע ערד. קײן עסן האָט מען זײ ניט געגעבן, נאָר סטאַשאַ האָט פֿאַרקױפֿט אײניקע זילבערנע זאַכן, װאָס זי האָט געהאַט אַרױסגעראַטעװעט אונטער די קלײדער. דער קאָמענדאַנט, אַ האַלב־געבילדעטער מענטש, װאָס האָט גערעדט אַביסל פֿראַנצױזיש, האָט זײ אײנגעלאַדן אײן־מאָל צו װעטשערע. ער האָט געזונגען פֿערסישע לידער, סטאַשאַס מאַן האָט זײ נאָכגעשפּילט אױף אַ פֿידל. דערבײ איז צוגעקומען דער דאָלמעטשער און האָט פֿאָרגעלײגט סטאַשאַ, זי זאָל בלײבן איבּערנאַכט בּײ זײן בעל־הבית. דעמאָלט װאָלטן זײ געקראָגן געלט און אַ דערלױבעניש װײטער צו פֿאָרן. סטאַשאַ האָט אָנגעקוקט איר מאַן; יענער האָט גאַנץ גענוי פֿאַרשטאַנען, װי עס האַלט — אָבער ער האָט װײטער געשפּילט אױפֿן פֿידל, אַזױ װי ער װאָלט גאָרנישט ניט געהערט. סטאַשאַ האָט זיך אָפּגעזאָגט, און אין עטלעכע טעג אַרום איז אָנגעקומען די דערלױבעניש פֿון מעסכבֿער... צװישן דעם יונגען פֿאָרפֿאָלק איז שױן זינט דעמאָלט כּמעט אַלץ געװען געענדיקט.

„זײען ליבע שטאַרבט אָפּ" — דערמיט האָט סטאַשאַ אַזױ װי אָװעקגעשטעלט דעם טיטל פֿון איר געשיכטע.

„און אין װאָס האָט זיך אַרױסגעװיזן דאָס אָפּשטאַרבן פֿון דער ליבע צװישן אײַך?" — האָב איך שפּעטער געפֿרעגט; איך בּין געװען כּמעט װיסנשאַפֿטלעך פֿאַראינטערעסירט מיט אַלץ, װאָס איז שײך צו ליבע.

„איך האָב ניט געקענט ניט גײן, ניט שטײן" — האָט געזאָגט סטאַשאַ נאַאיװ.

„אישיאַס?"

זי האָט מיר צו שטראָפֿן אַ קלאַפּ געטאָן איבערן מױל. פֿון איר מערקװירדיקן אָנפֿאַל פֿון אישיאַס מיט עטלעכע טעג צוריק איז זינט דעמאָלט קײן רײד ניט געװען. „נײן, ס'איז געװען נאַ־

טירלעך הארצווייטיק און צער. אָבער אַז איך באַקלער זיך גוט״, פלוצים האָט זי זיך פאַרטראַכט, „האָבן טאַקע דעמאָלט זיך באַוויזן די ערשטע סימנים פון אישיאַס־ווייטיק. — פון וואָס קלערסטו איצט?״ — האָט זי איצט זיך געווענדעט צו מיר, און דעם געדאַנק וואָס האָט זיך געבעטן, האָט זי פאַרטריבן דורך איינעם פון אירע האַלב־אָפענע קושן.

דער דריטער געפיל.

פרישטיק אַף אונדזער עלעגאַנטער ווייס־פינקלענדיקער טעראַסע, אונטערן זעגל־דאַך מיט רויטע און געלע שטרייפן, אָפּגעבלאַקירט קעגן זון און קעגן בלישטשעדיקן וואַסער־שפּיגל. דורך דער גלעזערנער וואַנט, וואָס מיר זיצן נעבן איר, קוקן אַריין נאָר די נאַקעטע און מיט וואַלד־באַדעקטע בערג פון דער זייט. און פרישע וואַסער־לופט ציט אַריין אונטערן זעגל.

אין איר ראָזען קרעפּ־קלייד איז סטאַשאַ גלייך צו אַ וואָלקנדל, וואָס, אָנגעריירט פון ערשטן זונען־שטראַל, הויבט עס אָן צו גליען.

„אונדז איז דאָך זייער גוט״, זאָגן מיר און נעמען איינס דאָס אַנדערע פאַר די הענט. — אָבער אַז דאָס קאָן שטענדיק ניט בלייבן אַזוי, אַז מיר קענען דאָך ניט זיצן, צייט מיר לעבן, אין אָט דעם לוקסוס־האָטעל, ווי רייכע ליידיקגייערס — אַז איך וואָלט דאָס ניט געקאָנט איבערטראָגן, אַפילו ווען עס וואָלט דערויף געקלעקט געלט (אינדעראמתן האָט מען דערפאַר ניט באַדאַרפט מורא האָבן) — דער דאָזיקער געדאַנק עקבערט שוין אַפילו מיינע בעסטע שעהן. גייסטער פון לעבן דרינגען אַריין אין אונדזער חלום־לאַנד. איך פיל עס שוין און קאָן קעגן זיי ניט ביישטיין. איך רוף אָן די דאָזיקע דערשיינונג די „דורכלעכערונג פון ווונדער״. דער ווונדער איז נאָך דאָ, דער ווונדער—סטאַשאַ. אָבער אפשר איז דאָס ניט מער ווי די קוליסע פון ווונדער, און הינטער דער קוליסע ווערט שוין צוגעגרייט אַ נייע סצענע.

„פון וואָס קלערסטו דאָס?״ — האָט סטאַשאַ געפרעגט און מיך אויפגעוועקט פון מיינע אומעטיקע רעיונות. און אָנגעלענט אָן מיר, איינהילנדיק מיך אין אירע באַגינען־שלייערס: „איך בין נעכטן

געווען זייער ניט פיין. האָב גערעדט נאָר וועגן מיינע דאגות און מיינע שלעכטע טרעפעניש. — און דו? — יאָ. דו האָסט דאָך אַנומלטן מיך געוועקט ביינאַכט?" איז איר פלוצים איינגעפאַלן.

"וואס איז דאָס געווען? שלעכטע חלומות — פון וואָס?"

איך האָב אַלעמאָל מורא געהאַט, זי זאָל נאָך דערמאָנען די מעשה. האָב אויסגעמיטן יעטווידע אָנצוהערעניש אַף יענער נאַכט-סצענע. נאַכט-שרעקעניש זאָל ניט אַריינכאַפּן זיך אין טאָג — דערפאַר האָב איך זיך געהאַלטן פעסט... נאָר היינט, בעת דער פרימאָרגן האָט אַזוי שיין געפינקלט, און סטאַשאַ האָט אויסגעזען אַזוי גוט און צוגעלאָזט — היינט האָב איך קיין מורא ניט געהאַט. און דערלייכטערן מיר די זאָרג האָב איך געמוזט. האָב איך טאַקע דערציילט סטאַשאַ אַלצדינג, וואָס אין מיר איז פאָרגעקומען זינט דעם באַזוך אין אַרקאַ, האָב אַרומגערעדט דעם ברודערס ביזן, איראָנישן בריוו, דעם חורבן פון דער פאַבריק און פון דער פאַמיליע. איך האָב דאָס מאָל אָנגעהויבן פון ווייט, געגעבן די געשיכטע פון "ראָקענהויז טוך", געשילדערט די פאַריאושטע לאַגע פון דער אונטערנעמונג, איך האָב דערפירט די דערציילונג ביז דעם מאָמענט פון די דעטעקטיוון — פאַרשטייט זיך, וועגן אַגנעס האָב איך קיין וואָרט ניט דערמאָנט, הגם גראָד די זאָרג, וואָס איז געוואָרן מיט אָט דעם אומגליקלעכן קינד, האָט ערשט רעכט שוואַרץ געמאַכט מיינע אַנגסטן איבער דעם גורל פון דער פאַמיליע.

זי האָט געגלעט מיינע האָר. "דאָס אַלץ איז מסתמא ניט אַזוי שרעקלעך. האָסטו שוין געשריבן?"

אַף איין בריוו האָב איך זיך מודה געווען. איך האָב שוין געהאַט געשיקט צו ליזערל פיר.

אָבער זי איז, ווייזט אויס, אַפילו פון דעם איינעם געוואָרן שלעכט געשטימט. זי האָט זיך אָנגעלענט, גענומען קוקן אין דער לופט.

און בכדי צו האַלטן די שפּאַנונג און ניט צולאָזן זי קומען צו אַנדערע געדאַנקען, האָב איך אַרויסגעזאָגט מיין השערה, אַז פון דער פאַבריק האָט מען מיר נאָכגעשיקט אַ שפּיאָן, אום

האָב איך דאָס געזען שמועסנדיק מיט דעם איינטענצער סימבאַ, און אין דעם זעלביקן אָוונט איז געווען די גנבה ביי אונדז אין צימער.

„אָבער עס איז דאָך גאָר ניט געווען קיין גנבה" — האָט זי מיך פאַרריכט. „עס האָט אונז דאָך גאָרניט געפעלט". דערנאָך איז זי האַסטיק אויפגעשטאַנען און איז אוועק אַליין שפּאַצירן. — איך האָב זי פאַרשטאַנען, פון ליבע צו מיר איז זי געווען גרייט אַרומצוקלערן צוזאַמען מיט מיר איבער מיינע עסקים. אָבער ווי־באַלד איך האָב גענומען די זאַך גאָר ערנסט און געלאָזן זיך אָפּציען פון איר צו אַזעלכע חשבונות, האָט זי זיך געפילט ווי אָפּגענאַרט אין מיר.

„אַז איך בין אויפגערעקט, קאָן מען מיט מיר ניט ריידן" — האָט זי זיך פאַרענטפערט ביים מיטאָג.

„אָבער וואָס איז געווען דער גרונט?" — האָב איך גע־פרעגט, הגם מיר איז די זאַך גאָר ניט געווען אַזוי אומקלאָר, ווי איך האָב געמאַכט דעם אָנשטעל.

„איך ווייס ניט" — איז געווען דער געררייצטער ענטפער. „לאָז מיך. עס דרייט זיך מיר אין קאָפּ. איך ווייס ניט, וואָס איך רייד. לאָז מיר. — מיין פאָטער איז אויך אַזאַ כעסן. איך קאָן גאָרנישט העלפן".

אַ מערקווירדיקע צונויפטרעפעניש — ביים טאַנצן נאָכן אָוונט־ברויט—האָט זי סימבאַ איינגעלאַדן. געוויינלעך פלעגט זי זיך אָפּזאָגן. דאָסמאָל איז זי אוועק טאַנצן. איך האָב געזען, אַז בעתן טאַנצן האָט זי מיט אים גערעדט, געוויצלט זיך. דאָס איז ניט געווען אָנגענומען. די דאַמען פון דער האָטעל־געזעלשאַפט פלעגן מיט אים קיינמאָל ניט ריידן ביים טאַנץ. מיר האָט אויסגעוויזן, אַז סטאַשאַ דאַרף ניט אָפּטרעטן פון דעם מנהג. חוץ דעם, האָב איך זיך איינגערעדט, אַז זי האָט זיך צופיל צו אים צוגעדריקט. אויך האָט ער זי געהאַט צו פעסט אַרומגענומען.

„און פאַרוואָס?" — האָב איך זי מקבל פנים געווען.

זי, נאָך אינגאַנצן דערהיצט: „מען מוז זוכן איבערלויפערס אין לאַגער פון שונא. אויב מען קוקט אונדז טאַקע נאָך"... נאָר

איצט האָט איר אויסגעפּעלט לשון. „זעסטו אָט די צוויי דאָרט — זיי קוקן אַלע מאָל אַהער — שוין נעכטן האָב איך עס באַמערקט“.

אַ דאַר פּאָרפּאָלק, פּראַנצויזן. זיי האָבן געוווינט אין דעם צימער נעבן אונדז. איך האָב ניט געוואָלט מודה־זיין — אָבער אויך מיר איז דאָס געווען קשה, שוין זינט עטלעכע טעג, אַז אָט די צוויי פּלעגן שטענדיק אופשטיין, ווי נאָר מיר פּלעגן אַוועקגיין אין אונדזער צימער, און אַז דעמאָלט, הגם געוויינטלעך האָט מען געקאָנט הערן דורך די דינע ווענט פון האָטעל איטלעכס וואָרט, איז בײַ אונדזערע שכנים געווען טויט־שטיל. עס האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, ווי זיי וואָלטן געהאַט צוגעפּרעסט די אויערן צו דער וואַנט און צוגעהאָרכט... נאַטירלעך האָב איך זיך געהיט אַרויסצוזאָגן מײַן חשד. איך האָב סטאַשאַ אויסגעלאַכט.

זי איז אָבער געווען ווי אין פֿיבער. זי האָט שוין קיין איין מאָמענט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פֿונעם פּאָרפּאָלק. מיר האָבן געמוזט אופשטיין, אַראָפּגיין צום ברעג אָזערע. צום אומגליק, האָבן יענע זיך געלאָזט שפּאַצירן הינטער אונדז. — סטאַשאַ האָט געבראָכן די הענט. „איך האַלט דאָס ניט אויס“. זי איז געווען אַזוי ווי פֿון זינען אַראָפּ. איך האָב זי נאָך קיין מאָל אַזוי ניט געהאַט געזען.

איך האָב געמיט זיך זי צו באַרויִקן. אָבער איך האָב דאָס געשפּירט בײַטער אַפֿן צונג: צי האָט זיך דער שמועס ניט אָנגעהויבן דערפֿון, וואָס איך האָב געזוכט הילף בײַ איר? איך בין אַזוי געווען גערן צו הערן טרייסט־ווערטער. אָבער גיך האָט זיך די גאַנצע סיטואַציע אומגעדרייט, אַזוי ווי מיט אַ כּיוון: איך האָב געמוזט טרייסטן, העלפֿן. צום ערשטן מאָל איז מיר אופגעקומען דער געדאַנק, אַז סטאַשאַ איז בעצם אומדאַנקבאַר. וואָס האָב איך ניט פֿאַר איר געטאָן! אַוועקגעוואָרפֿן מײַן אַרבעט, מײַן היים. אמת, איך האָב עס געטאָן גערן, איך האָב זיך בעצם באַפֿרײַט פֿון אַן עול. אָבער עס בלײַבט דאָך אַ פֿאַקט, אַז איך האָב איר געהאָלפֿן אין דער ערגסטער נויט... איך האָב אַף זיך אָנגעשריִען:

ווען עס זאָל קומען אַזוי ווייט, אַז איינער דעם אַנדערן זאָל צושטעלן אַ חשבון —

אין געוויסן זין איז דאָס געווען אַ דערלייכטערונג, וואָס סטאַשאַ האָט געקלערט גאָר אַנדערש: „נאָר דו האָסט אָנגערייצט אַף אונדז די גאַנצע טשאַטע — מיט דיין בריוו־שרייבערייַ. מיר וואָלטן געקאָנט בלייבן באַהאַלטן אינגאַנצן״.

אומזיסט האָב איך געטענעט, אַז אונדזער חשד האָט דערווייל קיין שום גרונט ניט.

איך האָב געקאָנט ריידן און טענען, וויפיל איך וויל. אָבער אין גרונט האָב איך געפילט, אַז זי איז גערעכט — אפילו אָן אַ באַווייז. געוויס בין איך ניט געווען שולדיק, אַז די „טשאַטע״ יאָגט אונדז נאָך, אַפילו אויב דאָס זאָל זיין אמת, אַז מען שפּיאָנירט נאָך אונדז. אָבער ניט דאָס איז געווען דער עיקר. און ניט דאָס האָט סטאשא געוואָלט זאָגן. זי האָט מיר אופגעוואָרפן אַ חטא, וואָס איך האָב זיך שוין לאַנג געהאַט מודה געווען אין אים. די פרייע קויל פון אונדזער ליבע, וואָס האָט געשוועבט אין חלל פון דער וועלט, האָב איך געוואָלט ערגעץ־ווו צובינדן צו דער ערד. סטאַשאַ ווידער האט געוואָלט, די ליבע זאָל אייביק בלייבן ניט געבונדן. יעדער פּרוּוו מיינער צו פאַרבינדן זיך מיט מיין פאַמיליע, אַ שטייגער, האָט זי געשפּירט ווי א באַליידיקונג פאַר זיך. — דאָס האָב איך ביי מיר געקלערט, בעת איך האָב געשפּאַנט אין טונקעלן פּארק נעבן דער אופגערעקטער פרוי און האָב זי געזוכט איינצונעמען מיט קלוגע רייד. מיין ברוגז איז געווען אָפּגעגאַנגען. יאָ, עס איז שוין געווען ריכטיק, דאָס איז געווען דער נאַטירלעכער צושטאַנד, אַז איך זאָל זי טרייסטן. זי האָט טאַקע גענויטיקט זיך אין טרייסט. זי איז געווען די אומגליקלעכערע פון אונדז ביידן. זי האָט געליטן אין וואָרצל. און פון דאַנען אַ נייער געדאַנק: פאַר וואָס טאַקע ניט נאָכמאַכן איר דרייסטן פלי — איבעררייסן די לעצטע פעדים — אינגאַנצן ווייט פון אַלץ, וואָס איז געווען, אָנהייבן אַ ניי לעבן, אָן ידיעות אַהין און צוריק, זיין נאָר איך און דו, דאָ אָדער ערגעץ אַנדערש — אויב מען זאָל נאָר אינטענסיוו טראַכטן ביזן סוף, ווערט זיך שוין

אַ פּראַקטישע מיגלעכקייט געפינען. אין דעם צוזאַמענהאַנג האָט אויך מיין באַשיידענער מאָל־טאַלאַנט אַף אַ ווײַלינקע געקראָגן אַ שטיקל באַטרעף...

„מיין פרייהייט וועל איך פאַרטיידיקן ביז לעצט”, האָט סטאַשאַ געררופן פון ברעג אָזערע צו די בערג אַרויף.

זי האָט פאַרלאַנגט, איך זאָל קויפן אַ רעוואָלווער. אומזיסט האָב איך איר אויסגעטייטשט, אַז אין איטאַליען איז דאָס פאַרבאָטן שטרייננגער, ווי ערגעץ אַנדערש. אויך יענעם רעוואָלווער, וואָס איך האָב צוגענומען בײַם דאָקטאָר אין דעם פּאָפּוגאַי־באַר, האָב איך געמוזט אַפּן איטאַליענישן גרענעץ אָפּגעבן. אָבער סטאַשאַ האָט זיך ניט געלאָזט איבערריידן: „איך וועל מיר שוין אָנשאַפן אַזאַ זאַך, אויך אָן דיר”.

איך קום פון פּאָרטיע, איך האָב בײַ אים געפרעגט וועגן אַ לוסטרייזע אין דער געגנט. עס איז וויכטיק צו ווײַלן סטאַשאַ.

„האָסטו ווידער געשריבן אַהיים?” איז זי מיך מקבל פּנים אַף דער טעראַסע.

„ניין”, זאָג איך. דאָס מאָל האָב איך טאַקע ניט געשריבן. וואָס איך זאָג, איז דאָך אמת. און פּאָרט ווערט בײַ איר תּיכף אַ שלעכטע שטימונג. מען קריגט זיך ניט — דאָס איז וווּלגאַר. זי איז נאָר אין אַ געדריקטער שטימונג, מרה־שחורהדיק. שווײַגט. וואָס קאָן מען זאָגן דערגעגן? זי איז שוין ניט גליקלעך מיט מיר, און דאָס איז שלעכט, דאָס איז דאָס ערגסטע, וואָס האָט געקאָנט געשען, ווײַל פון איר גליק איז געווען אָפּגעהאַנגען פאַר מיר ניט נאָר מיין פרייד, נייערט אויך די רו פון מיין געוויסן: סטאַשאַ איז צופרידן (אַזוי האָב איך מיר אָפּט געזאָגט), מוז אַלצדינג זיין בשורה, פון אויבן איז דאָס פאַרשריבן און געחתמעט. — איצט אָבער איז סטאַשאַ ברוגז, ברוגז, ווײַל זי ליידט — און דאָס איז אַ מוראַדיקע לאַך, וואָס איך קאָן שוין ניט פאַרשטאָפּן...

„ביסט ברוגז אַף מיר?”

„ניין, גאָרניט”.

איך לייג פאָר צו גיין אין דער באָד־אַנשטאַלט. זי האָט ניט קיין חשק. איך פרוו ריידן וועגן דער לוסטרייזע. זי

לאַנגווייליקט זיך באַשיימפּערלעך. סימבאָ קומט אַריין אין זאַל, זי שטייט אויף און רעדט מיט אים. זיי בלעטערן צוזאַמען אין די נאָטן; איצט האָבן זיי, משמעות, געפונען דעם מאַנגאָ, וואָס זיי האָבן געזוכט. ביידע זינגען פאַר זיך די מעלאָדיע און לאַכן איבער עפּעס אַן אָרט אין טעקסט.

עס איז טאַקע צופיל אַבסורד: וויל זי מיך אייפערזיכטיק מאַכן מיט אים? — אָבער אינגאַנצן אַוועקמאַכן מיט דער האַנט טאָר מען אויך ניט דעם געדאַנק, נאָך אַלעמען, וואָס איך זע. „וואָס האָסטו צו שאַפן מיט אָט דעם מענטשן?” פרעג איך ביי געלעגנהייט.

„טאָר איך ניט ריידן מיט עמיצן — דו שרייבסט צו טויזנט מענטשן, און איך זאָל זיין נאָר פאַר דיר אַליין?”

אומזיסט טייטש איך איר אויס, אַז איך האָב געשריבן נאָר איין מאָל צו ליזערל. איך רייד מיט אַזאַ היץ, אַז איך גלויב כמעט אַליין דערין און מעק אויס פון זכרון די איבעריקע בריוו (נעכטן האָב איך אָפּגעשיקט דעם פינפטן). דערנאָך באַקלער איך זיך: געכאַפּט האָט זי מיך ניט. אָבער מאָדנע איז דאָס, וואָס זי האַלט זיך מיט מיר אַזוי ווי זי וואָלט מיך געהאַט געכאַפּט. איך שלאָג זיך מיט דער דעה, וואָס זאָל איך דאָ טאָן. איך אָטעם שווער. אַפן גאַס איז פאַרבייגעפאָרן אַף אַ וועלאָסיפּעד דער שיקאינגל פון האָטעל אין זיין רויטער ליווריי. מיר האָבן ביידע אַרויסגעקוקט דורך דער גלעזערנער וואַנט פון דער טעראַסע.

„נו?” זי האָט אויפגעהויבן איר פנים. קענטיק, זי האָט אים גענומען ווי אַ זיכערן באַווייז.

„נו?” האָב איך צוריק געפרעגט, שוין אַביסל אין כעס.

„ער פאָרט מיט דיין בריוו צו דער פּאָסט”.

„אויב דו ווייסט דאָס באַשטימט” — איך בין אַראָפּגעלאָפן די טרעפּ פון דער טעראַסע אין פּאַרק אַראָפּ, נאָכן אינגל. איך האָב אים אָבער ניט אָנגעיאָגט. סטאַשאַ איז מיר נאָכגעלאָפן. מיין האַרץ האָט געשפרונגען. סטאַשאַ האָט געלייגט איר האַנט אונטער מיין העמד, באַרויקט, אָפּגעווישט די טראָפּנס שווייס פון שטערן. איך זאָל איר מוחל זיין, האָט זי געקלאָגט, זי איז דאָך אַ נול, אַ

גאַרנישט, איך זאָל איר אַפּן אַרט שמייסן, איך זאָל איר דאָס צווייטע מאָל געבן אין באַק, ווען זי וועט זיך אַזוי שלעכט אויפֿ־פֿירן... „ווער ווייס“, האָב איך צו איר געזאָגט, „דיין מעטאדע: חושד צו זיין אַף יעדן פּאַל — איז אפשר די גלייכסטע אין אונדזער שלעכטער וועלט“.

„אָבער ניט קעגן דיר, מיין קינד“.

באַלד האָט מיך אַנגענומען אַ ברענענדיקער רחמנות אַף איר. צי האָב איך דען זי טאַקע ניט אָפּגענאַרט? און האָב איך דען געהאַט אַ רעכט זיך צו באַקלאָגן דערויף, וואָס די שטימונג בייט זיך ביי איר? ווי האַלט דאָס דען מיט מיר? אָקאָרשט אויפֿ־געבראַכט אַף איר — וואָלט איך דען איצט ניט געפאַלן אַף די קני פֿאַר איר — און ניט פֿון תאווה וועגן (הגם זי איז געווען רייצנד געניוג אין איר גרינגער העל־בלאָע זיידענער קלייד אָן אַרבל), נאָר פֿון טיפֿער אַכטונג צו איר נשמה. האַרץ העכער פֿון אַלץ, ליבע צווערשט, ליבע אַליין — דאָס איז דאָך גענוי דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט, וואָס איך האָב אַליין געשפּירט — ווי אַזוי האָב איך געקאָנט זיין אין כּעס אַף איר, וואָס זי האָט מיט איר גאַנצן זיין אויסגעדריקט דאָס זעלביקע ווי איך (נאָר נאָך אַנטשלאָסענער), וואָס מיר ביידע, וואָס מיר האָבן געפֿונען איינס דאָס אַנדערע, ווי דורך אַ וווּנדער, האָבן אַזוי גוט געפּאַסט צו אַנאַנד?!“

זי איז געווען צערטלעך, ווי קיינמאָל ניט. זי האָט מיט אַן אמת חרטה געהאַט. זי איז געווען געבראָכענער, ווי איך האָב דאָס געקאָנט דערלאָזן. האָט מיך פֿאַרשעמט. איינע פֿון אירע דערקלערונגען, וואָס וואָלט אַליין געווען גענוג: „וואָלסטו זיך באַ־קענט מיט מיר פֿריער, איידער איך האָב געהאַט אַזוי פֿיל אויס־צושטיין, וואָלסטו פֿון מיר אַזוי פֿיל ניט געליטן. פֿריער בין איך געווען אַנדערש, האָב אַלעמען געגלויבט. איצט בין איך אַלעמען חושד. מיין פֿאָטער האָט מיר געגעבן אַ גרונט דערצו, דערנאָך מיין מאַן, צולעצט דאָקטאָר קאַרקאָס. אַלע האָבן זיי מיך גע־נאַרט. איצט איז שוין צו שפּעט. אַז דו ביסט געקומען, בין איך

געווען שוין אינגאנצן צעבראכן, דו קענסט מיך שוין ניט ראַ־טעווען".

„אָבער איך האָב דיך דאָך געראַטעוועט".

„יאָ", האָט זי געזאָגט מיט אַ דאַנקבאַר־זיסן בליק, „אָבער איצט ראַטעווע מיך אויך נאָך פון מיר אַליין — פון דעם וואָס עס שטורעמט דאָ (זי האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין ברוסט) און וואָס איז צעריסן אַף שטיקלעך און קאָן זיך מער ניט באַרואיקן".

„געליבטע!"

מען איז געקומען צום אויספיר, אַז עס זיינען פאַראַן צוויי סטאַ־שאַס — איינע אַ גאַנץ ווילע, אַ פאַרשטאַנדיקע, אַ גוטע, און איינע, וואָס מען קאָן מיט איר ניט אויסקומען, וואָס האָט געביסן מיט די ציין.

„אָבער וואָסערע איז די ריכטיקע סטאַשאַ?"

„אָט די דאָ — אָט די דאָ", האָט זי זיך געלאַשטשעט צו מיין ברוסט, צוגעמאַכט קינדיש די אויגן. שטיל אַרום אונדז. הייַן פון מיטן טאָג. און סטאַשאַ, ווי אַ קליין מיידעלע, צוגעשפּאַרט איר קאָפּ אין מיין שויס.

זי האָט אַרויסגענומען אַ קליינע פאָטאָגראַפיע פון איר האַנט־טעשל (כמעט אַלע טאָג פלעגן מיר איינס דאָס אַנדערע פאָטאָגראַפירן אַף אַן אַנדער פּאָן). זי האָט אָנגעשריבן אַף דער צווייטער זייט: „איך וויל דיר אַלע מאָל אָנטאָן נאָר פריידן". האָט געפינטלט מיט די אויגן און האָט מיך אָנגעקוקט דערביי מיט אַ שמייכלדיקער מינע פון אַ שול־מיידל.

ווידער האָט זיך דער שמועס געפּלאָנטערט. „דו שרייבסט צו די דיינִיקע, איך אָבער שרייב ניט צו מיין שוועסטער אין שטאָקהאָלם", האָט סטאַשאַ געזיפצעט. „זאָלסטו דאָס טאָקע טאָן", האָב איך געזאָגט. איצטער איז זי געווען שטאָלץ דערמיט, וואָס זי האָט דעם לאַנג־צוגעזאָגטן בריוו נאָך ניט אָנגעשריבן. „לאָגיק, סטאַשאַ!" האָב איך געגומען איינטענען, אויפגעהויבן איר קאָפּ, ווי איך וואָלט זיך אויפוועקן. „דאָס וואָלט דאָך געגעבן אונדז אַ געפיל פון זיכערקייט, ווען מיר וואָלטן געוווּסט, אַז מען זוכט אונדז

אין שטאָקהאָלם, און ניט דאָ. איז דען ניט אַזוי? דו ביסט ברוגז, ווייל איך שרייב, און איך, ווייל דו האָסט לאַנג ניט געשריבן. קאָן איך דען ביי דיר ניט פועלן די קלייניקייט? איך בעט דיר איצט טו דאָס מיר צו=ליב".

„אָבער געוויס. איך וועל דאָס טאָן, ליבלינג," האָט זי געשעפּטשעט, כמעט איינשלאָפנדיק.

שפּעטער האָט זי געוואָלט מאַכן זיך א יום=טוב לכבוד אונדזער איבערבעטן זיך. אבער מיר האָבן דאָך סיי ווי געלעבט, ווי אום יום=טוב! פאַרשטייט זיך, דער „קליינער שפּאָרער" איז ווידער וואַך, באַלד איז זי שוין געווען אויפגערייצט. דאָס געלט איז געפלויגן ווי דורכן פענצטער ארויס. א נייע אָוונט=קלייד — זי האָט בכלל גאָרנישט אָנצוטאָן. און די שענסטע בלומען אפן טיש. און דער ארקעסטער מוז שפּילן טאָסקאַ און אַלץ, וואָס זי האָט ליב. דערנאָך האָט זי געטאַנצט מיט סימבאָ, הגם זי האָט מיר געהאַט צוגעזאָגט דאָס ניט צו טאָן. דאָס פראַנצויזישע פאָרפאָלק איז געזעסן דערביי. גוט, זאָלן זיי זען, אַז מען האָט פאר זיי קיין מורא ניט, אז עס הערשט פרייד און לעבן. וואָס פארא אויערינגלעך בלישטשען דאָס איבער סטאַשאַס ראָזע באַקן, וואָס פארא רינגען מיט פערל און סמאַראַגדן, בראַסלעטן, וואס איך האָב קיינמאָל ניט געזען. איצטער ערשט האָב איך באַמערקט, אַז מיר באַטייליקן זיך אין אַ מין יום=טוב. עס האט אויסגעוויזן, ווי מען וואָלט פייערן דעם אנהייב פונם האַרבסט=סעזאָן, מען האָט ווידער געזען נייע געסט אין האָטעל. צווישן זיי זיינען געווען פיר הערן, וואס האָבן זיך געהאַלטן אינאיינעם, אפשר פאַרבייגייער, אפשר בעלי=בתים פון שכנישע ווילעס, משמעות, איטאַליענער. איינער נאָכן אנדערן האָבן זיי איינגעלאַדן סטאַשאַ צום טאַנץ. גראָד האב איך איר געוואלט זאגן: ווייל זי ניט טאנצן מיט מיר, זאל זי כאטש ניט טאנצן מיט סימבאָ — איטלעכער אנדערער פון דער געזעלשאַפט וואָלט מיר געווען ליבער. איצט, אז די פיר אָליווגרינע פנימער האָבן זיך אריינגעמישט, האָב איך שוין געוואָלט רופן: „גלייכער טאנצן מיט סימבאָ". איך האָב געפילט, ווי דאָס בלוט האט מיר גערוישט אין קאָפּ. א סצענע איז געווען אומאויס=

מיידלעך, אן אפענער סקאנדאל. אבער סטאשא האט צו מיר געלאכט פריילעך. האב איך געדארפט איר שטערן די פרייד? געפייניקט, האב איך ביי איר געפרעגט, אז זי האט זיך צוגעזעצט נעבן מיר: „וואָס איז דאָס פאר א פערל?" „מיין צירונג איז דאס! וואס ווילסטו?" „איך מיין, דו האָסט עס פארזעצט?" „איך האָב עס אויסגעקויפט". עס האט זיך ארויסגעוויזן, ווי אזוי זי האָט דאס געטאָן: זי האָט געמאכט צו געלט דאס לעצטע האַלדזבענדל, וואָס זי האָט נאך פארמאגט, און דערפאר געפועלט ביים פּאָרטיע, וואס האט אויך דורכגעפירט דעם מסחר, ער זאל איר דערלויבן אנצוטאָן די גאנצע צירונג דעם איין אָוונט. „לחיים", האָט איר גלאז שאַמפּאַניער געקלונגען אן מיינעם: „איך פייער מיין אָפּשייד פון רוסלאַנד!"

זי איז געווען פריילעך איבער אלע מאָסן. אפשר שוין א ביסל שיכור. אָבער דאָס איז ניט געווען די מונטערע היימלעכע סטאַשאַ, וואס איך האָב ליב געהאַט. זי האָט געהאַט דורכגעבראכן איר מרה־שחורה, אָבער זי איז ארייַנגעשפרונגען אין דעם היפּוך, קיין גלייכוואג איז ניט געווען.

„אָבער דער מענטש באַרייסט דיך דאָך, ער רויבט דיך אויס".

איר בלוט־מויל האט זיך געהויבן ווי אין פאראכטונג —

„דיין גאנצן פארמעגן האט ער ביי דיר צוגענומען — איז דאָס מעגלעך?" האב איך ווייטער געטענעט.

„דערפאר האב איך היינט באצאלט די גאנצע רעכענונג פאר א פּערטליאָרי".

„ניט דורכגעקוקט?"

זי האט מיר גאר ניט פארשטאנען. פאר אזעלכע זאכן האָט זי קיין השגה ניט געהאט. — זי איז נאר אויסן געווען צו איבערראַשן. אז מיר קאָן דאס זיין ניט אנגענעם צו לעבן אף איר חשבון, איז איר גאָרניט אייַנגעפאַלן. די ברייטקייט, דאס אויסערגעוויינלעכע, דאס איז געווען איר חיות. „אָבער מאַך דאָך ניט קיין ברוגזן פּנים". איז זי מיר געפאַלן אפן האַלדז פאר אלעמען אין די אויגן (געוויס, זי איז ניט געווען אינגאנצן ניכטער). „איצט גע־

העער איך אינגאנצן צו דיר. איצט האָבן מיר גארנישט. איצט מוזטו פאר מיר זאָרגן. טו מיט מיר, וואס דו ווילסט, איך בין פריי! — דאס געלט, וואס זי האט פארמאגט, איז איר געווען א משא. ערשט איצט האט זי זיך געשפירט פריי. — „האסטו מורא, ליבלינג? האב ניט קיין מורא, ליבלינג. עס וועט שוין גיין. נאָר ניט קיין מורא".

איך האָב קיין וואָרט ניט גערעדט דערגעגן. פונדעסטוועגן איז זי אופגעשפרונגען מיט בעס: „עס וועט גיין!"

אַזוי ווי איך האב ניט געוואָלט צוזען, ווי זי טאנצט מיט די פרעמדע, בין איך אוועק אף א ווײַלינקע אין דעם פאָרזאַל פון האָטעל. איך האב געוואלט שמועסן מיטן פאָרטיע. — עס איז מיר געווען קלאָר: סטאשא איז ניט קיין אויסבריינגערין. זי האט פריער גוט פארשטאנען צו שפארן, צו האַלטן פעסט אונדזער געלט. וואס זי האט איצט געטאן, איז געקומען פון דער זעלביקער וונד, ווי איר גאנצע פיין. אונדזער ליבע איז געווען קראַנק. זי האט מער ניט געגלויבט, אז איך האָב זי ליב אומבאַגרענעצט. זי גופא האט זיך אָפגעגעבן אינגאנצן. זי האט געהאט דעם פארלאנג, צו באווייזן מיר דאָס, צו לערנען, ווי איך זאָל דאס טאן. דאס אוועקגעבן דאס געלט — האט באטייט נישט אַנדערש ווי אוועקגעבן אלץ, וואס איז ניט ליבע... איך פייער מיין אפשייד פון רוסלאַנד — וואָסער פארשיכורטקייט פון געפיל אין אירע ווילדע אויגן! און איר בעס דערוף, וואס איך רוף צו קליגשאפט, באזינעקייט, האָט ניט געהייסן: אין דעם און אין דעם טוסטו מיר ווי, — עס האט באטייט נאר איינס: איך ליב דיך אנדערש, שטארקער, ווי דו מיך, ביז צום טויט — אין פרטים ביסטו מסתמא גערעכט, אינגאַנצן אָבער באפרידיקסטו מיך ניט.

וואלט איך איר געקאָנט זאגן: מיינע באַציאונגען צו מיין פאמיליע זיינען אָפגעריסן, איטלעכער געדאנק וועגן אומקערן זיך אויסגעמעקט — אַך, ווי וואָלט זי אין איין כהרף עין געווארן ווידער די שטילע, קלוגע און ליב=זאנפטע סטאשא. מיר וואלטן דעמאלט געוויצלט זיך איבער אונדזער אומשולדיקער אויסבריינגעריי און מיר וואלטן באלד אונדזערע באדערפעניש איינגעצאמט. איצט אבער האט

אליץ געשטרעבט צום אָנמאָסיקן, צו משוגעת, אין דער נאַכט אריין...

צי האט ניט איר מאַן געהאַט א גרונט זי צו פארשפארן— איז מיר איין רגע איינגעפאלן. — דעמאָלט פאָרנדיק פון ארקאָ האָב איך דאס געזאָגט אף קאַטאָוועס. צום ערשטן מאל האב איך וועגן דעם א טראכט געטאן ערנסט. — אבער דעמאלט האט דאך ליבע אָן גרענעץ באדארפט זיין... משוגעת? האב איך א קלער געטאָן און האב זיך דערשראקן. אט דאָס איז „דער דריטער געפיל". ניט פיינטשאפט איז עס און ניט יצר הרע...

אונזער פאָרטיע — דאס איז א מענטש, וואס מען קאן זיך אנהאלטן פאר אים אין אלע ספקות פון לעבן. אלצדינג, וואס די געסט פארלאנגען, איז ער גרייט צו טאָן. און דערביי די רו אַליין. וואלט איך אים וואס איצט געזאגט, וואלט איך געוויס מוסיף זיין: „איך באוואונדער אייך" — ער וואלט מיך ניט פאר־שטיין. עס האט מיך אנגעכאפט א חשק דאס צו פרוון. איך האב אפגעווארט, ביז אלע געסט זיינען אַוועק, האב א ווײַלע אים באטראכט, ווי ער קוקט מיד אפן לעמפל, בין צוגעגאנגען צו זיין קאנטארקע און האב געזאָגט הויך אפן קול:

„הער פאָרטיע, איך באוואונדער אייך".

אים איז דאָס געווען באשיימפערלעך ניט אָנגענעם. ניין, ניט דאס וויל ער. — „וואס פארלאנגט איר?"

האב איך געוואלט וויסן, וואס איז מיט סטאשאס צירונג, ווי האלטן די חשבנות.

נאטירלעך איז אליץ געווען ריכטיק. ער האט מיט דער גרעסטער גרייטקייט מיר אופגעוויזן אלע פרטים. און מיין געלט־פקדון, וואס איז געווען באשטימט אף צו צאלן די וואכן־רעכע־נונגען? דערפון האָט ער נישט געוווסט, אבער ער איז באלד אַריבער אין קאנטאר. יאָ ס'איז ריכטיק. דער פקדון איז גאנץ.

ניין, אין אט דעם פירנעמען האטעל וואס דאגעט נאר פארן וויל־זיין פון זיינע געסט, קאן קיין שלעכטס ניט פאסירן. ניטאָ וואס מורא צו האָבן. — ווידער האב איך אנגעקוקט דעם פאָרטיע פון דער נאענט, כמעט פארליבט. א בלאסער פנים, נאָר

די נאז־פליגלען געריטלט. דער מענש האט געהאט קאטער. עס איז אבער ניט געווען קיין פשוטער קאטער. עס האט געמאכט דעם איינדרוק ווי מען וואלט האבן אט דעם קאטער איבערגע־לאזט פאר עמיצן פון די געסט, און דער פארטיע האט אים איבערגענומען און באהאלטן פאר זיך, כדי דעם גאסט זאל זיין באקוועמער. ווי ווייט, ווי זאכלעך האט דאס אויסגעוויזן מיר, דעם אָרעמען, אופגערודערטן מענטשן — איך וואלט דעם פאָרטיע גערן א קוש געטאן...

איך בין אוועק צוריק צום טאנץ־פלאץ אין פארק. מיין אופ־רעקונג, איינגעהאלטן אף א פערטל שעה, האט זיך מיט נייער קראפט א גאָס געטאן מיר דורך די אדערן. — סטאשא איז גע־זעסן ביים טיש, האָט מיך אנגעקוקט מיט א פראַגע. „גאָרנישט, גארנישט“, האב איך געזאגט און געבעטן ביי איר דעם טאנגאָ. מיר זיינען געגאנגען פאוואליע, געוויגט זיך. איך האב זיך אראפגעבויגן איבער איר, געדריקט זי נעענטער צו זיך, געפילט דעם הייסן קערפער, וואָס איך האב געליבט. מיין — און דאך ניט מער מיין, ניט מער אינגאנצן אייניק מיט מיר! אָט די ליבע האלטן פעסט, אף שטענדיק — די גאנצע אנשטריינגונג פון קאמף האב איך אין מיר געשפירט, אבער אויך גאר דעם ווערט פון זיג. אין אָט דעם דרייען און זינגען זיינען געווען אייניקע מאמענטן — אפשר די לעצטע — ווען איך האב געגאָסן די גאנצע פולקייט פון אונדזער גליק. א קליינע פויזע. די לעצטע קלאנגען פון דער מוזיק. דערנאך שטילקייט. מיר האבן זיך אנידערגעזעצט. נעבן מיר איז געשטאנען דער פאָרטיע, מיטן היטל אין האנט. „אקארשט אָנגעקומען אן עקספרעס־בריוו“.

„דו קאָרעספאָנדירסט דאך, הייסט דאס?“ — האט סטאשא ארויסגעפלאצט.

איך האָב עס דאָך ניט געהאט געלייקנט. איך האב אָבער גאָר ניט געהאט צייט צו ענטפערן. איך האב דערקענט די האנט. ליזערל. וואכן לאנג האב איך געווארט! פאר אופרעקונג האב איך גאר ניט געקאנט עפענען דעם בריוו, האָב אים איבער־

געריסן אין מיטן, דערנאָך אוועקגעלייגט די שטיקער נעבן אַנאַנד אפן טיש. סטאשא האט זיך אפגעקערט.

ביי די ערשטע ווערטער האָב איך גענומען ציטערן. וואס איך האב געלייענט, איז טאקע געווען נשתומם צו ווערן. אומזיסט האב איך זיך געפּייניקט די גאנצע צייט. דער פאמיליע, דער פאבריק איז געגאנגען גוט. קיין שום איראָניע, דאסמאל האָט דער ברודער געשריבן אין ציפערן. אויך די מוטער איז געווען געזונט. די פאבריק איז געווען אופגעריכט. ליזערל האט נאר צוגעשריבן א פּאָר ווערטער. אבער דערביי איז געלעגן נאָך עפּעס, א באקאנטע האנט! דאס איז געווען פון אנעשקא. אנעשקא האט געשריבן צו ליזערל, אויספירלעך. וואס ווייטער איך האב געלייענט, אלץ גרעסער איר געווארן מיין פארוואונדערונג. אַגנעס האט אפילו ניט געקלערט וועגן נעמען זיך דאס לעבן. די געשעניש אין בערלין האָט איר אסך געגעבן צו לערנען, האט זי געשריבן (פון אלצדינג האָט זי אפגעלערנט). „איך בין געווען ווי אין אַ חלום”, איז געשטאַנען ווייטער. „איך האָב געמיינט, אַז איך ליב, און האָב דאָך ניט געליבט גענוג, בכדי צו וועלן אַריינדרינגען אין דער אמתער לאַגע פון אייער ברודער. דערפאַר האָב איך זיך דאָך קודם כל געדאַרפט אינטערעסירן! איך זע איצט איין מיין שולד — וועט ער מיר קענען וועגן מוחל זיין?” — מיט איין וואָרט, זי, וואָס איך האָב אַזוי אָפגענאַרט — זי מאַכט נאָך זיך פאָרווורפן. סוף כל סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בײדע פאַבריקן, איר פאָטערס און אונדזערע, געניטיקן זיך איינע אין דער אַנדערער, און זי האָט אפילו ניט געוווסט, אַז איך האָב אַ פאַבריק. זי מיינט אז איך בין אַנטלאָפן דערפאר, ווייל איך האָב מורא געהאַט חתונה צו האָבן צוליב געשעפט. איר קומט דאָס, וואָס איך האָב מיט איר געריסן, ווייל זי האָט צו ווינציק זיך אינטערעסירט מיט מיין לעבן. איצטער אָבער האָט זי געהאַלטן פאַר איר חוב נאָכצופארשן די זאַך ביזן גרונט. — בקיצור, אַגנעס איז אַוועקגעפאָרן צו מיין פאַמיליע, האָט זיך באוויזן פאַר מיין ברודער מיט אַן אמת ווי אַ „מלאך”, האָט אָנגעקניפּט אונטערהאַנדלונגען מיט איר פאָטער. און האט סוף כל סוף געפועלט,

אַז בײדע פֿאַבריקן האָבן זיך פֿאַראײניקט. איצט איז „ראָקענהױז טוך״ װידער געזונט און אַרבעט. „עס איז דער חוב פֿון אַ מענטשן צו העלפֿן זײן חבֿר״, אַזױ האָט דער ברױו זיך געענדיקט, „אָבער איך בין צופֿרידן, װאָס אױף אַזאַ אופֿן האָט געזיגט אמת און פֿאַרשטאַנד״.

איך האָב פֿרײ אָפּגעעטעמט, בעת איך האָב דעם ברױו אַװעקגעלײגט.

דערדאָזיקער ברױו — אַזױ האָט אױסגעזען גאָר מײן פּלאָנטער און לײדנשאַפֿט, מײן פּײן־פֿאַנטאַזיע און גיהנום־שרעק אין שפּיגל פֿון אַ פּשוטער, לײטישער גלאַטער נשמה! יאָ, געװיס, מען האָט די אַלע זאַכן געקאָנט זען אַזױ, װי אַנעשקאַ האָט זײ געזען, פֿאַרװאָס ניט? עס איז אָבער געװען קלאָר, אַז אַנגעם האָט געקאָנט זען נאָר דאָס, װאָס עס טוט זיך פֿון אױבן — די טיפֿע אָפּגרונטן האָט זי פֿאַרזען. איר האָט געפֿעלט דער זין סײ פֿאַר דאָס העכסטע און סײ פֿאַר דאָס נידעריקסטע. נאָר אין דער מיטלסטער מדרגה האָט זי געקאָנט זען.

האָט דאָס געקאָנט שטערן מײן דאַנק־געפֿיל? פֿאַרקערט. איך בין געװען גליקלעך. סטאַשאַ זאָל לײענען דעם ברױו — איך האָב זי געבעטן.

זי האָט געלײענט, האָט מיך שטום אָנגעקוקט.

„יאָ, פֿאַרשטײסטו דען ניט, װאָס דאָס באַטײט? האָב איך געקװאָלן פֿון שמחה. „איצטער איז דאָך געענדיקט אַלץ, װאָס אונדז פֿאַרשאַפֿט זאָרג. איך קלער איצט אפֿילו ניט צו פֿאָרן אַהײם. „ראָקענהױז טוך״ װעט זיך באַגײן אָן מיר. און איך מעג איצט, אָן זײטיקע געדאַנקען, בלײַבן נאָר מיט דיר״.

אין דעם מאָמענט האָב איך טאַקע געהאַלטן די גאַנצע זאַך פֿאַר אױפֿגעקלערט און געענדיקט. נשתומם צו װערן, װי סטאַשאַ, פֿאַרקערט, האָט באַלד אין ערשטן מאָמענט געכאַפּט דעם קראַנקן פּונקט. „און דאָס זאָל מיך באַרואיקן? איצט װען איך װער געװאָר, אַז דו האָסט אַ כּלה, אַ געליבטע?״

„איך האָב ניט קיין שום כּלה. איך בין דאָך אין דעם מאָמענט, ווי איך האָב זיך מיט דיר באַקענט, אַוועקגעפאָרן מיט דיר. קאָן מען דען מער טאָן, סטאַשאַ?‘

„אָבער פאַרוואָס האָסטו מיר קיינמאָל פון איר ניט דערציילט?“

„ווייל דאָס האָט מיר אויסגעוויזן ניט וויכטיק“. — נאָך בעת איך האָב דאָס אַרויסגערעדט האָב איך אַ ציטער געטאָן פון שרעק. צי האָב איך זיך שוין אַזוי צוגעוווינט צו ליגנס, לכל הפּחות צו האַלבע אמתן, אַז איך האָב שוין ניט געקאָנט אַרויסזאָגן דעם פולן אמת, הגם אין אָט דעם פאַל וואָלט ער אַסך שטאַרקער געווירקט, ווי אָט די דינגע אויסרייד וועגן דעם ניט־וויכטיק־אויסוויזן, נאָר דערפאַר, ווייל עס איז געווען אמת, האָב איך דאָס מיט אַ פאַלשן אינסטינקט אין מיר דערשטיקט, אַז איך האָב עס כּמעט פאַרגעסן אין דעם מאָמענט, בעת איך האָב עס נויטיק באַדאַרפט אַרויסזאָגן? ניט אַז די מעשה מיט אַגנעס איז ניט געווען וויכטיק, נאָר אַז איך האָב עס מיטן ערלעכן קלאָרן באַוווסט געהאַלטן פאַר אָפּגעעקט; — דאָס איז דאָך געווען דער גאַנצער אמת! — על פּי טעות ניט זאָגן דעם אמת, הגם ער האָט געקאָנט העלפן — דאָס איז געווען דער שפּיץ פון ליגנערישקייט. און דאָך האָב איך געהאַט אַ ריינעם געוויסן אַנטקעגן סטאַשאַ, קיין סימן פון ליבע האָב איך ניט געפילט צו אָט דער מיידל, וואָס איך האָב איצט אָנגערופן (מיט גראָבקייט) „דומע גאַנדז“. אָבער דאָס האָט ווידער ניט געפּאַסט צו דער פרייד איבערן בריוו. „ליגן, ליגן!“ איז סטאַשאַ אויף מיר אָנגעפאַלן. „דו נאַרסט מיך. איך האָב דאָס אַלע מאָל געוווּסט“.

איינער פון די אָליווגרינע איז צוגעקומען. סטאַשאַ איז אים אַנטקעגן געפלויגן. האָט זיך געלאָזט טאַנצן. עס איז שוין ניט געווען קיין קאַטאָוועס, קיין שפּיל אין אייפערזוכט. זי האָט מיר געוואָלט ווייזן, אַז זי איז מיט מיר פאַרטיק. — דערנאָך האָט זי געטאַנצט מיט סימבאָ.

איך האָב דאָס מער ניט אויסגעהאַלטן. „קום איצט!“ האָב איך אויף איר אָנגעשריען.

זי האָט געפּאָלגט, צו מיין גרויס וווּנדער. אין אונדזער צימער זיינען די פענצטער אָפן.

סטאַשאַ האָט געציטערט מיטן גאַנצן גוף. „דו לייקנסט נאָך! דו האָסט דאָך געוואָלט דעם בריוו צערייסן. איך האָב דאָס גוט געזען. ס'איז געווען דיין ערשטער אימפּולס. נאָר ווייל איך בין געווען צו־פעליק דערביי, האָסטו אים ניט געוואָלט לאָזן פאַרשווינדן, ווי אַלע די מיליאָנען ליבע בריוו, וואָס דיין אַגנעס שיקט דיר נאָך מעגלעך! בכלל דערדאַזיקער פּאַרטיע! שטענדיק ווערסטו ביי אים פּאַרפּאַלן. אונטער דער באמת נאַרישער אויסרייד, אַז דו באַ־וווּנדערסט אים. ווי קאָנסטו מיך האַלטן פאַר אַזוי דום! — גיי אַוועק! רייר מיך ניט אָן! איך האָב דיך פיינט".

„איך וויל דיר דערקלערן“ —

„דערקלערן קאָן מען אַלצדינג“.

„איצט וואָלט איך נאָר וועלן וויסן: איז דאָס, וואָס איך האָב ביי־טאָג געזען אָף דער באַנק, די אמתע סטאַשאַ, אָדער איז די אמתע געשטאַלט פון אונדזער ליבע די וואָס איך זע איצט?“

„ניין, די איצט — איצט!“ איז געווען דער ענטפער מיטן שווערסטן ערנסט.

„און ביי־טאָג האָסטו געשריבן“ — איך האָב געזוכט איר פאָטאָגראַפיע מיט די ווערטער: „איך וויל דיר שטענדיק מאַכן פרייד“. אָבער איידער איך האָב נאָך באַוויזן אַרויסצונעמען דאָס בלעטל פון פּאָרטפעל, האָט זי עס מיר אַרויסגעכאַפּט און צע־ריסן אָף פּיצלעך.

מיר האָבן גאַרנישט גערעדט. מען האָט געהערט די דזשאַז־מוזיק — אויך געזאַנג.

„לפנים איז אַלץ קענען מיר“, האָב איך אָנגעהויבן איינגע־האַלטן. „איך האָב געהאַפט, אַז אָט דער בריוו וועט אונדז ברייננגען דערלייכטערונג. ביז אַהער זיינען מיר בײדע געווען אין אומאָנגענעמען נערוון־צושטאַנד, איך פון וועגן דער פאַבריק, דו פון מיינטוועגן. ווען מיין קלעמעניש איז פאַרביי, און איך קאָן מיך אָפּגעבן אינגאַנצן דיר, דעמאָלט איז דאָך ניטאָ קיין גרונט פאַר דער שפּאַנונג צווישן אונדז, דעמאָלט איז דאָך

אלצדינג גוט; אזוי האט מיר אויסגעוויזן. אבער איצט זעט אויס, אַז עס קאָן שוין קיין זאַך ניט ווערן גוט. קיין זאַך קאָן ניט שאַפן דערלייכטערונג — אזוי ווי מיר וואלטן געווען פארמשפּט צו אייביקער פּיין! אזוי ווי דאס וואלט געלעגן אין מהות פון דער ליבע! סטאַשאַ, וואס פאר א שרעקלעכער געדאַנק!"

אין מיינע טרערן האט א מעלאָדיע אריינגעצימבלט. וואס איז דאס? א סערענאַדע אונטער אונדזער פענצטער? — סימבא איז געשטאַנען אף דער שטיינערנער דאַמבע נעבן אויסגעטריקנטן טייכל, האט זיך געשאַקלט מיט זיין פארפאַרענעם שמייכל איבער א מאַנדאָלינע און האָט צוגעזונגען. די לבנה האט געגלאַנצט אף דער דאַמבע, אף זיינע לאַקשיך. עס איז געווען פשוט אַן עקל! — עטלעכע געסט האָבן זיך געהאט צונויפגעקליבן, קענטיק אנגעקוואלן פונם „דרום־כישוף".

„אבער דאס איז דאָך — לכל הפחות ניט געוויינלעך", האָב איך ארויסגעפּלאַצט.

„פארוואס? — סימבא האט עס מיר שוין לאנג צוגעזאָגט".

„דו האסט דאס געוואלט ?"

„ביסטו אייפערזיכטיק?"

„איך האלט דאס נאר געשמאַקלאָז".

„אָבער ער האָט דאָך געשפּילט א סערענאַדע דער פרוי פון אדמיראַל" —

„זי האט געהאַט געבורטסטאָג".

„און איך האָב דאס געוואלט אזוי!"

„אָבער פארוואס? — עס איז דאָך מיאוס. און עס פּאַסט גאר ניט, ניט פאר דיר, ניט פאר מיר. ניט פאר אונדזער שטייגער פון צוזאַמען זיין. ווילסטו דען אונדז ביידן מאַכן לעכערלעך? זאָל דאס גיין ווייטער אזוי? זאל זיך דאס איבערחזרן?"

„יא, שטענדיק און אַלע מאָל".

„אבער איך וועל דאס ניט דערלאָזן"

„טוט מיך!" האט סטאשא געשטאמלט. „אויב דו האסט

מיך פיינט — פאַרוואָס טוימסטו מיך ניט? דאָס וואָלט געווען דאָס בעסטע פאַר אונדז ביידן!"

„אָבער איך האָב דיך דאָך ניט פיינט. קיינמאָל איז אַזאַ וואָרט ניט אַריבער מיינע ליפּן. — דו, דו האָסט דאָס פריער געזאָגט. — אָבער איך גלויב דאָס דיר אויך ניט, איך האָב דאָס קיין איין סעקונדע ניט געגלויבט..."

„אַלץ איינס, צי דו גלויבסט, צי ניט — טויט מיך אָדער דערשיס אַט דעם אונטן. — טו עפּעס, כּדי עס זאָל נעמען אַ סוף צו דעם צושטאַנד — נאַ, טו עפּעס, טו עפּעס" — זי האָט אויפגעעפנט דעם שופלאַד פון איר נאַכט־טישל, דערלאַנגט מיר אַ רעוואָלווער.

„דו האָסט אים דאָך" —

„דער פּאַרטיע האָט מיר אים פאַרשאַפט".

אַלץ דער פּאַרטיע, צופיל גרייט צו דינען...

„טויט מיך — אַניט שיס איך דיך".

איך האָב אָנגעכאַפּט איר האַנט. זי האָט געצויגן צום פענצטער. — „שיס אַף סימבאַ! עפּעס מוז געשען! עס גייט אַזוי ניט ווייטער. — איך האָב אים ליב. זאָלסט דאָס וויסן זיין".

קיין ברעקל אמת איז דערין ניט געווען. אָבער עכט איז געווען די בענקשאַפט צו ווערן צו נישט. דער אָפּגרונט האָט זי געצויגן, אָט די בליענדיקע פרוי. און דאָך האָט זי געוואָלט פרייהייט און לעבן. ניט קיין סתירה: עס איז אויסגעקומען, אַזוי ווי דאָס צופיל פון איר לעבן, פון איר הייסן בלוט האָט זי געשטופּט אין טויט אַריין. און מיך האָט זי געריסן מיט זיך. שוין האָב איך געשפּירט, ווי עס ציט מיך די פיגור סימבאָס, באַלויכטן פון לבנה־שיין, צוערשט ער, דערנאָך זי, דערנאָך איך — בלוטבאָד פון אונטערגאַנג.

אַ געראַוש אין צווייטן צימער האָט מיך געשטערט. אַ שעפּטשען. האָט דאָס פּאַרפּאָלק טאַקע זיך צוגעהערט? טירן האָבן זיך געעפנט און צוגעמאַכט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען אָנגעקלאַפּט בײַ אונדזער טיר. דער פּאַרטיע — זיין קאַלטער בליק

האָט אַזוי ווי אויסגעפּרווווט די סיטואַציע, איידער ער האָט געזאָגט: „די הערשאַפטן האָבן געקלונגען?"
ער האָט זיך אַנטשולדיקט און איז אַוועק.
האָבן מיר דען אַזוי געשריען, אַז פרעמדע מענטשן האָבן זיך שוין אַריינגעמישט?
„מען האַלט אונדז פאַר משוגע", האָב איך געזאָגט נידער־געשלאָגן.
אַ נייער אויסבראָך פון כטאַשאַ: „בין איך דען טאַקע ניט משוגע? דו האָסט נאָך אַלץ דעם אַטעסט אין האַנט. וואָלסטו עס ניט געהאַלטן פאַר ריכטיק, וואָלסטו שוין לאַנג מיר געהאַט אָפּ־געגעבן, ווי דו האָסט מיר עטלעכע מאָל צוגעזאָגט".
אָט דער אומגליקלעכער אַטעסט! צוריקגעקומען פון אַרקאַ, האָב איך עס ווידער פאַרגעסן. — איצט האָב איך אים געוואָלט אַרויסנעמען: ער איז ניט געווען. איך האָב געזוכט; גערופן סטאַ־שאַ צו הילף, זי האָט געוווסט, ווו איך האָב עס געהאַט באַ־האַלטן, ניט צו געפינען! — די נאַרישע סערענאַדע האָט שוין לאַנג געהאַט אויפגעהערט. מיר זוכן. וואָס פאַר אַ נאַכט. — מיטאַמאָל איז מיר געקומען אַן איינפאַל, אַזוי אַבסורד, אַז איך האָב פאַר אים גאָר קיין פּאַסיקע ווערטער ניט געקאָנט געפינען. „די גנבה"...
„וואָסער גנבה?"
„די גנבה, ווען מען האָט גאָרנישט געגנבעט — אָבער איצט פעלט דאָך אונדז עפּעס — עפּעס זייער וויכטיקס אַפילו. ווער קאָן זיין פּאַראינטערעסירט"...
מיר האָבן ביידע צוגלייך אַרויסגערעדט דעם נאָמען — קאַר־קאָס. אָבער ווי אַזוי האָט ער געקאָנט וויסן, ווו מיר זיינען... אָדער איז טאַקע יענער פאַרשוין וואָס איז געגאַנגען מיט סימבאָ אין פּאַרק, געווען דער דעטעקטיוו לופּערצעל? אָבער ווי קומט דאָקטאָר קאַרקאָס צו לופּערצעל?
אין אָט דער שותּפישער זאָרג האָבן מיר שלום געמאַכט. מיר זיינען געווען אַזוי מיד פון קריגעריי. די גאַנצע נאַכט זיינען מיר דעמאָלט ניט געשלאָפן, האָבן גערעדט וועגן פאַרשיידענע

סכּנות, וואָס רינגלען אונדז אַרום. דער אַטעסט איז געווען פֿאַרשווּנדן, און ווער עס האָט אים, דער האָט בלי ספֿק אַ געוויסע מאַכט איבער סטאַשאַ. ער קאָן זי איבערגעבן דער פּאָליציי. אָבער מערקווירדיק — אין משך פֿון די עטלעכע חדשים האָט קיינער ניט אויסגענוצט די דאָזיקע מאַכט. — אָדער אפֿשר האָב איך פֿאַרט נאָך ערגעץ פֿאַרדוקט דאָס פּאַפּיר? — אַזוי איז קיין סוף ניט געווען צו די ספֿיקות.

אַף מאָרגן גאַנץ פֿרי בין איך אַוועק אין קאַנטאָר פֿון האָטעל און האָב דערקלערט, אַז איצט ווייס איך שוין, וואָס מען האָט בײַ אונדז צוגענומען בעת דער גנבֿה. עס איז אַ דאָקומענט — בעצם אָן שום ווערט — און איך האָב באַשריבן די אויסווייניקסטע סימנים.

עס איז מיר געווען אַ חידוש, וואָס דער דירעקטאָר פֿון האָטעל האָט ניט שטאַרק זיך צוגעהערט צו מײַנע טענות און האָט קיין זאַך ניט פֿאַרצייכנט. האָט ער געהאַלטן, אַז דאָס איז ניט וויכטיק? אָדער בין איך שוין געווען אַזוי אויפֿגערעגט, אַז אַלצדינג האָט זיך מיר אויסגעדאַכט חשודיק?

אין דער לופֿט איז געווען שטיקנדיק. דער הימל איז געווען באַדעקט מיט גראָע וואָלקנס. איך בין אַרײַן אין גאָרטן, מאַכן אַ קליינעם שפּאַציר — באַרואיקן די נערוון! דערבײַ דער געדאַנק, אַז דאָ און דאָרט היט מיך עמיצער. איך בין אַרײַן אין געדיכטעניש פֿון פּאַרק. פֿון ברעג אָזערע האָב איך דערהערט שטימען. איך האָב זיך באַהאַלטן צווישן די געדיכטע ראָר-שטעקלעך און האָב אַרויסגעקוקט. בײַם ברעג זײַנען געשטאַנען צוויי דינערס פֿון האָטעל. נעבן זיי אַ דריטער, אַ געפּאַקטע פֿיגור, שוואַרצע ברילן פֿון האָרן איבערן ברייטן בלייכן פּנים. איצט האָט מיר שוין אויך די שטים אויסגעוויזן באַקאַנט. איז דאָס געווען מיגלעך? דאָ איז געשטאַנען — טאַקע דאָקטאָר קאַרקאַס, וואָס האָט אין גלייכמוטיקן טאָן געגעבן דעם באַפֿעל: דאָס שיפֿל געהער דער גנעדיקער פֿרוי — אַ סורפּריז, יאָ, פֿאַר פֿרוי מאַירעדער, צימער 81.

דאָס רודער־שיפל „סאַוואָיאַ" — דאָס זעלביקע, וואָס סטאַשאַ האָט מיט אַ צייט צוריק זיך געווונטשן צו האָבן.

אַזוי לאַנג, הייסט דאָס, קוקט ער אונדז נאָך! אָדער האָט געלאָזן אונדז אויסשפּאַצירן, בעת ער אַליין ווינט אין אַן אַנדער אָרט בײַ דער אָזערע. און אַלץ ווייס ער — דעם נומער פון צימער, מײַן אמתן נאָמען — און אַזאַ קלייניקייט, די מעשה מיטן רודער־שיפל „סאַוואָיאַ" האָט מען ניט פאַרגעסן אים צו מעלדן. מוז ער דאָך שוין וויסן אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען? און היינט, אַז מען האָט אים דערציילט, וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט בײַ נאַכט, האָט ער זיך באַוויזן אַליין, ווייל ער מיינט, אַז זײַן שעה איז געקומען, און גרייט זיך צו דער אַנטשיידענער אַטאַקע. ווער איז מיט אים פאַרבונדן? דער פּאָרטיע געווים, אָט דער דורכגעטריבענער אויסוואורף! אויפגעקויפט די צײַטונג, לפּנים געהאָלפן, אין דער אמתן אָבער באַרויבט אַלע הילפס־מיטלען — האָט דען דאָס ניט אַרײַנגעפּאַסט אין דאָקטאָרס פּלאַן, אויב ער האָט געוואָלט אַרײַנכאַפּן סטאַשאַ? דער אומבאַקאַנטער דעטעקטיוו (לופערצעל?), סימבאָ, דאָס פראַנצויזישע פּאָרפּאָלק — אונדזערע שכנים, אַלע האָבן געאַרבעט קעגן אונדז. אפשר אויך דער דירעקטאָר פון האָטעל. עס האָט געקאָנט אַלצדינג זײַן צופאַל — אויך דער יום־טוב, וואָס האָט נעכטן אויסגעבראָכן אַזוי ווי פון זיך אַליין, די פיר איטאַליענער, וואָס האָבן אַלע געוואָלט טאַנצן מיט סטאַשאַ — די סערענאַדע, די אָנרייצונג פון שטרייט צווישן מיר און סטאַשאַ. און דער רעוואָלווער? און אַלע די אַנדערע קלענערע און גרעסערע קריגערייען? די גנבה? אַלץ האָט זיך געקניפּלט און געקייטלט. אָבער אַלץ איז געווען געפּלאָנטערט. מען האָט זיך געקאָנט ברעכן דעם קאָפּ, וויפיל מען וויל: קיין קלאָרע זיכערע זאַך איז ניט געווען.

גראָד אָט דאָס אומבאַשטימטע האָט מיך כמעט פאַראַליזירט פאַר שרעק. איך האָב קוים געהאַט כח אַרויפצולויפן צו סטאַשאַ אין צימער און ברענגען איר די בשורה:

„קאַרקאָס איז דאָ".

מיט איין קלאַפּ, אָן אַ סך צו ריידן האָבן מיר זיך צונויפגערעדט. תיכף אַנטלויפן! פּאַקן די טשעמאָדאַנעס, צונעמען דעם פּקדון, אָפּצאָלן, אָנווייזן אַ פאַלשע ריכטונג, אַרויסוואַרפן די בילעטן, וואָס מיר האָבן געקויפט, בכדי אָפּצונאַרן. ביים דאַמפּער האָבן מיר אָפּגעשיקט די טרעגערס פון האָטעל, גערופן אַנדערע, געהייסן אָפּטראָגן די זאַכן אין אַ קאַפּע, אַרויס דורך אַן אַנדער טיר, צו דער סטאַנציע פון קליין־באַן. אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען מיר שוין געפאָרן אין דער ריכטונג פון מילאַן.

ליב מיך ווייניקער, ליבסטו מיך ריכטיק!

האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילדער געיעג איבער איטאַליען, דאָס הייסט איבער די ווינציקער באַזוכטע, קליינערע און אָפּגעלאָזענע שטעט פון איטאַליען. איצטער האָבן מיר זיך באַקענט מיט אַלע צרות און פּלאָג פון אַ רייזע. איך האָב געטאָן אַלץ, וואָס אין מיין כח איז געווען, צו פאַרגרינגערן סטאַשאַ דאָס לעבן. אָבער האָט דען סטאַשאַ געוואָלט זיין רואיק? עס האָט אויסגעוויזן, אַז אומרו, פּחד איז געוואָרן איר עלעמענט. עס איז געווען אַ צער, ווי זי פלעגט אַלע מאָל בעתן פאָרן מיט דער באַן שטענדיק האַלטן מיך פאַר אַ האַנט און אַרויסקוקן געשפּאַנט דורכן פענצטער. זי האָט מורא געהאַט פאַר אַ באַן־קאַטאַסטראָפע.

זי האָט מיך ליב געהאַט, און געווען טעג, ווען מיר זיינען ווידער געווען איינזיק און גליקלעך. און בכלל דאָס גאַנצע אומגליק האָט זיך גענומען דערפון, וואָס אין איר צו שטאַרקן, אַלץ פאַרכאַפּנדיקן ליבע־געפיל איז זי געווען מסופק אין מיין ליבע — דערפון האָט זי געליטן. און דאָס האָט אַלץ קאַליע געמאַכט. דאָס, וואָס איך האָב זיך ניט געקאָנט אינגאַנצן אָפּרייסן פון מיין עבר, דאָס האָט זי געפייניקט. פון דערדאָזיקער פיין איז געקומען שנאה, לכל הפּחות אַ שטימונג קעגן מיר, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין עקשנות. זי האָט מיך אַזוי ווי געוואָלט אויספּרובירן: „צי וועט ער מיך נאָך אויך ליב האָבן, ווען איך וועל אים טאָן דאָס און דאָס צולהכעיס?“ אַזוי האָט זי אויסגעבראַכט מיט אַ

פֿיוון אונדזער געלט, בכדי צו ערגערן דעם „קליינעם שפּאָרער״, ניט ווייל זי האָט געזוכט תּענוגים. דאָס זעלביקע מיט איר קראַנקייט. עס האָבן זיך ווידער באַוויזן אָנפֿאַלן פֿון איש־אַס. עס איז ניט געווען געמאַכט; אָבער ווער האָט געקאָנט וויסן, וויפֿיל דאָ האָט געשטעקט אומבאַוווסטער ווילן, און ווידער אַמאָל, בכדי מיך אויסצופּרוּוון: „צי וועט ער מיך נאָך אַלץ ליב האָבן?״ און איך האָב געהאַט געניג צו טאָן מיט איר קרענק, זיצן מעת־לעתן נעבן איר בעט, פֿירן זי אַ הינקענדיקע איבערן גאַס — בעת עס האָט געקאָכט אַ ניט־באַגרינדעטער געפֿיל: אויב זי וואָלט נאָר געוואָלט, וואָלט זי גאַנץ גוט געקאָנט גיין אַליין. ווי איראָניע האָט מיר אויסגעדוכט, וואָס זי האָט אַמאָל אינאָוונט, בעת איך בין אַן אויסגעמאַטערטער געזעסן נעבן איר בעט, אַ זאָג געטאָן: „מיין קינד, איך וואָלט דיך געוואָלט אַזוי פּיעשטשען״. איך בין געווען נשתּומם, האָב געוואָלט ביטער זיך פֿונאַנדערלאַכן, אָבער זי האָט דאָס געמיינט לחלוטין ערנסט. זי האָט גערעדט פֿון ריינער ליבע. איז מיר מיין געלעכטער געבליבן שטעקן אין קעל.

עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי עס מישט זיך אַריין אין איר ליבע, אין איר גוטסקייט עפּעס טייוולאָניש. זי האָט אַזוי ווי געלאַקערט נאָר צו פּטרן אַלע פּלענער, וואָס זיינען געווען אויסגעקלערט צוליב אונדזער ביידנס טובה וועגן. עס איז געווען, ווי זי וואָלט וועלן זאָגן: „דו שטעלסט דיר דאָס פּאָר נאַאיוו. כּל הכּבוד דיין גוטן ווילן — אָבער אַזוי גייט דאָס ניט. דו מוזט אינגאַנצן פֿריי זיין, ערשט דעמאָלט. אָבער אַזוי ווי היינט, מיט אַלע קאָמפּראָמיסן? אַ ניין, מיין פֿריינט!״

דערפֿאַר פֿלעגן מיר פֿאַרזאַמען צום צוג, דערפֿאַר פֿלעגן די בעסטע צימערן אין האָטעל זיין פֿאַרדונגען, ווען מיר פֿלעגן אָנקומען; דערפֿאַר האָבן מיר ניט געקאַנט קריגן קיין וואַסער צום וואַשן, דערפֿאַר האָבן מיר ביינאַכט געליטן פֿון אומפּליִיט. („אַלץ איז געגאַנגען אַזוי לייכט״, פֿלעגט אַמאָל פֿאַרבײַשוועבן, ווי אַ ווייטע זיסע פֿאַנפֿאַרע). דערפֿאַר האָט אין ווײַטערבאָ גענומען פֿאַמעלעך אויסגיין דאָס געלט. איצט האָב איך מיט סטאַשאַס

הסכּם געמוזט אָנשרייבן אַהיים און בעטן געלט. עס איז ניט געווען געשמאַק, אָבער די פאַבריק איז דאָך געגאַנגען, האָט מען מיר געמעגט אַף אַ ווײַלינקע אויסהעלפן. אָבער איך האָב ניט געטאָרט ווײַזן סטאַשאַ דעם בריוו, וואָס איך האָב גלײַכצײַטיק אוועקגעשיקט צו ליזערל: זי זאָל גאָרנישט שרײַבן אַהיים וועגן אונדזער באַזוך אין אָרקאַ און זאָל בכלל ניט דערמאָנען וועגן סטאַשאַ. אַגבֿ האָט דאָך ניט געטאָרט דערוויסן זיך פון דער מעשה פון אַ דריטער זײַט. איך האָב נאַטירלעך געהאַט אין זינען אַליין אָנצושרײַבן אַגבֿ און דערציילן איר דעם גאַנצן אמת. צום באַדויערן האָב איך ניט געהאַט די נויטיקע מיגלעכקייט פאַר דעם בריוו. אָבער דער בריוו צו ליזערל איז דאָך געווען דירעקט אַ פעלשונג קעגן סטאַשאַ. איך האָב דאָך בדיעבד איר געגעבן אַ יסוד פאַר איר חשד. אָבער וואָס האָב איך מיר געקאָנט העלפן?

„הײַנט בײַנאַכט האָב איך ווידער געהאַט אַ שרעקלעכן חלום“, האָב איך געזאָגט. „וועגן „ראַקענהויז מוד“. וועגן דער גאַנצער שטיקעניש אינדערהיים“.

„ווידער?“ האָט זי געפרעגט.

„יאָ, דאָס איז שוין אָפּט“.

שמייכל פון אַ מלאך. סטאַשאַ בייגט זיך אַראָפּ און קושט מיר די האַנט, וויפיל איך האָב זיך ניט אײַנגעשפּאַרט. „דו שרעקסט זיך, הייסט דאָס, פאַר דער היים? דו ווילסט ניט צוריק?“

„דאָס ווייסטו ערשט איצט?“

„איך האָב אַלע מאָל געמיינט, אַז דו בענקסט אַהיים — אוועק פון מיר! אַז דו בלײַבסט מיט מיר איבערגעוואַלד, מחמת אָרנטלעכקייט“.

„אָבער סטאַשאַ — איז דען מיגלעך, אַז ערנסט — ?“

עס איז געווען מיגלעך. זי האָט טאַקע ערנסט אויסגעטײַטשט אין דעם זין אַ סך זאַכן. אַ גרויסע ראָלע האָט געשפּילט דערבײַ, וואָס איך האָב איר פריִער אַלע טאָג געבראַכט בלומען. די לעצטע צײַט ניט. האָט מען דאָס געקאָנט פאַרענטפערן: איך האָב אַף דער איצטיקער שווערער רייזע געהאַט אַזוי פיל צו טאָן צוליב די נויטווענ-

דיקסטע באַקוועמלעכקייטן, סטאַשאַ אָבער האָט דערשפּירט, אַז דער תּירוץ איז ניט געגוג. די בלומען זיינען געווען אַ טעגלעכער צייכן פון מיין דאַנק קעגן סטאַשאַ, וואָס זי האָט מיך אויסגעלייזט פונם גיהנום פון דער „אוממיגלעכקייט צו ליבן". איצט אָבער האָבן די דעמאָנען ווידער אופגעהויבן די קעפּ. האָב איך באַשלאָסן ביי זיך בשום אופן ניט צו לאָזן מערקן סטאַשאַ וועגן דעם — אָבער די קלייניקייט פון בלומען האָב איך פאַרגעסן. און דאָס איז פאַר איר געווען גענוג.

איצטער אָבער האָב איך ניט ווילנדיק דערציילט אַ זאַך, וואָס האָט אַנטפּלעקט דאָס טיפסטע פון מיין נשמה. א חלום האָט איר אויסגעזאָגט דאָס, וואָס איך האָב אַף דער וואָר מיט קיין ווערטער ניט געקאָנט אויסדריקן. איצטער האָט מען שוין קיין באַווייזן ניט באַדאַרפט! „אַלץ איז גוט!"—און פּלוצים איז שוין ווידער געווען די אַמאָליקע סטאַשאַ — שטראַלנדיק, געזונט, מונטער, פול קראַפט און האָט שוין געהאַט א פּלאַן פאַר דער צוקונפט. מיר דאַרפן פאָרן קיין רוים. דאָרטן וווינען געוויס פּליטים פון רוסלאַנד, א קאָלאָניע ווי אַנדערע גרויסע שטעט. דאָרט האָט זי געוויס באַקאַנטע, זי וועט קריגן א שטעלע, איבערזעצונגען — זי קאָן אסך שפּראַכן. און מיר וועט דאָרטן אויך גוט זיין.

„און דער דאָקטאָר?"

„איך האָב פאַר אים קיין מורא ניט".

„דער אַטעסט?"

„מיר פאַראָטעסטירן אים ביי אונדזער קאָנסול. איך וועל פאָדערן אַן אונטערזוכונג".

אונדזער לעבנס־מוט האָט אופגעוואַכט. די געשטאַלט פון דאָקטאָר קאַרקאָס איז פאַרשוואונדן ווי אַ נעפּל...

נאָכמיטיק זיינען מיר שוין געווען אין רוים. מיר האָבן זיך באַזעצט אין אַן איינפאַכן, אָבער זויבערן האָטעל. מיר זיינען געזעסן אין אַ פיינעם קאַפע. מיר זיינען געווען פול פרייד. „קיין מאָל זיך ניט קריגן", האָט סטאַשאַ גערופן, „אָ, ווי איך האָב דיך ליב. ווי גליקלעך איך בין. מיר מוזן דערדאָזיקער שטימונג לאָזן אַן אָנדייננק". און זי האָט אופגעשריבן אַף אַ פאָטאָגראַפיע: „איך

בין דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט. דאָס איז אָבער מיט אַן אמת די ריכטיקע סטאַשאַ". מיר איז דאָס געווען במעט א ווייטיק, בעת איך האָב זיך דערמאָנט אָן אַן ענלעכער סצענע. אָבער איך האָב די פאָטאָגראַפיע אַריינגעשטעקט אין מיין פּאָרטפעל, צופרידן, וואָס סטאַשאַ האָט אין איר פרייד מיין לייכטן ציטער ניט באַמערקט. אין אָונט זיינען מיר געווען אין טעאַטער.

אין עטלעכע טעג איז אָנגעקומען פאַר מיר געלט. דער ברודער, פריילעך געשטימט דערפון, וואָס די פאַבריק גייט גוט (אַגנעס האָט געאַרבעט מיט אים צוזאַמען אין קאַנטאָר), האָט באַוויזן זיין איינגעבאָרענע פיינקייט. קיין וואָרט ניט פון פאָרוווּרף. איך האָב דאָס רעכט אַף א לייגערן אָפרו. ניט קיין הלוואה שיקט ער מיר, נאָר אַן צוואַנס אַף מיין חלק אין די קומענדיקע רוחים פון דער פאַבריק. —

צוערשט האָב איך געוואָלט אָנזאָגן סטאַשאַ די גוטע בשורה. אָבער איך האָב זיך דערמאָנט אָן יענעם בריוו, וואָס אַגנעס האָט געשיקט, און האָב געשוויגן. פון דעם גוטן סוף, וואָס מיין קאָרעספאָנדענץ האָט געהאַט, בין איך געקומען צו דעם בריוו, וואָס סטאַשאַ האָט נאָך אַלץ ניט געהאַט געשריבן צו איר שוועסטער קיין סטאָקהאָלם. עס איז געווען, ווי אַן אַלטער חוב, וואָס מען מאָנט און מען קריגט קיינמאָל ניט.

עס האָט זיך: ווידעראַמאָל פאַרקניפּט א שמועס, און סטאַשאַ איז אַרויס מיט אירע אַלטע טענות: איך האָב מיט מיין בריווּשרייבעריי צוגעצויגן שפּיאָנעס. מיין פאָדערונג האָט זי נאָר אופגעריקט.

אין אָונט האָבן מיר ווידער געוואָלט גיין אין טעאַטער. סטאַשאַ האָט אָנגעטאָן א פּשוטע באַטיסט-קלייד (אויך די איז איר גוט געשטאַנען צום פּנים).

„פאַרוואָס ניט די זילבער-קלייד?"

„איך האָב היינט געלאָזט דורך דער שטוב-מיידל פאַרקויפן אַלע לוקסוס-קליידער. ס'איז דאָך מער ניטאָ קיין געלט.

„ווער זאָגט דיר דאָס?", איך האָב איר באַוויזן די טויזנטער.

און דאָ איז שוין אַרויס ממילא דער בריוו, וואָס האָט זיך געריסן מיר פון קעשענע אַרויס.

אָבער בעת איך האָב אים נאָך געהאַלטן אין האַנט, האָב איך שוין געוווּסט, אַז יעדער איינציקע נייס, וואָס פאַר מיר איז דאָס געווען אַ נחת, וועט אַף סטאַשאַס געמיט ווירקן, אַזוי ווי סם. צו שפּעט. זי האָט דעם בריוו ניט אָפּגעגעבן. איצטער האט עס אויסגעבראָכן.

סטאַשאַ איז אופגעשטאַנען, צונטער־רויט אין פנים. „אַגנעס זיצט אין אייער קאָנטאָר — און וואָס בין איך? דיין גאַסן־מיידל!"

עס איז צווישן אונדז געווען קלאָר, אַז סטאַשאַ און איך וועלן חתונה האָבן, ווי נאָר איר מאַן וועט שטאַרבן. אַז ער האָט געלעבט — לכל הפחות אַז מיר האָבן ניט קיין ידיעה וועגן זיין טויט — בין איך געווען דערין שולדיק? — אבער אין דעם מאָמענט איז דאָך ניט געווען קיין וואָרט צו שטילן סטאַשאַס גרימצאָרן. איין מיטל איז געווען: איך האָב באַדאַרפט גיין און אומבריינגען אַגנעס. סטאַשאַ האָט אופגעהויבן די האַנט — האט מסתמא מיר געוואָלט שלאָגן אין באַק — נאָר איך האב איר און מיר דעם בזיון פאַרשפּאָרט.

דערנאָך איז זי אַרויסגעלאָפן. איך נאָך איר. איך האָב געהאַלטן פאַר מיגלעך דאָס ערגסטע. זעלבסטמאָרד. זי אין געלאָפן איבער די גאַסן. איך הינטער איר אין אַ געוויסן אָפּשטאַנד. נאָך געקוקט. אַ שעה, צוויי. אַזוי זיינען מיר געקומען אַהיים. אין קאָנטאָר פון האָטעל האָט זי פאַרלאַנגט אַ באַזונדער צימער. צום גליק איז קיין פריי צימער ניט געווען. אין דערדאַזיקער נאַכט וואלט זי מסתמא אָפּגעטאָן עפּעס.

איך האב ניט געקאָנט שלאָפן און האב איר אין געדאַנק געשריבן בריוו. — זינט אַ געוויסער צייט האב איך זיך איינגעוווינט אויסצוטענען זיך מיט סטאַשאַ אין געדאַנקען־בריוו. צי איז טאַקע אַלץ שוין געענדיקט? — האב איך געשריבן אין געדאַנק. וואָס ווילסטו האָבן? איז דען דיר ניט גענוג מיין ריינער געפיל, וואָס שטראָמט דיר אנטקעגן? וואס דו טוסט, גרענעצט מיט משוגעת! אָבער וויי־נ־קסטנס, מיט עגאָאיזם! אבער ניין, דאס איז ניט ריכ־

טיק. איז דען סטאַשאַ געווען עגאָאיסטיש? זי האָט דאָך געקעמפט ניט פאַר זיך, נאָר אין נאָמען פון דער ליבע. גוט, האָב איך וויטער געשריבן, דעמאָלט קאָנסטו מיך ווייניקער ליבן. אַפילו דו זאָלסט מיך ווייניקער מוטשען. און באַלד האָב איך איר פאָרמולירט א ווערטל: ליב מיך ווייניקער, ליבסטו מיך ריכטיק!

אָבער ווי פלאַך דאָס איז געווען, ווי אויסגעוועבט! געווים, סטאַשאַ האָט מיר דאָס לעבן געקאָנט מאַכן באַקוועמער. אָבער ווי נאָר איך האָב זיך פאָרגעשטעלט סטאַשאַ ווי אַ „באַקוועמע פרוי", איז זי געוואָרן אויס סטאַשאַ — גאָרניט דאָס, וואָס איך האָב ליב. עס איז געווען, הייסט דאָס, דער גרויסער ווייטיק, וואָס איך האָב געהאַלטן אַרומגענומען, וואָס איך האָב אים ניט פריי געלאָזט און ער מיך, עס איז געווען די פרוי פון מיין בענקשאַפט, אָבער אונטער מיין צערטלען איז זי מגולגל געוואָרן צו ווייטיק און פיין. פון ליבע איז מער גאָרנישט געבליבן, ניט אין איר האַרץ, ניט אין מיינעם, מער ניט די פראַגע: קאָן דאָס זיין, אַז ליבע זאָל שטאַרבן פון צופיל ליבע?

ווען ליבע שטאַרבט.

אויך דערדאָזיקער קריזיס איז אַריבער, ווי אַלע איבעריקע, אָבער דאָס גראַד האָט אָפּגענומען די האָפענונג די קראַנקייט צו היילן.

סטאַשאַ האָט דערקלערט, אַז פון דעם געלט, וואָס מיין פאַמיליע שיקט, וויל זי ניט נעמען. „אָבער איך האָב דאָך אויך געלעבט פון דיין געלט". עס האָט ניט געהאָלפן. איך האָב צו איר געטענעט, אַז בעצם געהערט זי דאָך אויך צו אונדזער פאַמיליע. לוידער האָט סטאַשאַ געקאָנט פון מיין שוועסטערס אויפפירונג דערווייזן דעם היפך. הייסט נאָך: אַגנעס! צו דער פאַמיליע האָט געקאָנט געהערן אָדער אַגנעס אָדער זי. און אַגנעס איז פאַר דער פאַמיליע באַשיימפערלעך געווען וויכטיקער, איידער זי.

אַזוי האָבן מיר בכלל אויסגעמיטן צו רעדן וועגן אַגנעס. מיר זיינען ביידע געווען מיד, האָבן קיין קריגעריי ניט געוואָלט. „אַז מען מוז אַזוי ווי טאָן, ווו מען ליבט" — האָט סטאַשאַ גע-

זופצט, אז זי האט געזען ווי טרויעריק איך בין. דעמאלט האב איך ארויסגעבראכט מיין ווערטל: „ליב מיך וויניקער, ליבסטו מיך ריכטיק!“ מיר האבן געלאכט; עס איז איז נאטירלעך געווען אף קאטאוועס. צום מהות פון דער ליבע דערגרייכט דאס ניט. ווארום דער עצם פון דער ליבע איז דווקא דאס, וואס עס שטורעמט אין סטאשא, איר כעס און איר חרטה. „איך וואלט געקאנט שרייען איבער דעם אומרעכט, וואס איך טו דיר אן. און דאך איז עס נאר ליבע. איך האב ניט קיין זאך אין דער וועלט, נאר דיך, און איך וויל זיין דיר איבערגעגעבן און גוט. עס איז שרעקלעך, וואס דו האסט פון מיר אזוי צו ליידן, בעת איך וואלט געוואלט נאר דיר גוטס טאן. איך וואלט זיך געלאזט טויטן פאר דיר. אבער וועט דאס ווייטער אזוי גיין, וועסטו אופהערן מיך צו ליבן. און דאס וואלט געווען מיין טויט. האב נאר נאך אביסל געדולד. אך וואלט איך געקאנט זיין אזוי גוט צו דיר, ווי דו פארדינסט“.

„דו ביסט דאך צו מיר גוט“ — האב איך געפרווט זי באַרואיקן.

און זי האט זיך טאקע צום סוף בארואיקט, ווארום זי האט טאקע חרטה געהאט פון טיפן ריינעם קינדישן הארצן. אזוי איז ווידעראמאל געווארן ארדענונג. אבער דאס אלץ, האב איך גע־קלערט, איז דאך ניט בכח אפצוראמען אגנעם פון וועג.

סטאשא האט געפונען אן אלטן רוסישן שרייבער, הער רא־ביקאוו. זי האט געדארפט איבערשרייבן זיינע מאנוסקריפטן, דאס געצאלט האט זי געדארפט קריגן, ווען דער שרייבער וועט קריגן אויסגעצאלט זיין האנאראר. דערפאר האט דער שרייבער זיך מתחייב געווען צוצושטעלן א שרייב־מאשין. די פארהאנדלונגען האבן זיך פארצויגן. דערוויל האט די געלט־פראגע זיך פון זיך אליין איינרעגולירט. סטאשא האט מער קיין פראגעס ניט אופגע־הויבן. די באדערפענישן פון לעבן זיינען געווען שטארקער פון אונדזערע חקירות.

און עס האט דאך אנדערש ניט געקאנט זיין. אניט וואלט סטאשא געמוזט מחמת עקשנות אויסגיין פון הונגער. פונדעסטוועגן האט דאס מיך אנגעפילט מיט נייער האפענונג. אפשר וועט דאך

דער שׂכל הישר זיגן? — און וואָס זײַנען געווען מײַנע אויסזוכטן, ניכטער גערעדט? גיב איך אַגנעס צו וויסן דעם אמת, גייט דעמאָלט מסתמא מײַן פֿאַמיליע אונטער. מײַדן די מיידל איז איבערמענטשלעך גרויסמוטיק און וועט סיי ווי ענדיקן, וואָס זי האָט אָנגעהויבן. עס איז אָבער אויך מיגלעך, אַז די פֿאַראייניקונג האָט געלוינט בײדע פֿאַבריקן, אַזוי אַז פֿאַר דעם אַגנעס־צד איז זי גאָר קיין קרבן ניט געווען. אויב אַנעשקאַס פֿאָטער, הער אָמצירק, האָט בײַ דעם גאַנצן געשעפֿט גאָר ניט אָנגעוואָרן, נאָר אפֿשר אויך געוווּנען, דעמאָלט איז דאָס דאָך פֿאַר מיר גאָר גוט, בפֿרט אַז ניט איך האָב אויסגעפֿועלט אַנעשקאַס הילף, און זי איז געקומען פֿאַר מיר אינגאַנצן אומגעריכט. מײַן אײנציקע שולד וואָלט געווען, וואָס איך האָב שטילשווײַגנדיק צוגעלאָזט, זי זאָל אונדז העלפֿן. כּדי אָבער צו מאַכן דערצו א סוף אָדער לכל הפּחות קלאָר צו מאַכן, ווו מיר האַלטן, האָב איך געדאַרפֿט פֿאָרן אַהיים. איטלעכער טאָג, וואָס איך בלײַב נאָך אין רוים, פֿאַרערגערט מײַן פּאָזיציע אַנטקעגן מײַן געוויסן.

אָבער ווי גיט מען דאָס סטאַשאַ צו פֿאַרשטיין?

טײלמאָל האָט מיר אויסגעדוכט, אַז זי איז גאָרניט אײפֿערזיכטיק אויף אַגנעס. עס איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז איך האָב אַגנעס ניט געליבט. איך האָב דאָס סטאַשאַ געזאָגט מיט גאָר דער וואָרהאַפֿטיקייט. „מיט מילך האָבן מיר געטרונקען ברודערשאַפֿט“, האָב איך איר דערציילט, „קענסטו איצט דיר פֿאָרשטעלן, וואָס דאָס איז פֿאַר א באַשעפֿעניש?“ יאָ, סטאַשאַ האָט זיך דאָס געקאָנט פֿאָרשטעלן, און זי האָט מיר געגלויבט, אַז איך וויל אויף קיין פֿאַל ניט ציען ווײַטער די טרויעריקע באַציאונגען צווישן מיר און דער מיידל. אָבער דאָך פֿלעגט זיך אַמאָל בײַ איר אַרויסרײַסן אַ סצענע, וואָס האָט דערמאָנט די ערשטע, בשעת זי האָט זיך דערוווּסט וועגן אַגנעס. אַזוי איז געווען דער מצב מיט מײַן פֿאָרן אַהיים. דאָך האָב איך דעם פּלאַן געהיט און געוואָרט אויף אַ געלעגנהייט.

האָט אונדז אָבער איין אָוונט אין עסן־זאַל פֿון אונדזער האָטעל באַגריסט דאָקטאָר קאַרקאָס.

מיר האָבן זיך געהאַט געזעצט, האָט ער פאָרזיכטיק זיך אָפּגעשיידט פון וואַנט קעגנאיבער. זייער איידל און פאַוואָליע איז ער צוגעקומען צו אונדזער טיש, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אונדז איבערצושרעקן.

„זייט אַזוי גוט, אַנטלויפט ניט", האָט ער געזאָגט, פאַרבייגט זיך מיט אַ ווייטיקדיקן שמייכל. „מיר טוט זייער וויי, וואָס איך האָב אייך פאַרטריבן פון האָטעל בײַ דער אָזערע קאַמאָ. איך בין אָבער געקומען נאָר אָפּצוצאָלן אַן אַלטן חוב. און מחמת דעם בין איך געקומען אויך אַהער. איך בין קיין שלעכטס ניט אויסן".

ער האָט גערעדט אַסך רואיקער ווי דעמאָלט אין באַר. דאָס אומגליק האָט אים געהאַט געמאַכט צאַרטער. ער איז אויך געווען עלעגאַנטער אָנגעטאָן. אָבער אָט אין זײַן שטילער באַשיידנקייט האָט ער מיר אויסגעוויזן פיל געפערלעכער אַלס קעגנער, ווי פריער. איך האָב באַלד דערשפּירט, אַז מײַן לאַגע האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט.

„איך האָב געוואָלט דער געגנעדיקער פרוי אָפּבריינגען אָט דאָס. איך בין דאָס שולדיק". מיט אַ פאַרבויג האָט ער אַנידערגעלייגט אַפן טיש אַ פּאַפּיר צעריסן אַף פיר שטיקער — דעם אַנטמינדיקונגס־אַקט. אַפן טיש, ניט סטאַשאַ אין האַנט — אַזוי ווי זײַן רעספּעקט צו איר וואָלט אים אָפּגעהאַלטן זיך צוצורירן צו איר.

„וועט איר זיך ניט צוזעצן?" האָב איך געזאָגט, אים דערמונטערנדיק. פונקט אַזוי ווי דעמאָלט אין דעם פּאָפּוגאַיען־באַר. נאָר די סיטואַציע איז געווען פונקט דער היפוך.

סטאַשאַ האָט גענומען דעם אַקט און האָט אים בעת דעם ווייטערדיקן שמועס צעריסן אַף קליינע פּיצלעך, אַזוי ווי שפּילנדיק, ווי מען רייסט בעתן ריידן אַ גלייכגילטיק שטיקל פּאַפּיר. „האָט מען אים, הייסט דאָס, דאָך געגנבעט? איר האָט טאַקע געלאָזט דאָס אַרויסגנבענען בײַ אונדז, הער דאָקטאָר?"

ער איז רויט געוואָרן.

אין געזעלשאַפטלעכן טאָן האָט זי ווייטער אַזוי געפּלוידערט. זי איז אין פלוג ניט געווען נשתומם איבער די פיל מי, וואָס

דער דאָקטאָר האָט זיך געמאַכט, בכדי זיך צו רייניקן פאַר איר. אָבער אַ געוויסע דערלייכטערונג איז געווען צו מערקן אין איר. אויך איר איז דער דאָקטאָר שוין ניט געווען שווער.

„איך האָב געמוזט דאָס טאָן", האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אופהויבנדיק העפלעך אַנטקעגן אונדז די גלאָז ווין, וואָס איך האָב געהאַט אים אָנגעגאָסן. „די געגעדיקע פרוי האָט געהאַט אויסגעדריקט די מיינונג, אַז איך האָב געוואָלט באַנוצן דעם אַטעסט קעגן איר. דערפאַר האָב איך געמוזט אים קריגן צוריק אין מיין האַנט; בכדי אים מיטן גוטן ווילן אָפּצוגעבן".

„משוגע", האָט סטאַשאַ געלאַכט.

„די וועלט איז טאַקע משוגע", האָט געענטפערט דער דאָקטאָר. „מיך האָט אָנגענומען אַ ציטער, וואָס אָט די צווי, וואָס האָבן זיך באַקענט אין אַ משוגעים-הויז, קאָנען אַזוי גרינג שמועסן וועגן „משוגעת". נאָר איך האָב אָנגעהויבן בעסער צו פאַרשטיין דעם דאָקטאָר...

עס איז אפשר געווען דער גוטער ווין, וואָס האָט געמילדערט די שפּאַנונג צווישן אונדז. „איצט, אַז אַלץ איז פאַרביי", האָב איך געזאָגט, „קענט איר דאָך דערציילן, ווי אַזוי איר האָט דאָס אַלץ אָנגעשטעלט. האָט איר דען טאַקע אונטערגעקויפט דעם האָטעל, פון פּאָרטיע ביזן איינטענצער — און דאָס פראַנצויזישע פּאָרפאָלק אין צווייטן צימער? ווי לאַנג האָט איר דען אונדז געלאָזט נאָכקוקן?"

קאַרקאָס איז געווען נשתומם. לאָזט זיך אויס, אַז די גאַנצע אינטריגע איז אַסך באַשיידענער, ווי מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט. אין האָטעל האָט ער קיינעם ניט געקאָנט. „אָבער דאָס רודער-שיפל „סאַוואָיאַ?" אַ צופאַל! פון בעל-הבית פון שיפל האָט ער זיך דערוווּסט, אַז אַן אויסערגעוויינלעך-שיינע דאַמע וויל דאָס שיפל קויפן; די באַשרייבונג האָט אינגאַנצן געפּאַסט אָף סטאַשאַ. — פון אַלע נעצן, וואָס איך האָב געמיינט, אַז זיי זיינען אויפגעשטעלט קעגן אונדז, איז געבליבן נאָר איינע: די גנבה. און דאָס האָט טאַקע אויסגעפירט מיין אייגענער דעטעקטיוו, אַלאָיס לופּער-

צעל. דאָס האָט מײַן בײזער חשד=בּליק דאָך ריכטיק באַמערקט!

„אָבער װי קומט איר צו דעם דאָזיקן פּאַרשױן?“

„אין פּריװואַלדאַו“.

„זײַט איר דען געװען אױך אין פּריװואַלדאַו?“

דאָ האָט זיך אױפגעװעקט די פראַגע, װאָס האָט אײַנגעטלעך באַדאַרפט שטײן די ערשטע: װי אַזױ האָט דאָקטאָר קאַרקאָס בּכלל זיך דערװוסט, װוּ מיר זײַנען אַהינגעקומען? װי אַזױ איז ער געװאָר געװאָרן מײַן אמתן נאָמען? — אַגנעס האָט געהאָלפן. בײַ דעם נאָמען איז סטאַשאַס בּיז איצט פאַרגעניגטער פּנים פינצטער געװאָרן. איצט איז דאָך טאַקע אַגנעס שולדיק געװען אין אַלץ! דאָס האָט דאָך אױסגעצײכנט געפּאַסט. — די זאַך האָט זיך אָפּגעשפּילט אַזױ: שױן אין צוג, װוּ איך האָב אים אַרײַנגעזעצט, איז דאָקטאָר קאַרקאָס אױסגעקומען אַ חשד, אַז מען האָט אים גענאַרט. איז ער אױף דער ערשטער סטאַנציע אַראָפּ און איז מיטן ערשטן פרימאָרגן=צוג צוריקגעפאָרן קײן בּערלין. געקומען אין האָטעל, האָט ער געפונען אַ בּהלה — אַגנעס און איר פאָטער האָבן מיך געזוכט. עס איז ניט געװען שװער צו קאָמבּינירן, אַז סטאַשאַ איז דאָס מיט מיר אַװעקגעפאָרן. האָט מען איצט באַדאַרפט דערגײן, אין װאָסער ריכטונג. האָט מען גענומען אױספרעגן די שאָפערן, װאָס זײַנען געשטאַנען בײַם פּאָפּוגאַיען=באַר, בּיז מען איז געקומען צום האָטעל, װוּ מיר האָבן איבּערגענעכטיקט, צום פּאַס=בּיוראָ, צו דער בּאַן קאַסע. די װײַטערדיקע אױספאָרשונג האָט דער דאָקטאָר איבּערגעגעבן אַ בּערלינער דעטעקטיװ=בּיוראָ און אַלײן איז ער אַװעקגעפאָרן צו מיר אַהײם. אָן אַגנעס. זי האָט אין דער געשיכטע מיט דער דאַמע ניט געװאָלט גלױבּן. אין פּריװואַלדאַו האָט ער געדונגען לופּערצעל, און דער האָט אונדז געפונען און אַרױסגעגנבעט דעם אַטעסט.

„איר האָט אַרױסגעװיזן אַ װוּנדערלעכן טעמפּעראַמענט בײַם דורכפירן דעם גאַנצן עסק“, האָב איך געזאָגט.

„איצט װעל איך אײַך מער ניט באַשװערן“, האָט געזאָגט דער דאָקטאָר. „איך װױן אין אַן אַנדער טײל שטאָט, נעבּן װאָקזאַל. אַנטשולדיקט מיך איצט. אַזױ װי איך האָב מער נישט װאָס

צו טאָן דאָ, פּאַר איך מאָרגן פרי פון דאַנען קיין פלאָרענץ, ווו איך בלייב איבער ווינטער, ביים אוניווערסיטעט".

ער האָט ניט דערלאָזן, איך זאָל פּאַר אים צאָלן, האָט אָבער מיט אונדז געטרונקען שוואַרצע קאַווע און איז אַוועק, נאָכדעם ווי ער האָט מיר עטלעכע מאָל געדריקט די האַנט און פאַר סטאַשאַ האָט ער זיך נאָר פאַרנייגט פון דערווייטנס, ווידער מיטן גרעסטן רעספּעקט.

„איצט וווהין?" האָט סטאַשאַ געפרעגט, אַז ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

„וואָס מיינסטו?"

„אַז מיר מוזן גלייך אַוועק. פאַרשטייסטו דען ניט, אַז ער יאָגט זיך נאָך נאָך אונדז, אַז ער וועט שוין אונדז מער ניט אָפּלאָזן!"

איך האָב ניט געוואָלט זאָגן, אַז זי איז צופיל אויפגערעגט. חוץ דעם, איז דאָך געווען באַשיימפערלעך, אַז זי איז גערעכט. עס איז קלאָר געווען, אַז דער דאָקטאָר איז ניט גלייכגילטיק צו סטאַשאַ. אָבער עס זיינען גאָר ניט נויטיק געווען השערות. דורך די שפּאַלטן פון אונדזערע לאָדנס האָט מען געקאָנט אַרויסקוקן אויפן פּלאַץ. מען האָט געזען אַראָפּ גאַס גייענדיק דאָקטאָר קאַרקאָס. אין שאָטן פון אַן אָבעליסק איז ער געבליבן שטיין.

„ער האָט מיך טאַקע ליב", האָט סטאַשאַ געזאָגט.

איז ער געקומען זיך געזעגענען? אָדער איז ער גאָרניט געפאָרן קיין פלאָרענץ — און היט אונדז?

איך האָב ניט געוווּסט, וואָס צו זאָגן. „וואָס מיינסטו, סטאַשאַ?"

„אַנגעם אָף דיין זייט, ער אָף מיין זייט", האָט זי געשפּעט מיט האַלב־אויסגעלאָשענער שטים וואָס איר מאַטקייט האָט ממש ווי געטאָן. „זיי ביידע באַלייטן אונדז דורכן לעבן".

„עס איז ניט צו דערטראָגן".

„האָלסטו דאָס אויך? — איך בין נשתומם, וואָס דו האָסט זיך סוף כל סוף אָנגעשטויסן. מיר איז שוין קלאָר, אַז דאָס לעבן איז ניט צו דערטראַגן".

„אָבער הילף?"

„איך ווייס ניט קיין הילף. מיר ווילן מוזן זיך אונ־טערגעבן".

אָט די בלומרשטע הכנעה האָט מער פון אלץ געדרייצט. סטאשא האט זיך געגרייט ליגן שלאָפן.

„איך וועל דאָס ניט דערלויבן".

„וואָס וועסטו טאָן?"

„די פּאָליציי..."

„קאָן דאָך ניט פאַרבאָטן דעם דאָקטאָר צו זיין אין איטאַליען".

איך האָב אַרויסגעקוקט דורך דער שפּאַרינע. דער דאָקטאָר האָט זיך אנגעשפּאַרט אָן אַן אָבעליסק — אין אַלכסון קעגנאיבער פענצטער. ער האָט אַרופגעקוקט.

„איך וואָלט נאָר וועלן וויסן, וואָס איז ער דערביי אויסן".

סטאשאַ האָט דעם קאָפּ אופגעהויבן. „גאָרנישט איז ער אויסן. ער האָט מיך ליב. פאַרשטייסטו דאָס ניט? דו וואָלסטו מיר דאָך אויך נאָכגעלאָפן, ווען איך וואָלט געוועזן ביי אים".

„סטאַשאַ, ניט די דאָזיקע רייד. דו דערנידעריקסט מיך און דיך. אויך ווען דו האָסט רעכט אין איטלעכן וואָרט. דווקא דע־מאָלט! — איך וויל, דו זאָלסט מיר העלפן".

„לאָז מיך שלאָפן!"

„ניט איצט — איך בעט דיך".

„אָבער איך בין מיד". — שוין האָט זי דעם קאָפּ געהאַט אַוועקגעלייגט אפן קישן.

„און דו וועסט טאַקע קאָנען איינשלאָפן, בעת ער שטייט דאָרטן אונטן און לאָקערט?"

זי האָט מיך אנגעקוקט מיט אַ טיף דורכדרינגנדיקן ערנסטן בליק — אַזוי ווי עס וואָלט סוף כל סוף געקומען דער מאָמענט, ווען איך מוז שוין זי פאַרשטיין, ווען איך וועל אפן אייגענעם לייב אנהייבן שפּירן, וואָס איך האָב איר אָנגעטאָן. „פאַר מיר איז דער אונטערשייד ביז פריער גאָר ניט אַזוי גרויס. איך באַמערק אים קוים. צי אַגנעס לאָקערט אין פּריוואַלדאָו — אָדער דער דאָקטאָר אונטן פאַרן שטוב — דאָס איינע איז געוועזן פריקרע

נאָר פאַר מיר, דאָס צווייטע פּאַר אונדז ביידן. מער האט זיך פּאַר מיר ניט אומגעביטן."

„אָבער — אויך דיר איז דאָס פריקרע — דאָס איצטיקע? אויך דיר? אונדז ביידן — האָסטו געזאָגט?" אין שרעקעניש פון האַרץ האָב איך מיינע הענט אויסגעשטרעקט נאָך איר.

זי האט מיך קאלט אָפּגעשטויסן. „ניט אַזוי. ביטע ניט אַזוי".

„דו האסט מיך מער ניט ליב, סטאשא!"

„לאַז מיך איצט".

איך האָב זי געמוזט לאָזן איינשלאָפן. אליין בין איך געבליבן וואך מיט מיין האַרץ-קלעמעניש. נאָך לאַנגע שעהן בין איך שטיל צוגעגאַנגען צום פענצטער — גאַר שטיל, בכדי זי ניט צו וועקן. די לבנה איז געווען אונטערגעגאַנגען. איז ער נאָך אליין געשטאַנען דאָרט אונטן? מען האָט גאָרנישט געקאַנט זען. עס האט ניט געקאַנט זיין ווייט ביז פרי. — ווי פון שלאָף האט סטאשא געמאַכט אַ באַוועגונג. זי האט אויפגעהויבן זיך האלב און האט קוים אַרויסגערעדט: „אין שופלאָד!"

„וואס ווילסטו סטאַשאַ?"

מיט אַ זיסער זינגענדיקער שטים איז געקומען דער ענטפער: „איך האָב געמיינט, דו זוכסט דעם רעוואָלווער, ליבלינג —"

איך בין געוואָרן אַ פאַרציטערטער. אויך אַף סימבאָ וואָס האט געזונגען די סערענאַדע, האט סטאשא געוואָלט איך זאָל שיסן. נאָר דעמאָלט איז דאס געווען אַ שטורמישער אויסבראָך, איצט איז געשען דאס זעלביקע, נאר ערנסט, קנאפּ, רואיק מיט אַ באַשטימטקייט און זיכערקייט, וואָס אפילו דער שלאָף האט ניט אָפּגעשוואַכט. מיט ברייט-געעפנטע אויגן האט סטאשא מיך אָנגעקוקט. זי איז ניט געשלאָפן. איז זי אפשר די אלע שעהן ניט געשלאָפן? איר ווילן האט, באַשיימפּערלעך, געפונען אַ ציל...

איך בין שטיל צוגעגאַנגען צום בעט. מיט אַ שטילן קרעכץ איז סטאַשא צוגעפאַלן צום קישן, זי איז ווייטער געשלאָפן. איך האָב זי גערופן. קיין ענטפער ניט.

דער פרימאָרגן איז לאַנג, לאַנג ניט געקומען.

כדי זיך אויסצובאַהאלטן פאַרן דאקטאָר, האבן מיר באַשלאסן אריבערצוקלייבן זיך קיין אָסטיאַ — די באַרימטע ים־שטאט ביי רוים, ווו עס זיינען געשטאַנען נאָך די חורבות פון אַמאָל. מיר זיינען אַרויסגעפאַרן מיט דער עלעקטרישער באַן. עס איז שוין געווען דער סוף פון באַד־סעזאָן. בעסער פאַר אונדז — מיר וועלן קיינעם ניט באַגעגענען.

פאַרנדיק אין באַן האבן מיר גערעדט פון דאקטאר קאַרקאס. סטאשא האט בפירוש געזאָגט, אז זי קאָן אים ניט פאַרליידן. האָב איך אויסגעדריקט מיין וווּנדער, ווי אזוי האט זי זיך אַנטשלאסן צו אַנטלויפן מיט אים פון בעלזאַסאָ, ווי באַלד ער איז איר לכתחילה געווען אזוי דערווידער. נו, זי האט דאָך ניט געהאט, פון וועמען צו קלייבן. און דערנאָך — די געוווינהייט. אַלע טאָג האט זי מיט אים פאַרבראַכט אסך שעהן. ער האט געוווּסט צו דערציילן אסך אינטערעסאַנטע זאכן. ער האָט צוויי מאָל אַרומגערייזט די וועלט.

דאָס אַנטשיידנדע איז אָבער געווען זיין געדולד. שעהן־לאַנג האט ער זי אַרומגעפירט איבער דער אַנשטאלט און אי־בערן גארטן, ווען זי האט געהאט די אָנפאלן פון אישיאַס. ער האט זי געפירט אין אָרעם, און דערביי אזוי צאַרט, קיינמאָל זיך גארנישט דערלויבט. און זי אליין האט איינמאל גענומען זיין אָרעם און אַרומגעלייגט ארום איר טאליע, אזוי ווי זי וואלט געוואלט קריגן אַ בעסערן אָנשפּאַר. דעמאלט האט ער זי צוגע־צויגן צו זיך און געקושט. — בתמימות האט זי דאס דערציילט. שפירנדיק אין זיך דאס נאטירלעכע רעכט פון שיינע פרויען, האט זי ניט פאַרשטאַנען, ווי אכזריותדיק דאס איז צו וועקן אין דאקטאר א האפענונג. „איך האב דאָך געמוזט ווי עס איז ארויס פון געפיינגעניש".

דערווייל איז אָסטיאַ נאָך אַ צוקונפטיקע שטאט. אסך ניט באַלעבטע פּלעצער. אין אָוונט, אז איך האָב אַרויסגעקוקט פון פענצטער איז דאקטאר קארקאס געשטאַנען פאַרן האטעל. עס האט אויסגעוויזן, אז ער איז געקומען צוגלייך מיט אונדז, ווי ער וואלט געווען צו אונדז צוגעבונדן. עס איז געווען אַן אָפענער

פלאַץ. אַלץ האָט געפּלישטשעט אין לבנה־שיין. דייטלעך איז דעם דאָקטאָרס פיגור געווען קענטיק.

„ווי אַ ציל־ברעט", האָט געזאָגט סטאַשאַ, וואָס איז אויך צוגעקומען צום פענצטער. „דו ווייסט אים דאָך: מוזן אומברענגען", האָט זי ווייטער באַמערקט, אַזוי ווי אַ ווייץ. אָבער הינטער דעם האָט מען געמאָגט זיך קלערן אַלערליי ערנסטע זאַכן.

„אַזעלכע ווייצן האָסטו פריִער קיינמאָל ניט געמאַכט", האָב איך געזאָגט שטיל.

און זי, פרייִלעך: „מען ווערט עלטער. מען דערקענט דאָס לעבן".

פאַרוואָס מיינסטו, אַז איך מוז"...

„עס איז געווען נאָר אַ קאַטאָוועס. דו האָסט עס דאָך תיכּף באַמערקט".

איראָניע, וואָס קאָן אַריינברענגען אין כּעס.

„ניין, סטאַשאַ, זאָג ערנסט, דו האָסט מורא פאַרן דאָקטאָר — קאָן ער דיר, אָדער אונדז ווי עס איז ברענגען שאָדן? אָדער איז זיין פּלוצימדיק באַווייזן זיך אַרום אונדז אַ קונץ, וואָס מען קאָן עס געפינען נאָר לעכערלעך?"

„אַוודאי קאָן מען דאָס. פאַרוואָס ניט? אַלץ קאָן מען געפינען לעכערלעך. אַפילו ווען ער נעמט אַרום דעם אָטעם פון קעשענע און לאָזט מיך אַרעסטירן"...

„וואָסער אָטעם, סטאַשאַ? וואָס מיינסטו דערמיט?"

„דו פרעגסט אַסך! ווייסטו עס דען ניט? דאָס פּאַפּיר, אַז איך בין אַראָפּ פון זינען און אַנטמינדיקט". —

„אָבער דאָס האָט ער דיר דאָך אָפּגעגעבן?"

„ריכטיק. איין אָטעמט האָט ער טאַקע אָפּגעגעבן אָבער דו קענסט שלעכט דאָקטאָר קאַרקאָס, אויב דו מיינסט, אַז דאָס איז געווען דער אָריגינאַל. דאָס איז נאַטירלעך געווען אַ פעלשונג, אַ קאָפּיע. דעם אָריגינאַל האָט ער באַהאַלטן, ער וואַרט אויפן מאָמענט, ווען ער וועט מיך אַריינקריגן אין די הענט".

„סטאַשאַ, דאָס איז צופיל. אט דער חשד"...

„יאָ, איך גלויב קיינעם ניט. ניט אים, ניט דיר, קיינעם ניט. אָבער וואָס איך האָב געזען, האָב איך געזען".

„וואָס האָסטו געזען?"

„אַז דאָס איז געווען אַן אַנדער דאָקומענט. ניט דער ריכ־טיקער, וואָס מען האָט געגנבעט".

„האָסטו דאָס ניט באַדאַרפט צערייסן! מיר וואָלטן עס גע־קאָנט איבערקוקן און פאַרשאַפן זיך זיכערקייט. פאַרוואָס האָסטו עס צעריסן?"

„ווייל עס האָט קיין ווערט ניט געהאַט".

„וואָלסטו עס כאָטש מיר באַוויזן"...

„אַ, כדי דו זאָלסט זיך קאָנען איינוויגן רו; דאָס איז נאַ־טירלעך דער עיקר".

עס האָט געקלונגען, ווי איך האָב דאָס ניט געוואָלט דער־לאָזן, ווי בכיוונדיקע רשעות. צי האָט סטאַשאַ דעם דאָקומענט צעריסן נאָר צוליב דעם, בכדי איך זאָל זיך ניט קאָנען באַ־רויקן?...

„ווי עס זאָל זיין" האָט זי ווייטער גערעדט, „טראָג איך זינט נעכטן דעם רעוואָלווער ביי מיר". און זי האָט געעפנט איר האַנט־טעשל צו באַווייזן מיר דאָס געווער־שטיק. אָבער איר פאָס־פאָרישער בליק, געווענדעט צום פענצטער, האָט קענטיק עפּעס אַנדערש פון מיר פאַרלאַנגט.

איז עס דען געווען מיגלעך? האָט סטאַשאַ געקאָנט מיר שטעלן אויך אַט דעם פּרוּוו? פאַרוואָס זאָל איך ניט פרעגן, וואָס זי וויל? זאָל זי זאָגן אָפן...

איך האָב געמאַכט אַ טריט.

„ניין ניט" האָט זי אויסגעשריען. „טו דאָס ניט!"

„וואָס דען?"

„דער דאָקטאָר וועט אוועקגיין".

ווייענדיק האָט זי זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט. האָב איך, הייסט דאָס געטראָפן? — „איך וועל דאָס אַליין טאָן", האָט זי געשריען. „די דאָזיקע מכשפה טאָר ניט בלייבן לעבן".

פון וועמען רעדט זי איצט? מיין אימה איז געוואָרן גרעסער.

אזוי ווי מיינע אויגן וואלטן געפרעגט; ווארום מיר אין פנים איז געווארפן געווארן דער ענטפער: „דיין אגנעס. יא, די! די מכשפה ברייננט מיך אום. זי אדער איך — פאר ביידן איז ניטא קיין ארט אף דער וועלט“.

דא איז קענטיק צוגעגאנגען א מאדנער ביט. געמיינט איז געווען אגנעס, אבער זי איז ניט צו כאפן — האט באדארפט קריגן דעם שאם דער דאקטאר, ווייל צו אים האט מען געקאנט דערלאנגען. גערעכט? אבער דאס איז דאך ניט געווען דאס קע־ניגרייך פון גערעכטיקייט, נייערט דאס קעניגרייך פון ליבע. און ווען איך וואלט געשאסן וואלט דאס אפשר לויט דער לאגיק פון ליבע געווען אזוי, ווי איך וואלט אליין געטויט אגנעס, ווייניקסטנס אין מיין הארץ. און דערצו נאך מיך אליין. יא, מאכן א שטריך און א סוף. דאס איז אפשר געווען דאס בעסטע, אף וואס מען האט נאך געקאנט האפן.

„מיינסטו דאס טאקע?“

איך בין צוגעגאנגען צו סטאשא, ווי מען גייט צו צו א קראנקן, פארזיכטיק האב איך זיך אריבערגעבויגן איבערן בעט. זי האט זיך ארומגעקלאמערט ארום מיין האלז. „איך לייד אזוי — פארשטיי מיך דאך!“ אירע טרערן האבן גענעצט צוגלייך אירע און מיינע באקן.

„סטאשא, געהערן מיר ניט איינס דעם אנדערן אינגאנצן? פארוואס וויינסטו? עס איז דאך אלץ גוט, עס וועט דאך אלץ גוט ווערן“.

די טרערן האב איך איר אפגעווישט. דערביי האב איך אליין געוויינט. „עס איז דאך אלץ גוט“, האב איך כסדר איבער־געחזרט. און זי איז געווארן א ביסל רואיקער דערביי.

אבער דאס אומענדלעכע איז שוין געווען אין אונדז אריינגע־בראכן, האט חרוב געמאכט אונדזערע הערצער, וואס האבן דאס ניט געקאנט אריינגעמען...

דאָקטאָר קאַרקאָס.

דעם אנדערן מארגן בין איך אוועק זוכן דעם דאָקטאָר. אין אָסטיא איז דאס ניט געווען זייער שווער. אין פיר האטעלן האב איך נאכגעפרעגט. צולעצט האָב איך אים געפונען אין א ווילאַ בײם ברעג. ער איז גראד געזעסן בײם טיש און האָט זיך געגאלט. אין צימער זײנען געלעגן האַלב־אויסגעפּאַקטע טשעמאָדאַנעס.

„לאָמיר רײדן, ווי מאַנסביל“ האָב איך אנגעהויבן. „איר זײט ניט געפארן קײן פלאָרענץ? פארוואס? איר זײט אונדז נאָכגעפארן.“

אין צוויי, דרײ זאצן האט ער זיך מודה געווען, אז ער קאן אָן סטאַשאַ ניט לעבן. זאל איך מיט אים טאן, וואס איך וויל.

אין זײן אויפריכטיקײט איז ער מיר געפעלן געווען. אפשר אויך דערפאר וואס חדשים לאַנג האָב איך מיט קײן מאנסביל ניט גערעדט. איך האָב זיך אנידערגעזעצט בײם טיש. „ענדיקט גאלן זיך וועלן מיר דערנאָך רײדן.“

איך האָב מיך ארומגעקוקט. אומעטום אנגעווארפן ביכער, קלײדער. נאר אפן נאכט־טישל איז געשטאנען סטאשאס בילד פון פריערדיקע יארן, — די קלײד האט דערגרײכט ביז די קנעכלעך.

„דאס האט זי אײך געשאנקען?“

„יאָ, אין סאַנאַטאָריע בעלזאסאָ“.

„א פײן בילד. גוט געטראפן“.

מיר האבן געקאנט גאנץ אביעקטיוו רײדן. ער האט דערווײל געענדיקט זיך גאלן. האבן מיר גענומען רואיק ארומרײדן דעם פאל. אַז איך זאל זיך אפזאגן, דערוף וואַרט ער ניט. אָבער ער קאן דאס אויך ניט, דאס האב איך אײנגעזען. איז געבליבן אז מען דארף אפווארטן.

ער איז געווען רואיק. זינט דער סצענע אין פאפוגאיעןבאר האט ער זיך געהאט א סך געענדערט, שטילער געוואָרן, אָבער אָט דידאזיקע שטילקײט האט מיך געשראקן און אײנגעפליסט מיר גלײכצײטיק אכטונג צו אים. זיכערקײט איז געווען אין אלץ, וואס ער האט גערעדט. זיכערקײט ביז אין טויט,

צולעצט האבן מיר אפגערעדט, ער זאל אונדז באזוכן, ער האט דאס שטארק געבעטן. איך האב געזאגט, אז איך וועל פרעגן סטאשא, צי זי איז מסכים. ער האט דאס געפונען פאר זעלבסט־פארשטענדלעך — ער האט אבער ארויסגעזאגט די האפענונג אז איך אליין וועל זיין א בעטער פאר אים ביי סטאשא.

אז איך האב דאס דערציילט סטאשא, האט זי מיך אנגעקוקט מיט גרויסע אויגן. דערנאך האט זי מסכים געווען.

פון דעמאלט אן פלעגן מיר זיך טרעפן זאלבעדריט אלע נאכמיטיק אין רעסטאראן אפן שטראנד און האבן געמאכט צוזאמען לאנגע שפאצירן אפן ברעג, וואס איז שוין געווען כמעט ליידיק פון מענטשן.

וואס פאר א זין וואלט דאס געהאט, ווידער צו אנטלויפן? דער דאקטאר וואלט אונדז סיי ווי סיי געפונען. איז שוין גלייכער אפן ארויסצוטרעטן אין קאמף. נאר אין אן אנדער געשטאלט. דער קאמף איז געגאנגען אין רייד. מען מוז מודה זיין, אז קארקאס האט זיך זייער פיין און ערלעך געהאלטן, ער האט ניט געמאכט קיין פרווו צו דערנענטערן זיך צו סטאשא הינטער מיין רוקן.

מער ניט וואס דען — ער פלעגט מסכים זיין מיט אלץ, וואס סטאשא פלעגט זאגן! קודם כל נאטירלעך דעמאלט, ווען זי האט עפעס געזאגט וועגן מיר. איך האב אפטמאלס געמוזט זיך שטעלן קעגן איר. אשטייגער ווען זי האט געטרונקען צופיל ווייך — איך האב געווארנט, ער פלעגט אלע מאל איר נאכגעבן. זי פלעגט גיין מיט אונדז פון איין שיינק־לאקאל אין צווייטן. פלעג איך רופן שלאפן, פלעגט ער זיין איינס מיט סטאשא, ווען זי פלעגט נאך וועלן גיין אין ביר־שטוב „פלארא", וואס איך האב אהין ניט געוואלט גיין, ווייל דארט איז איינג און אנגערויכערט און שלעכטע מוזיק. עס איז ניט געווען קיין איין געלעגנהייט, ווו ער האט ניט געגעבן די אנצוהערעניש, אז סטאשאס ווילן איז פאר אים א געזעץ.

עס פלעגט טרעפן, אז מיר פלעגן מיטן דאקטאר שפאצירן זאלבעצווייט. סטאשא האט געהאט אנפאלן פון אישיאס. פלעגט

זי בלייבן אינדערהיים און בעטן אונדז לאזן זי אליין, ווען דער דאקטאָר פלעגט קומען אונדז אָפּנעמען צום שפּאַציר. דעמאָלט האָבן מיר גערעדט דער עיקר וועגן סטאַשאַ און וועגן אונדז ביידן. עס זיינען אויך באַרירט געוואָרן אַלגעמיינע פראַגן. ער האָט געהאַט זיינע טעאָריעס, וואָס איך האָב זיי ניט געקאָנט אָננעמען.

אָפּטמאָלס האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער שטייגט מיך שטארק אריבער. דעמאָלט פלעג איך זאָגן: „פונדעסטוועגן וואָלט איר ניט געקאָנט אָפּהיטן סטאַשאַ, אזוי ווי איך. זי האָט אויסטערלישע שטימונגען. דאָ העלפט ניט קיין פעלקער־פּסיכאָלאָגיע.“

„איך וואלט זיך גאר ניט באַגאַנגען מיר איר לויט דער פעלקער־פּסיכאָלאָגיע“.

„איך וואלט זי דערהרגעט“.

ער האָט מיר פארחידושט דורך דעם זאַץ, וואָס שפּעטער האָב איך אסך וועגן איס געטראַכט און וואס האָט געקראָגן אַזאַ מאַוימדיקן באַטייט: „אפשר וואלט דאָס געווען בעסער פאר איר“.

אזעלכע שמועסן איבער ווייטע ענינים האָבן געקאָנט לפנים פאַרשטופּן די פּיין, אָבער וואָס האָט זיך דערמיט געביטן? — אינדערהיים האָט סטאשא מיך אנגעקוקט מיט פיבערדיקע אויגן. זי האָט פון מיר געוואָרט אף עפּעס, איך האָב דאס וויל גע־וווּסט. עפּעס אַנדערש ווי שמועסן האָט זי פון מיר געוואָרט — איך זאָל טאָן.

„פון וואָס האָט איר גערעדט?“ האט זי געפרעגט קאַלט.

„נישט באַזונדערס“.

„האסטו אים ניט ווידער געפרעגט וועגן אַטעסטן?“

און איינמאָל, אַז מיר האָבן אין שטראַנד־קאַפע געטרונקען טיי, האָט זי אים אליין געפרעגט. „דאקטאר, איך מיין, איר האָט נאָך אַלץ דעם עכטן דעקרעט, וואָס מאכט מיך פאר אַ שקלאַווין“.

ער איז געוואָרן בלאַס. ער האט געשוואָרן ביי אלע הייליקע.

„איך זע דאס נאָך אייך, אַז איר לייגט“, האט זי געזאגט שטאַרק ערנסט. דערביי האָט זי מיר דערלאַנגט איר האַנט־טעשל. „טו נאר אַ קוק, ערווין, צי מיין נאָזטיכל איז דאָ פאַראַן“.

עס איז געווען קלאר, וואס זי וויל פון מיר האָבן.

איך האב איר דערלאנגט דאס נאָזטיכל.

זי האט אף מיר געוואָרפן א בליק פון פאראכטונג.

אזוי ווי צו באגיטיקן, האט זיך אריינגעמישט דער דאקטאר און אנגענומען זי פאר דער האנט — דאס ערשטע מאָל, ווען ער איז איר געקומען אזוי נאָענט: „געגעדיקע פרוי — אייער מאַן איז גערעכט — דאָ ווערט דאס זיין צופיל טומל". ער האט אזוי ווי געמאסטן מיטן בליק די מענטשן ביי די ארומיקע טישלעך און געלאָזט דערנאָך דאס אויג שווימען אין דער ווייטקייט פון ברעג, דארט, ווו עס האט געבלאָזט דאס פיניען=ווערדל.

איך האָב אים אנגעקוקט מיט אימה. שוין זשע האט ער ארויסגעפונען, וואס סטאשא האלט אין טעשל.

סטאשא אָבער איז געווען אופגעבראכט, אזוי ווי עמיצער וואלט זיך געהאט אריינגעריסן אין איר טואלעט=צימער. זי האט צוגענומען דאס טעשל פון מיר. „גוט געטראפן, דאקטאר". זי האט אים באוויזן דעם ברוינינג. ביידע האבן אים געניי באטראכט. „זעקס שאסן. ניט קיין שלעכטע סיסטעם", האט געזאגט דער דאקטאר. „איצט ווערט איר זיך שוין היטן פאר מיר", האט סטאשא באמערקט. דערויף דער דאקטאָר רואיק ווי געווינלעך: „איך האב גאר ניט בדעה אייך צו טאָן שלעכטס".

אין דערדאָזיקער נאכט האט צום ערשטן מאל אנגעהויבן שפראצן דער געדאנק: איך קען און איך דארף אפשר פארט פרווון זיך צו באפרייען פון סטאשא.

איך האב דעם געדאנק אפגעווארפן. אָבער שוין דאס, וואס ער האָט זיך באוויזן, איז שוין געווען ענלעך פון דערווייטנס צו אָ באשלוס. איך האב געפרווט מיינע כחות. ווערט דאס זיין מיגלעך צו לעבן אָן סטאַשאַ? אפשר פארט. מען מוז זיך צוגרייטן צו אזא וועגדונג, זי זאל ניט קומען אומגעריכט...

דעם אנדער טאג איז סטאשא געווען אסך צוגעלאָזטער צום דאקטאר, ווי ביז אהער. מאמענטנווייז האט געקאנט אויסווייזן, אז איר גאנצע איינגעהאלטנקייט איז אוועק. עס איז געווען איינמאל נאך וועטשערע, ווען זי האט אים געבעטן, ער זאל

דערציילן פון זיינע נסיעות — יענע מעשיות, הייסט דאס, וואָס זיינען איר פריער געווען געפעלן. ביי דעם שמועס האט זי כמעט שוין געהערט אים מער, איידער מיר.

איך בין שוין געווען גרייט ארויסצופלאַצן. סטאַשאַ האט עס באמערקט. תיכף האט זי פארטאפלט אירע שמייכלען פארן דאָקטאָר.

עס איז מיר געווען קלאר, אַז איך וועל קיינמאָל פון איר ניט פריי ווערן. שוין אט דער שמייכל האט מיך געבראכט נאָענט צו משוגעת. מיין פולס האָט געשלאָגן האסטיקער. דאס האט ווי געטאן פון קאָפּ ביזן פוס אין אַלע אָדערן. עס האָט מיך באַטויבט. קערפערלעך איז דאס ניט געווען אויסצוהאַלטן. דאס אבער האט באשאפן א געוויסע פסיכישע דערלייכטערונג: איך בין געווארן פטור פון אינעווייניקסטן קאמף. דער מיין פריי צו קומען איז, קענטיק, ניט געווען דורכצופירן. צוליב וואס נאך פטרן דערוף כח? איז ניט גלייכער אנצווועגדן אַלע כחות אף איינצוארדנען ווי עס איז די ליבע, מען זאל יא קאנען אויסהאַלטן. איין מאמענט האט זיך מיר אבער אויסגעוויזן אן אנדער אויסוועג ריכטיק: סטאשא צו האלטן פעסט און זיך פון איר פריי צו מאכן — שטרעבן צו ביידעם גלייכצייטיק — אויב דאס וואלט געווען מיגלעך!

אזוי זיינען פארביי עטלעכע טעג. איך האב געמיינט, איך גיי אונטער. סטאַשא האט דאס געזען, זי האָט אָבער גאָרנישט געטאָן, צו פאַרלייכטערן מיין לאַגע.

איטלעכן אָוונט איז סטאַשאַ געגאנגען מיטן דאקטאר אין דער ביר־שטוב „פלאָראַ“. „דיר שטערט דאָך די שלעכטע מוזיק!“ — מיט די ווערטער האט זי זיך געזעגנט מיט מיר פאר דער טיר און איז אַריין אַהין מיטן דאקטאר. איך האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי איך גיי אַוועק. אָבער דאס איז דאָך געווען אוממיגלעך. האָב איך גענומען ארומגיין אין גאַס פארן שיינק אהין און צוריק. איך האב אַריינגעקוקט אין די באַלויכטענע פענצטער. אַמאָל פלעגט אין דעם דיקן רויך פאַרבייטאַנצן — סטאַשא. זי האָט געטאנצט מיטן דאקטאר. איך האָב געגווי צוגע־

קוקט, בין געווען אויפגערעקט. איך האב דאך פארשטאנען אלע פיינקייטן פונם טאנץ. דאס שרעקלעכסטע זיינען געווען די פערטל־שעהן, ווען איך האב ביידן נים געזען. אפשר זיינען זיי געזעסן ביי א טיש אין ווינקל, זיי האבן אויך געקאנט ארייז אין א באַזונדער צימער... אלע מאל איז דאס געווען א דערלייכטערונג, ווען זיי פלעגן ווידער פארבייטאנצן. איצטער שטיי איך און קוק אריין, געגוי ווי נים לאנג דאקטאר קארקאס דורך אונדזער פענצטער!

איין מאל האט זי מיך באמערקט דורכן פענצטער. האט זי דעמאלט גענומען אפטער ווארפן בליקן אף דרויסן, בכלל אבער האט זי זיך געפירט ווי פריער. אויך איך, הגם איך האב זיך זייער געשעמט, האב דאך נים געפונען פאר נויטיק צו פארלאזן מיין פאסטן.

ארום האלבער נאכט זיינען ביידע ארויס פון לאקאל. סטאשא האט זיך געמאכט, ווי זי דערזעט מיך ערשט, און איז מיט גרויסע טריט צו צו מיר. „דו ביסט געקומען מיך אפנעמען, דאס איז שיין" האט זי געזאגט זייער פריינטלעך און האט מיך גענומען אונטערן ארעם. דער דאקטאר האט געשפאנט נעבן אונדז. מיר האט אויסגעוויזן, אז זי האט אויפגעטעמט, ווי זי האט מיך דערזען. און עס איז געווען אזוי פיין פון איר, וואס זי האט נים גערעדט וועגן מיין הכנעהדיקן ווארטן. קענטיק, זי האט גע־וואלט מיך שוינען. — די ווייטערדיקע אוונטן איז געווען ווי א מין שטילער אפמאך צווישן אונדז: איך בין געשטאנען אונטערן פענצטער און האב אריינגעקוקט, און סטאשא, איטלעכס מאל, ווען זי פלעגט פארבייטאנצן, פלעגט זי ווארפן בליקן אין דרויסן. און אז זי פלעגט פארלאזן די ביר־שטוב, זיינען אירע ערשטע ווערטער געווען: „ווידער אפגעווארט? די גאלאנטקייט מוז איך לויבן".

זי האט מיט זיך געקעמפט, די ארעמע סטאשא. איך האב דאס גוט געפילט. עס איז געווען א קאמף אף לעבן און טויט. „איך וועל נים אפלאזן" האב איך געשעפטשעט אפט אין די לאנגע שעהן, בעת איך האב געווארט פאר דער „פלארא", —

„איך וועל דיך ניט אפלאזן. און אין פארויס בין איך דיר מוחל אלץ, וואָס דו וועסט טאָן, ווייל איך האָב דיר ליב. דעם קרבן ברייננ איך דיר. ריכטיק און גוט וואָלט אַלץ געקאָנט ווערן, אויב מיר וואָלטן ביידע געקומען אנטקעגן איינס דעם אנדערן, ביז א געוויסן זין געבּראכט א קרבן אונדזער אייגענעם איך, בכדי איינס דאס אנדערע גליקלעך צו מאכן. אנטקעגן קומען איז אמת, ניט ליבע. דאס זיינען צוויי גאָר פארשיידענע זאכן. אף א רעטעניש־פולן וועג זיינען זיי עטלעכע טעג געווען פאראייניקט, דאָס זיינען געווען טעג פון גליק, דאָס איז געווען גן־עדן.

איטלעכער טריט אַראָפּ פון דעם וועג איז צעשטערונג. צי איך טו דאָס, צי דו. דו מאַכסט איצט די טריט. קאָן איך די צעשטערונג אָפּהאַלטן? גוט קאָן שוין מער ניט ווערן. איך קאָן אָבער אפשר פון מיין זייט העלפן, אַז די צעשטערונג זאָל ניט ווערן נאָך ערגער. איך קאָן פארהיטן פון איבעריקן אומגליק, וואָס קאָן שוין אַראָפּפאַלן (עס לאָקערט שוין פון אַלע זייטן). מער טו איך ניט, עס איז ווייניק גענוג...

און אפשר איז דאָס דאָזיקע שקלאווישע האַלטן זיך פאַר סטאַשאַ ניט דאָס ריכטיקע! אפשר איז עס בעסער פאַר איר, אַז איך זאָל זיך באַגיין מיט איר ניט אַזוי איידל? אפשר זאָל איך דורך אַ לייכטן שטופּ זי מאַכן פריי עפענען פאַר אַ נייעם וועג...

און דעמאָלט איז סטאַשא ארויסגעקומען פון דער רוויכיקער טיר, דער דאָקטאר הינטער איר. „וואָס זאָגט איר דאָקטאָר? ער איז ווידער געקומען מיך אָפּנעמען! וואָס פאר אַ גוטן מאַן איך האָב!" און דאָס האָט זי געזאָגט אַזוי האַרציק, אָן סימן פון איראָניע.

איינמאָל, אַז מיר זיינען געגאַנגען שפּאַצירן טיפער א ביסל אין לאַנד, האָט צו מיר אַ וווּנק געטאָן פון וואָקזאַל אוים א דאַמע, וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט פון אַ הויכן, ברייטפּלייציקן מאַנסביל.

איך בין צוגעגאַנגען נעענטער. דאָס איז געווען דאָראָטי. זי האט מיך פארגעשטעלט איר מאַן.

פון רוים, ווו זיי האָבן פארבראכט עטלעכע וואָכן, זיינען זיי געקומען, אבער אף א טאָג. איר מאַן איז געווען א באַנקיר פון לאַיבאַך, מיט דאָראָטי האָט ער חתונה געהאַט פאר דריי־יאָרן, באַלד נאָכן קריג. מיר האָבן פארפירט א ליטישן שמועס איבער וועלט־זאַכן. — דאָראָטי איז נאָך געווען שלאַנק, אָבער אַ ביסל פולער ווי צו דער צייט, ווען איך האָב זי געליבט. דאָס פאמיליען־לעבן איז איר קענטיק גוט באַקומען. זי האָט געהאַט א מיידעלע פון צוויי יאָר, געבליבן ביי איר מוטער. מיר האָבן זיך געזעגנט, און זיי האבן מיר געלאָזן זייער אדרעס אין רוים, מיט דער הוספה, אַז זיי בלייבן דאָרט נאָך צוויי־דריי טעג.

איך בין צוריק צוגעגאנגען צו סטאשא און צום דאָקטאָר. סטאשא האָט מיך אנגעקוקט מיט גרימצארן: „דיין אַגנעס, ניט אמת?״

עס איז געווען גרינג צו באווייזן, אַז זי האָט אַ טעות. דער דאקטאָר האט דאס באשטעטיקט. דערצו האט דאך די דאַמע געהאַט א מאַן. עס איז געווען אן אַלטע באַקאנטע, דורכויס גלייכגילטיק. „אבער ווי האָט זי אף דיר די פּיס געשצירעט!״ האט סטאשא געזאגט מיטן שארפן בליק פון דער אייפערזוכט.

איך האב געפרווט שמייכלען איבער דעם אויסטערלישן אויסדרוק — אין גרונט איז דאָס געווען געניאַל צוגעטראפן, ווארום דאָראָטיס גאנג פלעגט אלע מאָל האבן אף מיר א באַזונדער ווירקונג.

סטאַשאַ איז ניט געווען צו באַרואיקן. „איר האט זיך ביידע פאַרבונדן קעגן מיר, דו און דער דאקטאר; איר שפילט איינער דעם אנדערן אין האנט אַריין״. עס איז געווען ווי אַלץ וואלט אין איר געווען צעגאַנגען, איינגעטאַמעוועטע מאַסן האבן גענומען פליסן. אַלץ, וואס זי האט געהאט אפן הארצן קעגן ליזערל, קעגן מיין פאַמיליע, קעגן אַגנעס, האט אויסגעבראכן. אַזוי ווי אַלע השערות וואלטן דורך דער דערשיינונג פון דאראטי געוואָרן צו פעסטע קערפּערס. די דאזיקע דאַמע איז אין אירע אויגן געווען מיין גאנצער עבר, א דייטלעכער צייכן, אז אין דער טיף פון מיין נשמה בין איך געווען ניט געטריי. זי האט גערופן דעם

דאקטאר, וואס איז געווען בעת אונדזער אויסטענען זיך געבליבן פון הינטן. „היינט גייען מיר ווידער טאַנצן — און דו —" צו מיר: „דו זאלסט היינט ניט קומען מיך אפנעמען". דערנאך איז זי צוגעגאנגען הארט צו מיר, באקוקט מיך פון אויבן ביז אראפ. „און אויך אונטער די פענצטער דארפסטו היינט ניט שטיין. עס האט קיין זין ניט. איך וויל דאס ניט".

דער דאקטאר האט זיך איינגעהאָרכט.

„יאָ — ער שטייט דאך שעהן לאנג פאַר „דער „פלאָרא״, האט זי אויסגעטייטשט דעם דאקטאר. „אזוי ווי מיר וואלטן גע־קאנט אמאָל פון אים אנטלויפן. וואס זאגט איר דערצו?״

מיך האט דאס געטראפן ווי דער בראך פון א הייליקן אָפּ־מאך, וואס האט אונדז געבונדן — און נאָך הייליקער דערפאר, וואס ער איז מיט ווערטער ניט געווארן באקרעפטיקט. איצט האב איך געפילט, אַז דאס לעצטע בריקל איז איינגעפאלן. מיט אזא אָפענעם חוזק האט סטאשא נאך קיינמאל ניט געהאַט גערעדט.

מיר זיינען געגאנגען מיטן ברעג ים, סטאַשאַ און דער דאקטאר פאָרויס, איך פון הינטן. דער אָפּשטאַנד איז געווארן אַלץ גרעסער. נאָר וואס איך האָב געטראגן סטאַשאס פּאָטאָ־אַפּאַ־ראַט, איר שאַל און איר מאַנטל. דאס האט באטייט א געוויסע פארבינדונג. איך האב געהאַט חשק אוועקצווווארפן די אַלע זאַכן אין זאַמד. ווי א פּאַק־אייזל האט זי מיך באלאדן — איך קאַן עס מער ניט דערטראגן. אַמאָל האָב איך געהאַט דערפון פאר־גענִיגן; איצט האָב איך געשפּירט נאָר בזיונות.

סטאשא האט מיך גערופן. „איך האָב אַזאַ רייסן אין היפט ווילסטו מיך ניט שטיצן?" זי האט זיך אן מיר אנגעהאַנגען, האָט אַ ביסל אונטערגעהונקן. דאסמאל האט עס טאקע געמאַכט דעם איינדרוק ווי זי וויל נאָר שפּילן קאָמעדיע. „ניין, דער דאקטאר וועט מיך פירן", האָט זי פלוצים געזאָגט. „ער קאַן דאס בעסער. דערמאנט איר זיך, דאקטאר, ווי איר האָט מיך געלערנט גיין אין בעלזאסאָ?".

די געפאַקטע געשטאַלט איז צוגעקומען. סטאַשאַ האָט גע־נומען זיין ארעם. דער דאָקטאר איז באשיימפערלעך ניט געווען

מסופק דערין, אַז זי איז מיט אַן אמת קראַנק. ער האָט זי גענומען פירן זייער פאָרזיכטיק — „הונט“ האָב איך געזאָגט פאַר זיך.

און אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אומגעקערט: „האָט איר עפּעס פריער געזאָגט?“

איך האָב געשוויגן.

מיר זײַנען דאָסמאָל געגאַנגען ווײַטער, ווי געוויינלעך. דאָס פּיניען־ווערדל האָבן מיר געלאָזן הינטער אונדז. קיין לעבעדיקער נפש איז ניט געווען. אָסטיאַ איז געלעגן ווײַט פון אונדז.

דער דאָקטאָר איז געבליבן שטיין. און אַז איך בין צוגעקומען צו זיי, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „אײַער מאַן שלעפּט צו פיל. איך נעם בײַ אים צו דעם מאַנטל און דעם אַפּאַראַט. גיט אים אָנשטאָט דעם דאָס האַנט־טעשל“.

סטאַשאַ האָט מיר דערלאַנגט דעם טעשל, איך האָב עס גענומען.

זיי ביידע זײַנען געגאַנגען פאָרויס. פּאַזע דעם פעסטן שטרייף, וואָס די כוואַליעס לאָזן איבער אין זאַמד. מען מוז זײַן אָפּגעהיט, דאָס וואַסער זאָל די שיך ניט פאַרפּליוצן. זיי זײַנען געגאַנגען זייער נעט צוגעדריקט צו אַנאַנד — די „קראַנקע“ און דער דאָקטאָר. „זײַן רוקן איז זייער ברייט“ — האָב איך מיר געזאָגט. איטלעכס מאָל, ווען אַ כוואַליע איז געקומען, האָבן זיי אופגעלאַכט. אַזוי פריילעך זײַנען זיי געווען.

סטאַשאַ האָט מיך נאָך אַלץ ליב — האָב איך מיר געזאָגט.

און דערנאָך ווידער אַמאָל: „אַ ברייטער רוקן, דאָ מוז מען טרעפן“.

און סטאַשאַ האָט מיך נאָך אַלץ ליב“. אויך דאָס איז ליבע צו מיר, וואָס זי טוט דאָ הײַנט. אויך דאָס, וואָס זי שעפּטשעט זיך איצט מיטן דאָקטאָר. אפשר ריידן זיי אָפּ! הײַנט אײַנאָווענט צו אַנטלויפן?

איך האָב געעפנט דאָס האַנט־טעשל.

פון צייט צו צייט פלעגט זיך דער דאקטאר אומקוקן אַף מיר. זיין פּנים אין יענער שעה וועל איך קיין מאל ניט פארגעסן. עס האט אין זיין גראָקייט אויסגעוויזן ווי צונויפגעגאסן מיט זאמד, מיטן ווינט, מיט דעם אייביקן פארגיין פון דער נאטור. ער איז שוין צעגאנגען, איבערגעגאנגען אין אַן אנדער לעבנס־פאָרם. טייל־מאל האט ער אנגעקוקט סטאשא ווי פארלארן, און זיין בליק האט געררעדט: „סטאשא, זעט איר, עס געשעט, ווי איר פארלאנגט".

דער שפּאציר איבער די זאמד־בערגלעך האט זיך ניט געוואלט ענדיקן. ווי אין פיבער האבן זיך פארשטעלונגען געיאגט ביי מיר אין קאפּ.

„איר וועט דאך דערלויבן", האט ער געזאגט און האט ארומגעלייגט די האנט ארום סטאשאס טאַליע.

„יאָ, אַזוי איז דאָס בעסער. איצט גייט עס גוט", האָט זי דערקלערט.

נאָך אַלץ ליבט זי מיך — און דער רוקן איז ברייט. עט־לעכע מינוט זיינען אריבער.

„אַזוי האָט איר דאָס געמאַכט אויך אין בעלזאַסאָ", האָב איך געהערט סטאשא. „איצט האט איר געפונען דעם רעכטן שניט".

ביידע האבן זיך צעלאַכט.

ווי שטיפנדיק האָט זי גענומען שטופּן דעם דאָקטאָר אַהין און אַהער. — ווי אַ ציל־ברעט, איז מיר איינגעפאַלן. איצט האָט ער זיך מיט א כיוון אַ דריי געטאָן אַזוי, אַז ער איז אַנידער־געפאלן. איצטער איז ער געלעגן שטיל. די ציל־ברעט אין רו. מען האט געפילט, ווי די צייט גייט. פאַוואָליע האָט ער צוגע־ווענדט דעם קאפּ צו סטאַשאַ — מיר ליגן לויטן באַפעל... און איצט — פון דער ערד האָט ער ארופגעקוקט צו מיר — אַ מוראדיקע שטומע איינלאַדונג אין בליק.

דערנאָך האט ער זיך אופגעהויבן. אָפּגעגאנגען אַ פּאָר טריט. מיר איז געווען, ווי עס וואלט הינטער אים גערונען בלוט אין זאמד אַראָפּ. א נייער איינפאַל. ער הויבט אוף אַ שטיין און ווארפט אים קעגן אַ פעלז. „עס קנאלט — אָבער קיינער הערט

עס דאָ ניטע". עס איז טאַקע אַרום און אַרום קיינער ניט געווען צו זען. איך האָב געלאָזן פאַרבייגיין נאָך עטלעכע סעקונדעס. זיי ביידע אַרומגענומען האָבן זיך געלאָזט גיין ווייטער.

איך האָב אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און האָב אויסגעשאָסן. אין רעכטן ווינקל צום ברעג, אין די כוואַליעס אַריין.

בײַם ערשטן שאָס האָט סטאַשאַ זיך אומגעקערט מיט נצחון. דער דאָקטאָר איז געבליבן שטיין מיטן רוקן אויסגעדרייט צו מיר — ווי צו אים וואָלט אָט דער גאַנצער לאַרם גאָר קיין שייכות ניט געהאַט.

האָט סטאַשאַ באַמערקט, ווען איך האָב געשאָסן, מיט אַ געשריי איז זי צוגעלאָפן צו מיר. איך האָב שוין דערווײַל אויסגעשאָסן אַלע זעקס קוילן אין וואַסער אַריין. דער רעוואָלווער, וואָס זי האָט אַרויסגעריסן בײַ מיר, איז געווען ליידיק.

איך האָב זיך אומגעקערט און בין אַוועק צוריק אין שטאָט.

איך בין געבליבן אינדערהיים: הגם איך האָב געוווּסט גענוי, אַז סטאַשאַ מיטן דאָקטאָר גייען מיר ניט נאָך, אַז זיי גייען אויך ניט אין דער ביר-שטוב, נאָר גלייך צום באַן.

איך האָב מער קיין כּח ניט געהאַט דאָס אויסצוהאַלטן. האָב איך גאָרנישט ניט געטאָן. אין לעצטן אויגנבליק האָט מיך די ענערגיע פאַרלאָזן. איך האָב סטאַשאַן אָפּגעגעבן. אין פּלוג זעט אויס, אַז זי האָט מיך פאַרלאָזן, ניט אמת? אָבער דאָס איז נאָר לפּנים. אין דער אמתן האָב איך זי פאַרלאָזן, ניט זי מיך. איך האָב אַזוי גרינג געקאָנט זיי שטערן אַנטלויפן. איך האָב געדאַרפט גיין צום באַן, איך האָב געדאַרפט פאַרהיטן סטאַשאַ פון אומגליק. עס וואָלט מיר דאָס געוויס זיך אײַנגעגעבן. — איך אָבער בין געזעסן אין אונדזער צימער און האָב זיך שעהן לאַנג פאַרנומען מיט אַן אַרבעט, וואָס מיר האָבן שוין לאַנג געהאַט אָנגעמערקט: ברענגען אין אָרדענונג און אײַנקלעפּן אין אַלבום אונדזערע פאָטאָגראַפיעס. אַלע דידאָזיקע קליינע בילדער מיט די ערטער, וווּ מיר זײַנען דורכגעפאָרן, מיט די האָטעלן. איך האָב שוין בײַ אַנדערע ניט געוווּסט צו באַשטימען דעם סדר. „זעסטו, סטאַשאַ", האָב איך גערעדט פאַר זיך, „אַזוי אָפּט האָב איך דיך

געבעטן — איצט איז עס צו שפּעט — איצט געדיינק איך שוין מער ניט". דערביי איז מיר איינגעפאלן, אז זי האט נאך ניט אָנגעשריבן דעם בריוו צו דער שוועסטער אין סטאָקהאָלם, ניט געקוקט אף אלע מיינע בקשות און אף אירע הבטחות. דאָס האט מיר געערגערט, דאָס האט מיר ווי געטאן. זעסטו, אפילו אָט דעם קליינעם צוליב האסטו מיר ניט געטאן. אזוי אפט האב איך דאָס געבעטן ביי דיר — ניין און ניין. אפשר האט זי גארניט קיין שוועסטער אין סטאקהאלם, האב איך דערנאך געטראכט. און אַפשיקן א בריוו אין דער וועלט אריין האט איר ניט געפאסט. — אָט די וועגדונג האט כמעט אפּגעשוואכט דעם ווייטיק פון מיין הארץ. צולעצט איז מיר נאָך איינגעפאלן, אז איך האב נאך אין פארטפעל אַ פאָטאָגראפיע פון סטאשאַ, וואס זי האט מיר געגעבן אין יענעם אוונט, ווען מיר זיינען אנגעקומען אין רוים. די האט אויך באדארפט אריינקומען אין אַלבום. אף דער צווי־טער זייט איז געשטאנען: „איך בין דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט. דאס איז טאקע מיט אַן אמת די ריכטיקע סטאשא". אָט דאָס בילד האב איך צוגעקלעפט מיט איין זייט, אזוי אז מען זאל דאס קענען אופהויבן און אָנקוקן אויך די אַנ־דער זייט.

באַגינען.

ערווין מאַירעדער האָט געהאַט געענדיקט זיין דערציילונג.

ביים סוף האָב איך אַלץ אָפטער געמוזט זיך כאַפּן פאַרן בריוו פון מיין מיידל, וואס איז געלעגן אין מיין קעשענע. אַזוי וואלט איך מסתמא געשפירט, ווי די ערד גליטשט זיך אויס פון אונטער מיינע פיס, אין דעם צער און ניט־זיכערקייט פון דעם, וואָס איז דערציילט געווארן. מיינע פיס זיינען אויך געווען מיד. מיר זיינען ארומגעגאַנגען די גאַנצע נאַכט, זיך צוגעזעצט דאָ און דאָרט; דערנאָך ווידער שוין לאַנג גאַס אויס גאַס איין. איצט באַ־גינען זיינען מיר געזעסן אין א קליינעם קאַפע. דער קעלנער האט אַריינגעטראגן ביים הילצערנעם הענטל אַ קרוג מיט רוי־כערנדיקער קאַווע און האָט איינגעגאָסן מיט אַ הויכן שטראַל, אַזוי

אז פון צווען אליין איז שוין געוואָרן ווארעמער. „היינט איז די קאַווע געוואָרן זייער לאַנג“, האָט ער באַמערקט מיט אַ פריינטלעכן ווייץ.

„איז עס פאָרט געוואָרן אַ „נאַכט פון ליבע“, האָב איך געזאָגט צו מיין געוויזענעם אָפיציר, זיך סטאַרענדיק אריינצולייגן אין מיינע ווערטער וואס מער דאַנק און העפלעכקייט.

ער האָט אויפגעהויבן זיין באַמבוס־שטעקל און עס ווידער אַראָפגעלאָזט: דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום טאָמבאַנק און באַשטעלט קאָניאַק.

„יאָ, איך האָב זייער נויטיק, צו קומען אַמאָל אין אַזאַ שיינקל“. דער טישל פון ריעווי האָט אים דערמאַנט, ווי אַזוי מיר האָבן זיך געטראָפן. ער איז געווען מיר דאַנקבאַר. „עס איז אַ הילף פאַר מיר, עס הויבט מיין אכטונג צו זיך אַליין. ווען איך זע, וואָס די מענטשן טוען אָפּ, בכדי זיך צו שאַפן אַ סוראָגאַט פון ליבע, וואס האָט קיין שום ווערט נישט — ווי זיי זוכן גאָלד, ווו עס איז לחלוטין קיין גאָלד ניטאָ. — צי זאָל איך דען באַדויערן, וואס איך האָב צוליב דער אמתער ליבע פאַרשפּילט מיין פאַמיליע, מיין באַרוף, מיין כבוד, מיין לעבנס־גליק, אַלצדינג? האָב איך צופיל געטאָן? ניין! קיינמאָל איז פאַר ליבע נישט צופיל.

וואָס איז געוואָרן מיט סטאַשאַ, מיטן דאָקטאָר? האָט ער וועגן זיי מער גאָרנישט געהערט? — איך האָב אים געבעטן מיר דאס נאָך צו פאַרענדיקן.

נאָר ער האָט גערעדט דאס ווייניקע, און צו הערן מיך: „גיכער צו ווייניק. דערפאַר בין איך דאָך טאַקע געוואָרן צו יענעם עלנטן שיינקל־באַזוכער, ווי איר זעט מיך. וויל איך האָב מיך נישט אָפּגעגעבן אינגאַנצן. וויל איך האָב אַ קליינעם רעשט פון מיר באַהאַלטן פאַר זיך! איך באַקלאָג זיך נישט. איך האָב געהאַט מער, ווי דער רוב מענטשן קאָנען זיך חלומען. עטלעכע טעג פון פולקומענער ליבע, די טעג פון גליק. אונטער באַזונדערע תּנאים האָבן זיי געקאָנט בלייבן אַ גאַנץ לעבן. נאָר אַזוי ווי אויסערגעוויינלעכע אומשטאַנדן האָבן די טעג פון גליק געבראַכט, אַזוי האָבן אויסערגעוויינלעכע אומשטאַנדן געמאַכט פון זיי אַ סוף. —

אז עס איז אַף מיר אָנגעפאַלן אַ שרעקלעך אומגליק, האָב איך געשפּירט בעתן מיין טרויעריקן הינערפלעט אין אָסטיאַ בײַם קלעפּן די פּאָטאָגראַפיעס. איך האָב געשפּירט אַף זיך די משא פון אַלע קומענדיקע יאָרן. איך האָב לחלוטין ניט געקאָנט אופשטיין פון שטול. און אויך דעם צווייטן פרימאָרגן, בשעת איך בין מיט דער עלעקטרישער באַן געפאָרן קיין רוים, בין איך געווען אינגאַנצן באַטויבט, האָב ניט געוווּסט, וואָס מיט מיר איז געשען.

אין האָטעל בין איך אַנידערגעפאַלן קראַנק. איך האָב ווידער געבעטן געלט אינדערהיים. מען האָט מיר צוגעשיקט נייע געלט. איך האָב דאָס אויסגענוצט נאָכצופאָרן סטאַשאַ. איך בין אַוועק קיין ווין, ווו דער דאָקטאָר האָט געהאַט אַ וווינונג. דאָרט האָב איך זיי ניט געטראָפן, נאָר אַ ידיעה האָב איך געקראָגן, אַז זיי זיינען אין פראַנקרייך. אַזוי בין איך געקומען אין פּאַריז. בײַ מיין ברודער האָב איך אַלץ געצויגן געלט. איצט, אויב איך וועל פאַרווירקלעכן מיין אידיי מיט די געברענטע ניס, וועל איך קאָנען אָפּצאָלן מיין חוב. צולעצט איז מיין ברודער קענטיק דערעסן געוואָרן מיר צו שיקן געלט. — ער האָט דערוויל חתונה געהאַט מיט אַגנעס. איך קאָן אים דאָס ניט פאַרדיינקען, וואָס ער האָט מיר אופגעהערט שרייבן. מיינע פאָרעלטערן האָבן געמוזט אויסוויזן לייכטזיניק און משוגע. עס איז געווען מאָדנע, אַז עס האָט מיך ניט שטאַרק געאַרט, וואָס איך האָב איבערגעריסן די פאַרבינדונג מיט דער פאַמיליע, בעת סטאַשאַן האָב איך אפשר אָנגעוואָרן נאָר דערפאַר, וואָס מיר איז געווען שווער זיך צו באַפרייען פון דער פאַמיליע.

אַז דאָקטאָר קאַרקאָס האָט בײַ אַ שטרייט דערשאָסן סטאַשאַ, האָב איך געלייענט אין צייטונג. ער האָט מיט איר ניט געקאָנט אויסקומען, ער האָט זי ניט פאַרשטאַנען. אַז עס וועט זיך מיט די צוויי ניט אויסלאָזן גוט, האָב איך לכתחילה געוווּסט. דערפאַר איז דאָס געווען אַ פאַרברעך, פּשוט אַ פאַרברעך, וואָס איך האָב זי איבערגעענטפערט דעם דאָקטאָר. מיר אַליין דאַרף איך דאָך ניט איינריידן, אַז זי איז פון מיר אַנטלאָפן. איך האָב זי גאָר פּשוט אַוועקגעשיקט, ווי מען שיקט אַוועק אַ דינסטמיידל,

וואָס מען איז מיט איר ניט צופרידן. אַז איך בין איר נאָכגעפאָרן, געזוכט זי מיט די לעצטע כחות ווו עס איז נאָר געווען אַ שפור, דאָס איז אפשר דאָס איינציקע, וואָס קאָן פאַרקלענערן מיין שולד. איך האָב זי טאַקע געפונען אויך. דאָ אין פאַריז. — זי האָט געוווינט מיטן דאָקטאָר קאַרקאָס. עס איז זיי געגאַנגען שלעכט. דעם דאָקטאָרס פאַרמעגן איז כמעט געווען פארנוצט (ער איז געווען גאַנץ רייך). איך האָב געטראָפן סטאַשאַ צופעליק. חדשים לאַנג האָב איך זי געזוכט אומזיסט. פלוצים איז זי מיר אומגעריכט געקומען אנטקעגן. זי האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך. איך בין גלייך מיטגעגאַנגען. אונטערוועגס האָבן מיר כמעט ניט גערעדט. זי האָט נאָר געמאַכט די באַמערקונג, אַז דאָס זיידענע העמד, וואָס איך טראָג, האָט זי געקויפט. „איך טראָג עס גערן", האָב איך געענטפערט. דעם דאָקטאָר האָבן מיר געטראָפן אינדערהיים. ער האָט מיך באַגריסט העפלעך, זייער איינגעהאַלטן. אַנדערש האָב איך זיך ניט געריכט. צי מיר האָבן שוין אַלץ געזאָגט איינס דעם אַנדערן — אָדער מיר ווילן נאָך ריידן אונטער פיר אויגן — האָט ער געפרעגט. ער וועט דערווייל אַריין אין צווייטן צימער. ביי דער טיר זאָגט ער צו סטאַשאַ: „דיין שוועסטער פון סטאָקהאָלם האָט געשריבן". און דערלאַנגט איר דעם בריוו. „ווייסט איר", האָב איך געזאָגט צו סטאַשאַ, אַז ער איז אַוועק, „איך האָב געמיינט, אַז איר האָט גאָר ניט קיין שוועסטער אין סטאָקהאָלם". „פאַרוואָס האָסטו דאָס געמיינט?" — האָט סטאַשאַ געפרעגט ברוגז. „ווייל וויפיל איך האָב דיך געבעטן, האָסטו קיינמאָל צו דיין שוועסטער ניט געשריבן. אָבער דעם דאָקטאָר צוליב האָסטו דאָס קענטיק יאָ געטאָן". דערפון האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריג צווישן אונדז. אַ מאָדנע זאַך, ווי אָט דער לחלוטין ניט וויכטיקער בריוו האָט אויפגעהויבן די געשיכטע פון אַלע אונדזערע גוטע און שלעכטע טעג! מיר האָבן אַזוי געלאַרעמט, זיך קריגנדיק, אַז דער דאָקטאָר איז אַריין, האָט סטאַשאַ זיך אַרופגעוואָרפן מיט טענות אויך אַף אים. האָט ער איר געענטפערט זייער גראָב. און אז איך האָב זיך געוואָלט אָננעמען פאַר סטאַשאַ, האָט ער מיר געוויזן די טיר. האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר און אויסגעשפרייט די הענט.

„ער וועט ניט אַוועקגיין, איך האָב אים ליב, נאָר אים האָב איך ליב". איך האָב זי אַרומגעכאַפּט: „קום מיט מיר". „יאָ, און טויזנט מאָל יאָ". „איר האָט זיך דאָך אָקאָרשט געקריגט" — האָט אָפּגעפרעגט דער דאָקטאָר מיט אַ ליצנישן געלעכטער. אָבער שוין איז ער געלעגן אויף דער ערד, איך אויף אים. געענדיקט האָט זיך דערמיט, אַז מען האָט געבראַכט פּאָליציי. מען האָט מיך אַוועקגעזעצט אין אַרעסט ביי פּאָליציי פאַרן שטערן דעם שלום פון שטוב. דאָרט האָט מיר דער וועכטער דערלאַנגט איינמאָל אַ ציישונג. די געליבטע דערשאָסן — איז דאָרט געשטאַנען אין דריי שורות. דאָקטאָר קאַרקאָס אַן אויסלענדישער אַנאַרכיסט, האָט דערשאָסן סטאַשאַ. די מעלדונג האָט זיך געענדיקט מיט די ווערטער, אַז מען האָט אים אָפּגעשיקט אין משוגעים־הויז. — איך האָב אים אָפּטמאָל באַזוכט. ער איז געווען פאַרפאַלן אָן האָפענונג. ——

דאָס איז געווען דער סוף. די ליבע האָט אונדז אַלע דריי צעקלאַפּט. ביי מיר שלעפּט זיך דאָס צום לייגנסטן, אָבער נאָך אַלעמען בלייבט דאָס אַזוי: איך באַדויער גאָרנישט. איך האָב דאָך בעסער אָפּגעשניטן ווי דאָס רוב מענטשן. די טעג פון גליק, זאָלט איר וויסן זיין, די טעג פון גליק"... און ער האָט גאַנץ שוואַך געשמייכלט.

ליכטיקער טאָג.

דעם אפיצירס פּנים, געלבלעך, אָפּגעצערט, האָט נאָך דער שפּאַנונג, וואָס מיט איר האָט ער אַרויסגערעדט די לעצטע ווערטער, אויסגעזען נאָך אויסגעלאָשענער ווי ביינאַכט.